STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08155

# ESTER HA-MALKAH

Sh. Y. Londinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



(ייד. מוזיי, נ. י.)

מגילה־שייד, וואַרשע, אַכצענטער יאָרהונדערט



(לואוור—פאריז)

באַפליגלטע לייבן מיט מענטשלעכע פנימער — עמאלירטער רעליעף אין פּאַלאַץ פון דריוש ו אין שושן, 522—486 פאַר אונדזער צייט־רעכנונג.

ש. י. לאָנדינסקי

# אין שפּיגל פון דורות

דער ערשטער באַנד

# אסתר המלכה



אסתר — האָלצשניצעריי : ה. גליצענשטיין

ש. י. לאַנדינסקי

# אסתר המלכּה —
## אין שפּיגל פון דורות

היסטאָרישע מאָזאַיק אין דראַמאַטישע פּאָעמע, פינף טיילן, צוויי און דרייסיק בילדער, אַן עפּילאָג און 40 באַצירונגען: פאָלקס־קונסט, אַל־טערטימלעכע קונסט, פּערסישע מיניאַטורן, מאָדערנע קונסט. בעהזאר, ה. גליצענשטיין, ג. דאָרע, וו. טאָמאַס, י. י. טיסאָ, י. טאָפּעל, סעם לאָנדין, לעקלערק, דזשאַן מאַקלאַן, שאול ראַסקין, רעמבראַנדט און פאַרגעסענע.

# ESTHER, THE QUEEN
# IN THE MIRROR OF GENERATIONS

## ESTHER HAMALKE
## IN SHPIEGEL FUN DOYRES

*Copyright* 1952 *by*
SAM LONDYN
New York, N. Y.

פֿאַרבאָטן אויפֿצופֿירן אין טעאַטער, מוּאווי, ראַדיאָ,
טעלעוויזיאָן אָן דער דערלויבעניש פֿון מחבר.

שער־בלאַט: י. טאָפּעל

PRINTED IN THE U.S.A. BY
SHULSINGER BROS.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.
253



מרדכי אויפן פערד. רעמבראַנדט

## הויפּט־פּערזאָנען:

אחשורוש — מלך פון פרס

ושתי — זיין ערשטע מלכה

אסתר — זיין צווייטע מלכה

לאה — איר חברטע

תמר — איר פּאַרטרויטע באַדינערין

מרדכי — אסתרס פעטער

המן — שני למלך

זרש — המנס פרוי (און זייערע בנים)

ממוכן — דניאל אונטער א פארשטעלטן נאָמען, מיטגליד פון העכסטן מלוכה־ראַט, מנהיג פון „אונטערגרונט"

חנניא, מישאל, עזריה — זיינע אדיוטאַנטן

שר כרשנא — פּאָרזיצער פון העכסטן ראַט

אמהות: שרה, רבקה, רחל

פּליטים־בעלי־מלאכות (מאַניקירין, פריזירקע, העפטערין, גאָלדשמיט, שניידער, שיכמאַכער)

בגתן און תרש — טעראָריסטן

דער פּערס מיטן גראַגער

ויזתא — המנס בן, א דיכטער

הגי, הדאשפה, חרבונה — קאַמערדינער

כאָר, אָרקעסטער, עולים, הויפלייט, סריסים, זעלנער און המון

די האַנדלונג קומט פאָר אין פרס דער מדינה, אין שושן דער שטאָט, אין דער צייט פון דער אשעמעניד'ן־דינאַסטיע
(אַן ערך 400־2500 יאָר צוריק)

א תקנת־סופרים האָט, מיט א געווויסן כיוון, משנה שם געוועזן דעם מלך פון דער אשעמענידן־דינאַסטיע, אונטער וועלכן ס'זיינען געשיכטלעך פאָרגעקומען די האַנדלונגען, אָנרופנדיק אים: אחשורוש.

# ערשטער טייל



ושתי, די קעניגעץ, וויל נישט פאָלגן דעם מלך׳ס באַפעל

ג. דאָריי

# בילד איינס

דער אַריינגאַנג צום אינווייניקסטן טייל פון אחשורוש־פּאַלאַץ. אין ביידע זייטן פון אַריינגאַנג צוויי באַפליגלטע אָקסן־געטער מיט מענטשן־קעפּ, הדרת־פנימדיקע, ריזיקע סקולפּטורן פון גרויען אַלבאַסטער, אַזעלכע מיני שור־הבור׳ס. הויכע, שאַרפע הערנער, אויסגעשפּיצטע אויערן. די פליגל עטוואָס געהויבן, ווי גרייטנדיק זיך צו פליען; די דיקע קני פון דעם רעכטן פוס געהויבן, די מעכטיקע קלאָען אין דער לופטן...

באַזייט פון יעדן אָקס־גאָט: זעלנער מיט גרויסע, גלאַנצנדיקע לאַנצן אין די הענט, פיילנבויגנס און שווערדן געבונדן צו די זייטן. גייען פאַמעלעך פנים־אל־פנים, די בליקן כסדר געווענדט צום אַריינגאַנג, וואָס איז פאַרהאַנגען מיט אַ קאָלירטן פאַרהאַנג.

פון אונטער דעם פאַרהאַנג הערט זיך געקלאַנג פון געפעס און געשיר, היציקע געשרייען: — זאָל לעבן דער מלך אחשורוש! — זאָל לעבן! הידד...

דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף.

אַ ריזיקער פּילפּענצטערדיקער זאַל. עס זיצן אַרום גרויסע, נידעריקע טישן מיט קענטיקע שׂרים פון רייכן מאַלצייט, אויף נידריקע שטולעכלעך, שׂרים און מלכים אין בונטפאַרביקע פאַרשידענע נאַציאָנאַל־קליידער; גאָלד־געהאַפּטענע טורבאַנס, קרוינען, דיאַדעמען, בריליאַנטענע קנעפּ, ברוסטן באַדעקט מיט בענדער און גאָלדענע, מיט בריליאַנטן אָנגעפּיקעוועטע, זיך באַמבלענדיקע מעדאַלן...

העכער פון אַלע זיצט דער מלך אַחשורוש: די גרויסע גאָלדענע קרוין, פינקלענדיק מיט פּערל, בריליאַנטן, רובינען, טאָפּאַזן און אַנדערע אבנים־טובות, פאַרוקט ווייט אויפן ברייטן, פאַרשוויצטן שטערן, פון אונטער וועלכן עס ברענען גרויסע שוואַרצע, עטוואָס פאַרנעפּלטע אויגן; דאָס ברייטע פנים אין דאָס פון אַ געדיכטער, שוואַרצער, געקרייזלטער באָרד, שמעלצט זיך פון מתקות, הערנדיק די לעצטע טאָסטן פון דער גוואַלדאָוונער סעודה.

הינטער זיינע אַטלעטישע אַקסלען שטייען צוויי ריזיקע באַדינער: גברן אין היטלען מיט רויטע לאַמפּאַסן, פאַרשוויצטע פנימער; אין די הענט — עמאַלירטע קרוגן מיט שוימנדיקע ווייגען און גאָלדענע בעכערס. זיי נעמען אַוועק פון פאַר אחשורושן ליידיקע בעכערס און שטעלן אַוועק פולע...

הינטער די אַקסלען פון די שׂרים און מלכים שטייען איינצלנע דינער און טוען דאָסזעלבע.

אַ היציקע אַטמאָספערע. אין לופטן הענגט דער ריח פון אַ בלוילעכן ווירוויך און ווייניקע געטראַנקען.



**אַ מלך פון דער אַשעמענידן־דינאַסטיע. מעגלעך אחשורוש.**

אַ קונסט־בראָנז מיט 2450 יאָר צוריק

**איינער פון די מלכים:**

פריי און גליקלעך אין אונטערטעניקייט,
צוזאַמען מיט אַלע פרייע און גליקלעכע, אונטערגעוואָרפענע
פעלקער פון די גרויסע פאַראייניקטע מדינות פון פרס,
באַגריסט מיין פאָטערלאַנד דעם, אין־זון־געהילטן,
אין זיין גלאַררייכער קרוין שיינענדיקן,
מלך אחשורוש צום דריי־יאָריקן יובליי פון זיין טאַפּפערן
אויפשטייגן אויפן טראָן פון שלמה המלך...

**אַ צווייטער:**

זאָל לעבן דער מלך אחשורוש!

**אַלע:**

זאָל לעבן! הידד...

**אַן אַנדער מלך:**

ממשיך די ווערטער פון ערשטנס טאָסט, ווי אַן איינגעחזרטע דרשה:

און צו זיין טיפער חכמה און פאַרזיכט דעם טראָן צו באַשטייגן
בלויז סימבאָליש, ווייל אַנדערע מלכים פאַר אים,
ווי נבוכדנאצר און פרעה נכה, זיינען געניזקט געוואָרן,
ווענדיק דעם צעבראָכענעם טראָן באַטרעטן...

**אַן אַנדער מלך**

ציט ווייטער די ווערטער פון פריערדיקנס טאָסט

אונדזער פריי פאָטערלאַנד, גליקלעך אין אונטערגעוואָרפנקייט,
קניט אין אונטערטעניקייט פאַרן מעכטיקן סצעפּטער פון זיין
מאַיעסטעט,
ווי די לייבן און לעמפּערטן אונטערן זיסן קנוט פון גאָט שאַמאַש,
און אַזוי בייגן מיר אונדזערע רוקנס צו די פּאָטערלעכע,
צעפּלאַטערטע שמיץ
פון דיינע איידעלע בלייענע קנוטן...

**אַלע:**

הידד!

**אַן אַנדער מלך:**

זאָגט ווייטער דעם טאָסט:

גליקלעך צו קענען, אונטערטעניק-פריי, נעמען אנטייל אין די גאָלדענע רגעס, וואָס געדויערן שוין הונדערט און אַכציק טעג, מיטהוליענדיק מיטן גרויסן בעל-שמחה, ווייט פון אונדזערע פרידלעכע, שטילע, פרייהייטליבנדיקע היימען, וואו פאַרבענקטע ווארטן אויף אונדז אונדזערע קינדער, בפרט אונדזערע געליבטע שיינע פרויען...

**אַלע:**

הידד!

**איינער:**

מיין פרוי איז די שענסטע...

**אַן אַנדערער:**

מיינע — אַ צדיקות.

**אַן אַנדערער:**

מיינע — געטובלט אין ליבע און דביקות.

**אַן אַנדערער:**

און איך האָב נאָר צוטרויען צו אינדישע פרויען,
מען לאָזט זיי נישט אָנזען די ליכטיקע שיין,
מען נעמט זיי-מיט לעבעדיקע אין קבר אריין...

**אַן אַנדערער:**

ס'האָט שלמה געזאָגט: „קיין פרוי נישט פאַרטרויען"

**אַן אַנדערער:**

די פרויען פון תרשיש זיי ליבן דאָס גאָלד —
און דעם, וואָס פאַרמאָגט עס, דעם האָבן זיי האָלד.

אַן אַנדערער:

די פרויען אין אדום ליבן וואַלד און פעלד,
דער גרויסער פריץ — געליבטער העלד.

אַן אַנדערער:

ביי אונדז אין מצרים ליבן זיי פערד,
נו, מילא, מען צאָלט זיי, לויט זייער ווערט;
אַן אָדם חשוב האָט פרויען זיבן.

אַן אַנדערער:

איך מיין, אַזאַ חשיבות איז איבערגעטריבן...

אַן אַנדערער:

די פרויען אין ספּאַרטע —
נאַטורן האַרטע.

אַ צווייטער:

און רייטערקעס גרויסע...

אחשורוש

זיי ליבן די כוס׳ע?

דער ערשטער:

אייער מאַיעסטעט,
ליבן — אין ספּאַרטע — אַ גרויסער חטא,
ליקורג האָט פאַרווערט.

אחשורוש:

פוי, אומדערהערט!

איינער:

מען זאָגט: „זיי״ שטאַמען פון יידן.

אַ צווייטער:

גיי, גיי, לאָז צופרידן.

איינער:

די פרויען אַטענער —
זיי בונטעווען די מענער.

אחשורוש:

און שיין?

דער ערשטער:

זיי האָבן אַ געוויסן חן.

דער צווייטער:

יאָ, סטאַטועס פון מירמלשטיין.
אין טעמפּלען... שווייגנדיקע... שטילע...

אַן אַנדערער:

נישט צום ליבן, נאָר צו תפילה.

אַ יונישער אַמבאַסאַדאָר:

מען זאָל גלויבן העראָדאָטן, האָבן די כשדישע פרויען שרעקלעכע מנהגים. יעדע איינע פון זיי מוז איינמאָל אין יאָר אין עשתרות-טעמפּל אַ פרעמדן מאַן מיט איר שיינקייט מהנה זיין.

אחשורוש:

און אַ מיאוסע?

אַ צווייטער יון:

מוז, נעבעך, אָפּוואַרטן אַ פּאָר יאָר צו קענען, אין טעמפּל, במחילה, מזנה-זיין.

איינער:

און די מענער האָבן צו זיי פּאַרטרויען?

דער בבל-אַמבאַסאַדאָר:

בלבולים!... אַ שאַנדע!...
גרויל-פּראָפּאַגאַנדע!...
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן!

**אַן אַנדערער:**

איך וואָלט אַזאַ מין „האַראַדאַטל" אויסגעשטאָכן די אויגן,
דעם ליגנער, דעם געמיינעם.

**אַ פּערסישער מלך:**

איר זאָגט: „האַראַדאַטל", רעדט איר וועגן עפּעס אַ קליינעם,
איך וויל אָבער וויסן מכוח האַראַדאָטן דעם גרויסן,
וואָס איז ער דאָמיט אויסן?
זאָל דאָס אמת זיין, אַז ער זאָגט ליגן?

**אחשורוש:**

נו, מיינע חשובע געסט, איבער אַ יונישן „פילאָזאָף"
נישט כדאי זיך צו קריגן.

און מכוח דעם אשתרות-טעמפּל... דאָס... ע...
דערפון האָבן די פּריסטער פּר־נ־סה...

**איינער:**

אדוני מלך,
פאַרנעם אויך אַ יידישע שטימע:
"כל כבודה בת-מלך פנימה" —
ביוויל יעדער אוצר מוז זיין באַהאַלטן.

**אַן אַנדערער:**

אַ תורה פאַר אַ זקן, אַ קאַלטן!

**אַן אַנדערער:**

און פון שלמהן ווערט דערציילט:
פון זיינע טויזנט ווייבער האָט אים יעדע נאַכט אַן אַנדערע
פאַרפעלט.

**אחשורוש:**

און די וואָך?

**איינער:**

ער האָט געקענט די שדים-שפּראַך,

זיי האָבן צומאָרגנס אָפּגעבראַכט
די מרשעת צוריק.

**אַן אַנדערער:**

אויך מיר אַ גליק!

**אַן אַנדערער:**

געהאַט טויזנט ווייבער און באַזונגן נאָר איינע.

**אַן אַנדערער:**

אַ נייער פּירוש אויפן „ישקני"...

**אחשורוש:**

דאָס האָט ער דעם „ישקני" געשריבן?

**איינער:**

דאָס „געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען" —
דער גאַנצער מענטשהייט די נשמה געפּאַנגען...

**אַן אַנדערער:**

דאָס איז אויך איבערגעטריבן.

**אַן אַנדערער:**

געלערנט די פּרינצן ווי צו ליבן —

**אחשורוש:**

אַ גרעסערער דיכטער ווי אונדזער ויזתא?

**איינער:**

נישט געמאַכט פון געזאַנג קיין פּרנסה.

**אחשורוש:**

אַזוי? נישט געבעטן פאַר אַ חניפהלע — באַקשישן?

**איינער:**

די שענסטע מלכה׳ס ביי זיינע טישן.
אַמאָל זיי אויך געהאַט גענוג,
געזאָגט: לגבי פרויען איז קיינער נישט קלוג.

**אייניקע:**

חזרן איבער

קיינער נישט קלוג.

**איין מלך:**

און מיך אינטערעסירט אַן אַנדער ענין,

וואו גענומען אַזאַ גוואַלדאַוונעם בנין פאַר זיין האַרעם?

**אחשורוש:**

און כּוח?

**איינער:**

ער פלעגט זיי אַמוזירן מיט שאַרפן מוח,

זיין חכמה האָט נאָך היינט אַ שם.

**אַן אַנדערער:**

וואו זיינען זיינע קלוגע טאַטן?

אפילו די מלכּה שבא האָט אים פאַראַטן.

**אַן אַנדערער:**

האָב איך, בכּן, איין אשת־חיל און איינע צום שפּיל.

**אַן אַנדערער:**

פאַר אַ סרים איז איינע צופיל.

**אחשורוש:**

מיר זיינען אַלע בגילופין — נעמט עס דער רוח —

וואוהין וועט פאַרפירן אַזאַ מין וכוח?

ווער פון אייך, שרים, האָט מיין קעניגין געזען?

איר גראַציע, איר חן, איר בליק און איר ברען?

בגתא, אבגתא, זיתר, כּרכּס,

בזתא, חרבונא, מהומן,

געטרייע יעוונוכן,

די מלכּה באַפעל איך — צו סעודה צו קומען —

לויפט שנעלער איר זוכן:

די גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ זאָל גלאַנצן,

צוויי גאָלדענע בעכער מיט וויין אין די הענט,
די אויגן די בלויע ווי זונען צעברענט,
און אָנקוקן זאָל מען געשטאַלט אינגאַנצן:
קיין זיידענע שמאַטעס, קיין ריפּסענע לאַכעס,
די שרים זאָלן האָבן פון לייב-קאָליר נחת,
אַנטפּלעקן די שיינקייט אין חוהס קליידער...

די זיבן יעוונוכן לויפן איינער הינטער דעם צווייטן, ווען דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ.



די וואַך פון פּערסישן מלך, עמאַלירטער רעליעף פון פּאַלאַץ פון דריוש I אין שושן 486—522 פאַר אונדזער צייט-רעכנונג (לואוור—פּאַריז)

## בילד צוויי

אַריינגאַנג צום אינווייניקסטן טייל פון פּאַלאַץ פון דער קעניגין ושתּי. אין בײדע זײַטן פון אַריינגאַנג: צוויי שטיינערנע ספינקסן: פרויען־לייבין. נעבן יעדן ספינקס — וואַכן פאַרטראַכטע. אנשטאָט טירן — אַ קאָלירטער פאָר־האַנג. פון אונטער דעם פאָרהאַנג הערט זיך געקלאַנג פון געפעס און געשיר. היציקע פרויען־שטימען: — זאָל לעבן די קעניגין ושתּי! זאָל לעבן! הידד!

דער פאָרהאַנג הייבט זיך ביסלעכווייז אויף. די קעניגין ושתּי אין אַ שיינענדיקער גאָלד־געהאָפטענער פורפור־סאַרי. גרויסע, בריליאַנטענע קאָליע, אַ דיאַדעם מיט פינקלדיקע אַבנים טובות אויפן קאָפּ, אַ געפערלטער נאָזבאַנד.

פאַרשידענע האַרינטעס מיט דיאַדעמען אָדער בלומענקרענץ אויף די קעפּ זיצן אין בונטפאַרביקע קליידער, באַהאַנגען מיט פאַרשידענע צירונגען, אויף אָנגעוואָרפענע קישעלעך און טעפּיכער ביי נידריקע געגרייטע, לאַנגע טישן מיט סימנים פון נאָך אַ מאָלצייט. יעוונוכן גיסן אָן שוואַרצע קאַווע אין קליינע טעפּעלעך.

**ושתּי:**

אַ גרויסער מלך, אַ גוטער, אַ וואוילער;
חלילה, קיין הויכע פּאַרע פון מויל ... ער —
זיין גוטסקייט און פרומקייט האָט אַזאַ שם,
זיין פוס באַטרעט נישט ביי טאָג דעם האַרעם,
אַ בליק נישט דיסקרעטער — דעם מלך פאַרשעמט,
מען מוז ביי אים שלאָפן — די אַרבל אין העמד
אַרונטערגעבונדן שטייף אויפן רוקן:
דער שאָטן פון וואַנט
זאָל, חלילה, די נאַקעטע האַנט
נישט, גלוסטנדיק, באַקוקן ...

**איין מלכּה:**

אַזאַ בייזער?
דאָס איז ער דעם טראַכט־באַנד גוזר?

**ושתי:**

חלילה, אַ נשמה אַ שטילע,

אַ מזל-טוב, אַנ׳אייביק צעלאַכטער,
פּאָר שרים און מלכים אַ שמחה׳לע מאַכט ער,
קומט מען פון אַלע פעלקער און לענדער
אין פּורפּור, אין גאָלד און פּערל-בענדער.

די שענסטע קליידער, די שענסטע קרוינען,
די שענסטע בערד די טישן באַשוינען;
די ברוסטן באַהאָנגען מיט מעדאַלן,
כל-המיני ריבאַנס, און געהאַפּטענע שאַלן.

אין גאָלדענע בעכער, קריסטאָלענע געפעסן,
די בעסטע מאכלים, די עלטעסטע וויינען,
דאָס גאַנצע עשירות לאָזט מלך דערשיינען...
מען הוליעט שוין הונדערט און אכציק מעת-לעתן.

**איינע:**

אַזאַ מין סעודה בלויז פּאָר שרים.
און דאָס פאָלק בלייבט, נעביך, אָרעם?

**ושתי:**

דאָס פאָלק זאָל נישט צופיל מקנא זיין,
באַשליסט מען דאָס פאָלק אויך מהנה זיין;
און לייכטער צו מאַכן פאַר פאָלק דעם יאָך —
אים געבן אַ סעודה אַ גאַנצענע וואָך.
מען עפנט פאַרן פאָלק דעם באָטאַנישן גאָרטן,
אַלייען, וואו טריט פרעמדע טרעטן נישט דאָרטן,
און צו פאַראייניקן קונסט מיט חומר
בינדט מען די צווייגן פון כל המיני בוימער
צונויף, ווי אַ ריזיקע סוכה מיט סכך,
אַ גאָרטן אַ פּאַלאַץ — אַ צווייגיקער דאַך.
עס זאָל נישט פאַרשאַטן אין גרויסע היצן
דאָס עסן און טרינקען... אַ שאָטן זאָל שיצן.

**איינע:**

אן זייערע פרויען אינגאנצן פארגעסן?

**אַן אַנדערע:**

אין קיך מיט די קינדער... אין אייביקע יאָכן...
מען ווערט ביי דער ווירטשאפט אינגאנצן צעבראָכן.

**אַן אַנדערע:**

וואָס איז פאר אַ לעבן אַ וויסטער — אַן מאַנען...

**אַן אַנדערע:**

מען זאָל זיך באמת אָנהייבן דערמאָנען,
נישטאָ זיך מיט וועמען איבערצונעמען —
עס פירט די מלוכה אַ באנדע שיכורים...

**אַן אַנדערע:**

מיר אַלע געהערן על־פּי נאַטור... אים.

**ושתי:**

אַ קעפּסווייב צווישן די פרויען פון שרים?
הערי, דינער, שפּאַצירט מיט איר אונטערן אָרעם —
צוויי דינער נעמען די פרוי אונטערן אָרעם און פירן זי אַרויס
און איר, האַרינטעס, קודם די מענער נישט זידלען,
זיי אַרבעטן, האָבן זיי רעכט צו הוליען;
נישקשה, נאָך דאָ זיך צו וועמען צו טוליען,
מען קען זיך מיט אונדזערע „שיכורים" ניט שעמען...

אין ווינקל הייבט זיך אויף אַ פּאַרהאַנג. מען זעט אַ פרויען־קאַפּעליע

אַ פריילעכס! שטעלט אַן די פידלען,
טראָמפּייטן, געגונג בחנם גלאַנצן,
פּייקלעך — פּייקלט... רופט צום טאַנצן...
לכבוד דעם ליכטיקן מלך׳ס יובליי,
טאַנצט פּרינצעסינס, פּערסיענס פּני.

ס׳פּאַלן פלוצלינג אַריין, זיך ווישנדיק דעם שוויס פון פנים,
זיבן סריסים איינער הינטער דעם אַנדערן

**דער ערשטער סרים:**

מיר האָבן דעם כבוד צו מעלדן אונטערטעניק:
די קעניגין פאַרבעטן צו סעודה צום קעניג...

**ושתי:**

מיט שטאָלץ צו די ווייבער

בחנם די האַרינטעס געמורמלט אויף מענער,
פאַרבאַרגן דעם מלך'ס ליכטיקע פלענער.

**דער צווייטער סרים:**

מיין ליבע קעניגין, דער מלך בגילופין
באַפעלט אייער כבוד צו אים צו רופן.

**דער דריטער סרים:**

די גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ זאָל גלאַנצן,
צוויי גאָלדענע בעכער מיט וויין אין די הענט.

**דער פערטער סרים:**

די אויגן די בלויע, ווי זונען צעברענט

**דער פינפטער סרים:**

און אָנקוקן זאָל מען געשטאַלט אינגאַנצן.

**דער זעקסטער סרים:**

קיין זיידענע שמאַטעס, קיין פורפורנע לאַכעס,
די שרים זאָלן האָבן פון לייב-קאָליר נחת.

**דער זיבעטער סרים:**

אָנטפלעקן די שיינקייט אין חוה'ס קליידער...

**ושתי:**

מיט אַ שמייכל

גייט, ענטפערט דעם מלך, דעם ליבן: — ליידער,
זי האָט נישט קיין צייט צום מלך צו קומען,
זי איז מיט איר אייגענעם באַל פאַרנומען.

**אַלע סריסים:**

אין איין כאָר

דו, מלכה, קיין באָבע-מעשיות דערציילֿ,
מיר עצה'ן דיר טאָן דעם מלך'ס באַפעל —
אַז דו וועסט מיט מלך צולהכעיסן טרייבן,
פון דיר מיט דיין שיינקייט קיין זכר נישט בלייבן.

**ושתי:**

אויפגערעגט

בחנם די טרחה, ניין און ניין!
צו שטאַרק באַשעפטיקט, איך קען נישט גיין.
איך בין אויף אַ באַל מיט מיינע פרויען,
אויך זיי מוזן האָבן צו מלכות פאַרטרויען!
איך מוז זיי אַרומווייזן אַלע פּאַלאַצן,
זיי זאָלן דאָס מלכות נישט אונטערשאַצן.

קלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש

אַ חוצפּה! אַ קנעכט, וואָס איז מלך געוואָרן,
צו וועלן, ווי מאַרמאָרנע פּופּע, מיך נוצן!
אַ קרוין געוואונען — דעם שכל פאַרלאָרן —
פלעגט האָבן אַ זכיה די שטיוול צו פּוצן
מיין פאָטערס... דעם טראָן פאַרנומען —
און איך זאָל פאַר שרים אַ נאַקעטע קומען?
איך בין אַ פּרינצעסין, ביי מלכים געבאָרן,
לעת-עתה ביי אים נאָך קיין קעפּסווייב געוואָרן.

כאַפּט זיך צוריק, פאַרשעמט פאַר די פרויען, באַהערשט זיך

מיין טאַטע בלשאצר פלעגט טרינקען פאַר טויזנט
די עלטעסטע ווײַנען, די שוימיקסטע ברוזנד,
און קיינמאָל פון שיכרות דעם קאָפּ נישט פאַרלירן,
נישט לאָזט זיך פון ווײַנען פון וועג אַראָפּפירן...
פאַר חרפּה, פאַר בושה די האָר מיינע גרויען.

סריסים פאַרנויגן זיך און לויפן אָפּ איינער הינטער דעם צווייטן. פאָרהאַנג פאַלט

## בילד דריי

דעקאָראַציע ווי אין בילד איינס

**אחשורוש:**

אין כעס

**זיך אָפּגעזאָגט קומען אויף מלך׳ס באַנקעט?**
**דאָס הייסט ווידערשפּעניקן, סטייטש, אַזאַ חטא.**
**פאַרלאָזט זיך אויף יחוס און גאָלדענעם בעט?**
**זי פאָלגט נישט — און פאַלט נישט ביי זיך אַראָפּ;**
**דער מלך הייסט קומען — די מלכה זאָגט אָפּ.**

(דאָך מלך׳ס קאַפּריז איז געפּאַנצערט אין אייזן.
דריי מאָל האָט דער מלך דער מלכה באַפוילן
צו סעודה צו קומען, זיין שמחה צו טיילן;
דריי מאָל האָט די מלכה דעם מלך פאַרשעמט,
און נישט געוואָלט קומען אין לייביקן העמד...
און ווײַנען צעגליען דעם צאָרן פון מלך,
ער פּלאַצט שיעור פאַר חרפּה...)

**אַ משפּט באַפעל איך:**

**אָ, זאָגט, איר, חרטומים און קלוגע האַרן,**
**און זקנים אין הלכות נשים דערפאַרן,**
**צי איז דאָס מרידה — צי סתם משוגעת?**
**און וואָס זאָל מען טאָן מיט אַזאַ מין מרשעת?**

(און מאַדזשן, מאַהאַראַדזשן, און מיניסטאָרן,
זיי חנפהנען שמייכל, זיי חנפהנען צאָרן —
אין לאָקן פון בערד די פינגער פאַרוקן,
און איינער צום צווייטן פאַרחידושטע קוקן....
רופט אָפּ זיך ממוכן, דער גרעסטער חכם,
און אַלע חכמים, זיי באַמקען אויך נאָך אים).

**ממוכן:**

אַ הויכער, עטוואָס געבויגענער הדרת־פּנימדיקער מאַן, ווייסער, גאָלד־באַזוימטער טורבאַן אויף אַ גרויען קאָפּ. אויף דער ברוסט אַ קאָלירטער באַנד באַהאַנגען מיט מעדאַלן. ווען ער שטייט אויף צום רעדן, שטעלן זיך אויף אַ טייל פון די שרים פון כבוד וועגן. מיט אַ שמייכל און אַ מאַך מיט דער האַנט הייסט ער זיי זיצן.

**ליכטיקער מלך, ווען אַלע ליבע שרים האָבן וועגן ווייבער געשריגן,**
**האָב איך געשוויגן,**
**דערלויבט מיר, בכן, מאַיעסטעט, צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער**
**וועגן דעם הויכן ענין:**

עס טרייסלט זיך פּערסיעס שטאָלצער בנין:
דען נישט נאָר צום מלך געזינדיקט האָט קעניגין,
געוואָלט האָט זי פּרם אינגאַנצן באַליידיקן,
וואָס הייסט עס, די ווייבער באַזונדער פאַראייניקן,
און גרינדן אין פּערסיען אַ ווייבער־אימפּעריע?
נישט פאָלגן דעם מאַן איז אַ יעדע אַ בריה...
קען ושתי די מלכה נישט פאָלגן דעם קעניג,
למאי זאָלן זיי גיין אין שפּאַן אונטערטעניק?
אַ בושה, אַ חרפּה, אַ צאָרנדיק בזיון —
און ווי זאָל מען ליבן אַזעלכענע פרויען?

**איינער פון די שרים:**
פאַרטרייבן פון טראָן.

**אַ צווייטער:**
פאַרטרייבן פון בעט...

**אַ דריטער:**
זאָל ושתי באַצאָלן מיטן קאָפּ פאַר איר חטא!



איינער פון די מלכים: „פריי און גליקלעך אין אונטערטעניקייט"... פאסטעל: סעם לאַנדין

## בילד פיר

אַ קאַמער אין איינעם פון די טורעמס פון אחשורוש־פּאַלאַץ. אַוואַל געוועלבט. דורך קליינע, קיילעכדיקע פענצטערלעך פליסט קאַרג אַ בלויליך ליכט. די בילדער אויף די ווענט, אין גרוילעכן ליים, שטעלן פאַר היסטאָרישע געשעענישן פון פּערסיען: שלאַכטן, געפאַנגענע א. א. וו. ביי די זייטן פון די ווענט: ביוסטן אין גרויען באַזאַלט, סקולפּטורן פון פּערסיענס חכמים, מלכים, העלדן. ביי מזרח־וואַנט — אחשורוש־דענקמאָל. דער מלך, רייטנדיק אויף אַ פערד, מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד אין דער האַנט.

אונטער דעם דענקמאָל, אויף קישעלעך און טעפּיכער, די פיס הינטער זיך, האַלט אָפּ א זיצונג דער העכסטער ראַט: זקנים מיט ווייסע בערד, טור־באַנען. מען דערקענט זיבן חכמים. טייל פאַרציען פון צייט צו צייט נאַרגי־ליעס, וואָס זידן נעבן זיי.

המן, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיטליעריקער מאַן מיט באַקנבערד, לייענט פון אַ פּאַפּירוס.

**המן:**

הייבט אויף די אויגן צום דענקמאָל

**אַ דאַנק דעם געניאַלן מנהיג, אונדזער העכסטן קאָמאַנדיר, זיינען זיך אונדזערע גרעניצן שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן: פון די ברעגן פון שוואַרצן ים ביז צום ים הגדול; פון די געפּראַ־רענע וואַסערן אין לאַנד פון די ווייסע בערן ביז די בלויע, צעזוניקטע, זיידענע שטראָמען פון שטילן אָקעאַן; אַריבער די געוועזענע גן־עדן־טייכן, דעם גאָלד־רייכן אופיר־לאַנד, מינעראַל־רייכן כוש־לאַנד און דעם פרוכטבאַר־פאַרכשופטן הודו־לאַנד...**

**ממוכן:**

**אדוני פּאַרזיצער! אייער כבוד וועט אַזוי גוט זיין באַמערקן דעם רעפערענט, אַז די חברים פון העכסטן ראַט קענען אַלע די לאַנד־קאַרטע. ער דאַרף זיך מצמצם זיין.**

**המן:**

כדי צו פאַרזיכערן אונדזערע גרעניצן און די פרייע פעלקער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון פערסיען זאָלן נישט לייכט אַרונטערפאַלן די מוטווויליקע השפעות פון די ווידערשפעניקע עלעמענטן, וואָס פאַרזייען מרידה אויפן נידריקן דעק פון די אומוויסנדיקע, גרויסשטאַטישע המונים...

**פאַרזיצער:**

בבקשה, זייט זיך מצמצם...

**המן:**

דאַרף דאָס פערסישע מיליטער זיין מעכטיק, מען זאָל פאַר דעם אין אויסלאַנד צאַפּלען, און אין לאַנד — ציטערן, און...

**ממוכן:**

אדוני פאַרזיצער, שר כרשנא! אייער כבוד וועט אַזוי גוט זיין באַמערקן דעם רעפערענט, אַז אַלע חברים פון העכסטן ראַט האָבן געלערנט ייִנגלווייז די קונסט פון שיין-רעדנעריי. זאָל דער רעפערענט רעדן צום ענין!

**פאַרזיצער:**

איך גלויב, דער חשובער רעפערענט האָט געהערט די ריכטיקע באַמערקונג פון חכם ממוכן.

**המן:**

איך שלאָג, בכן, פאָר איינצופירן אין פערסיען דעם לייבן-קאַמף...

*כאַראַקטער די ווירקונג, וואָס די ווערטער האָבן געמאַכט אויף די זקנים*

דער זעלנער דאַרף האָבן די געלעגנהייט, אין צייטן פון שלום, זיך צו לערנען גבורה, און די המונים האָבן געוויס ספּעקטאַקלען פון גרויסן ספּאָרט, בפרט, זיך צוצוקוקן, ווי געפאַנגענע שקלאַפן און מורדים באַקומען זייער גערעכטן פּסק... דער המון האָט ליב צו הערן, ווי די ביינדעלעך פון די פאַרברעכער קנאַקן אונטער די ציין פון די קעניגלעכע לייבן...

*די חכמים קוקן זיך אָן נשתומם*

דער לייבן־קאַמף איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע צעמענטן פון דער גרויסער, בבלישער אימפעריע, בפרט, אונטער דער ממשלה פון זיגרייכן נבוכדנצר.

באַטראַכט די ווירקונג

קיין שונא האָט קענן יענעם בבל נישט געקענט ביישטיין. אפילו נישט דאָס מורדים׳דיקע יהודה, וואָס רימט זיך אין זיינע היי־ליקע שריפטן: „גור אריה... אַ יינגער לייב איז יהודה!״.

**ממוכן:**

אדוני פאַרזיצער, שר כרשנא!
אייער כבוד וועט אַזוי גוט זיין דערמאָנען דעם רעפערענט אַז ער רעדט נישט צום ענין. בפרט, אַז ער געפינט זיך פאַרן העכסטן ראַט פון די פאַראייניקטע פערסישע שטאַטן, וואָס האָבן צעשמעטערט זיין אידעאַל, דאָס מעכטיקע בבל!

**פאַרזיצער:**

איך גלויב, אַז דער רעפערענט המן האָט גוט געהערט די באַ־מערקונגען פון חכם ממוכן. אַזוי גוט זיין זיך האַלטן אין גדר פון פּראָיעקט.

**המן:**

אַ זכר פון די מעכטיקע לייבן־בריגאַדעס אין דער גרויסער, בבלישער אימפעריע, איז דער דענקמאָל אויף די צעבראָכענע פונדאַמענטן פון די חרובע קונסט־פּאַלאַצן פון בבלס אמאָליקע באַרימטע מלכים...

באַטראַכט די ווירקונג

דער שטיינערנער לייב טרעט אויף אַ צעבלוטיקטן געפאַנגענעם, מסתמא, איינעם פון יהודה׳ס מורדים...

**ממוכן:**

כורש, דער פּערסיאַנער, האָט צעשטערט די אומווירדיקע דענקמעלער, וואָס המן רופט אַן קונסטווערק. ער האָט בכיוון

איבערגעלאָזט אַ צייכן לדורות, אַ סימבאָל פון איר אוממאָ־ראַלישקייט, דעם שטיינערנעם לייב מיט אַן אָרעם מענטשן־קינד אין די לאַפּעס. די מענטשהייט זאָל וויסן אויסצומיידן די שענדלעכע דרכים, וואָס האָבן, אגב, גורם געווען בבלם מפלה.

**המן:**

אַ דאַנק דעם חכם ממוכן פאַר די לומדישע באַמערקונגען. מיין פּראָיעקט צו שאַפן אין פּערסיען אַ לייבן־בריגאַדע, האָט מער אַ שייכות צו מיליטער, ווי צו געשיכטע און מאָראַל...

**ממוכן:**

אדוני פּאָרזיצער, שר כרשנא! איך בעט נאָך אַ מאָל אייער כבוד אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם רעפערענט המן, אַז דאָס גאַנצע פּערסישע פאָלק איז איין וואונדערגאָרטן אויפן באָדן פון דער פּערסישער געשיכטע. די פאַרשידן־צעבליטע, בוימער, זיינען פאַרוואָרצלט אין איין און דעם זעלבן באָדן. זיי ציען זייערע רייכע זאַפטן פון דער ערדיש־טיף־געשיכטלעכער און הימליש־לויטערער מאָראַל פון אַל־ליכטיקן: קיין יוצא מן הכלל פאַרן פּערסישן מיליטער! מיטן זוניקן חסד פון אהורא מאַזדאַ איז אונדזער מיליטער מאָראַליש. מיליטער אָן מאָראַל איז אַ דיס־ציפּלינירטע באַנדע רוצחים און רציחה איז אין גאַנץ פּערסיען פאַרבאָטן!

**אַלע:**

הידד, חכם ממוכן!

**פּאָרזיצער:**

רעפערענט המן! דער חכם ממוכן האָט אייך נאָך אַמאָל געפּרואווט אַרויספירן אויפן דרך הישר. האַלט זיך געניי אין גדר פון אייער ענין. אין קעגנפאַל...

**המן:**

איך לייג פאָר איינצופירן אין פּערסיען אַ לייבן־בריגאַדע, געגליכן צו דער, וואָס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט אין מצרים איינגעפירט דער באַרימטער קעניג — פּרעה נכה.

ממוכן:

שר כרשנה! איך בעט געבן אַ לעצטע הזהרה דעם רעפּערענט, אַז ער באַליידיקט דאָס פּערסיש מיליטער, פאַרגלייכנדיק עס צו די שלימזלדיקע אַרמייען, וואָס זייערע לייבן האָבן מיט חרפּה און בושה געמאַכט פּליטה ביי די ערשטע בליצן פון אונדזערע קעמל און בפרט עלעפאַנטן־קאַראַוואַנען. דער רעפערענט, אַ „גרינער". וואָלט זיך געדאַרפט דורכנעמען מיטן פּערסישן גייסט, איידער ער קומט צום העכסטן פּערסישן ראַט מיט זיינע קלוגע פּראָיעקטן.

אַלע:

ריכטיק, חכם ממוכן, זייער ריכטיק!

המן:

איך בעט איבער דעם כבוד פון חכם ממוכן און פון העכסטן ראַט; איך בין נאָך, מעגלעך, נישט גענוג געטובלט אין די טיפע שטראָמען פון פּערסישן גייסט; מיין פּראָיעקט איז אָבער נישט נוגע דעם פּערסישן גייסט, נאָר דעם פּערסישן מיליטער.

ממוכן:

אדוני פּאָרזיצער, שר כרשנא! דער רעפערענט באַליידיקט מיט אַ ביזוי דעם כבוד פון פּערסישן מיליטער. דער כוח פון פּערסישן חייל באַשטייט אין פּערסישן גייסט, אין הארציקן יחוד מיט אַרמוז, דעם ליכטיקן.

המן:

איך בעט איבער דעם כבוד פון ליכטיקן פּערסישן גייסט, איך וויל רעפאָרמירן דאָס פּערסיש מיליטער.

שתר:

חשובער פּאָרזיצער, שר כרשנא! איך בין מסכים מיטן חכם ממוכן: דער רעפערענט באַליידיקט און לעסטערט...

ארמתא:

ווירדיקער פּאַרזיצער, שר כּרשנא!
איך בין מסכּים מיט מיינע פאָררעדנער. המנס פּראָיעקט איז נישט אין גייסט פון אונדזער פּערסישן לעבנס-שטייגער, ער לעסטערט אונדזער גלויבן און...

תרשיש:

ווירדיקער פּאַרזיצער, שר כּרשנא!
איך בין טאָפּעלט מסכּים מיט מיינע פאָררעדנער. המנס פּראָיעקט באַליידיקט אונדזער מיליטער, איז אין סתירה צום פּערסישן גייסט און דער פּערסישער מאָראַל, לעסטערט אונדזער הייליקן גלויבן, אָבער מחוץ לזה: ער שטעלט אין דער גרעסטער סכּנה אונדזער מלוכה-אוצר. מיין פאָטערלאַנד תרשיש איז נישט בכּוח צוצושטעלן אַזויפיל גאָלד, וויפל המנס לייבן זיינען ביכולת איינצושלינגען...

מרס:

ליבער פּאַרזיצער, שר כּרשנא! איך בין פאַרשטייט זיך, מסכּים מיט אַלע מיינע פאָררעדנער. איך וויל נאָר מוסיף זיין מכּוח איין געפערלעכן פּרט אין דעם פּראָיעקט: המנס לייבן-בריגאַדע וועט אַראָפּעסן דאָס לעצטע שטיקל הויט פון די אָרעמע ביינער פון אונדזער עני-ואביונדיקן המון, וועלכן המן וויל באַגליקן מיט פרעכע, האַרצלאָזע ספּעקטאַקלען. בפרט אָבער וועט המנס לייבן-בריגאַדע אָריינשלינגען די פלייש פּאָרציעס פון אונדזערע זעלנער.

מרסנא:

איך בין דרייפאַך מסכּים מיט מיינע פאָררעדנער. דער פּראָיעקט פון דעם נייעם „פּאַרזאָרגער" איז זייער חשוד. לפי-דעתי, וואָלט מען געדאַרפט איבערגעבן דעם רעפערענט המן מיט זיינע פאַר-דעכטיקע פּראָיעקטן, צו אַ מיליטער-געריכט, אַזאַ לייבן-בריגאַדע, וואָלט אונדז יעצט צונויץ געקומען. דעם ערשטן, וואָלטן מיר גע-

דאַרפט שיקן צו איר דעם רעפערענט המן, ער זאָל באַווייזן אַ משל פון גבורה; די ביינדעלעך פון אַזעלכענע רעפערענטן דאַרפן קנאַקן אונטער די שאַרפע ציינער פון אויסגעהונגערטע לייבן!

**דער פּאָרזיצער:**

רעפערענט המן! איך באַדויער זייער, וואָס אייער רעפּעראַט מכח רעפאָרמירן אונדזער אַרמיי, שטייט נישט אויף דער געהעריקער הויך. ער האָט גורם געווען אַזאַ איינשטימיקע קעגנערשאַפט אין העכסטן ראַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון פּערסיען, וואָס דאָס טרעפט, אגב, זייער זעלטן. פאַרוואָר, איר האָט באַליידיקט דאָס מיליטער און געלעסטערט אונדזער אמונה. איך בין, בכן, מחויב אייך איבערצוגעבן, לויטן פאַרלאַנג פון ראַט, צו אַ מיליטער-געריכט. אָבער איר זייט צו אונדז געשיקט פון העכסטן קאָמאַנדיר, וויל איך פון זיין כבוד וועגן, אייך בעטן אונדז מיטצוטיילן פּרטים פון ביודזשעט.

**המן:**

גרויסע רעפאָרמען זיינען תמיד פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. מען דאַרף אין שושן בויען נייע בנינים פאַר פינף הונדערט לייבן. דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסער בויאַרבעט. מען דאַרף פאַר דער לייבן-בריגאַדע פינף הונדערט נייע אייזערנע שטייגן, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט שאַפן נייע שמידערייען און ווערקצייג פאַר זיי, דאָס פאָדערט אַן איינמאָליקע אינוועסטיציע פון אַ צען טויזנט זילבער-טאַלאַנט׳ן. דער זולוס-קעניג פון דרום-אַפריקע נעמט זיך אונטער צוצושטעלן די 500 ספּאָרט-לייבן צו פינף הונדערט דרכמונים פער קאָפּ. מען וועט מוזן האָבן אַן ערך טויזנט לייבן-ציכטלער. אין סך הכל איז מיין פּראָיעקט פאַרבונדן מיט אַן הלוואה פון אַן ערך הונדערט טויזנט זילבער-טאַלאַנט׳ן. דאָס אויסהאַלטן די לייבן יערלעך...

**דער פּאָרזיצער:**

רעפערענט המן! איך מיין, די עטלעכע פּרטים גיבן אַ גענוגענדן סמך זיך אַרויסצוזאָגן.

**תרשיש:**

דער ביודזשעט איז פֿאַנטאַסטיש!

**המן:**

ציפֿערן זיינען תמיד עלאַסטיש.

**שתר:**

עלאַסטיש אַהער, עלאַסטיש אַהין,
אַ פּראָיעקט אָן אַ זין!

**אדמתא:**

דער ביודזשעט וואָלט זיין פֿאַר המנען זייער נוצלעך,
ליידער: פֿול מיט קרומע גענגלעך, אונטערשפּיצלעך.

**מרסנא:**

אונדזער מאָראַל שעדיקט ער,
אונדזער מיליטער באַליידיקט ער.

**ממוכן:**

אין כבוד פֿון העכסטן קאָמאַנדיר, וואָלט איך געמיינט, מיר זאָלן אין פּרינציפּ אָננעמען, פֿאַר אַ געוויסן טייל פֿון אונדזער מיליטער, די איבונגען אין לייבן־ספּאָרט.

המן שמייכלט צופֿרידן

די לייבן טאָרן זיך אָבער נישט געפֿינען אין קיין שום טייל פֿון דער פּערסישער מעטראָפּאָליע. בפֿרט, טאָר צו דער בריגאַדע נישט געהערן קיין שום פֿערם לויט אָפּשטאַמונג, אָדער קולטור, אָדער גלויבן. מיר מוזן פֿאַרזיכערן דעם פּערסישן זעלנער, אַז זיינע ביינער וועלן נישט קנאַקן אונטער די ציין פֿון די דרום־אַפֿריקאַנישע לייבן.

**שטימען:**

ריכטיק, ממוכן!

**ממוכן:**

לייבן זיינען גרויסע פּאַטריאָטן. פון אַלע שטייגן אין דער גאַנצער וועלט רייסן זיי זיך תמיד אַהיים צו זייער פּאַטערלאַנד. איך מיין דעריבער, אָפּגעזען פון אַלע פריער־ארויסגעזאָגטע טעמים, שוין צוליב צער־בעלי־חיים, וועט זיין גלייכער פאַר אונדז און פאַר די לייבן, זיי זאָלן פאַרבלייבן ביים זולוס־קעניג אין דרום־אַפריקע. דער זולוס־קעניג געהער צו די פאַראייניקטע שטאַטן פון פרס און זיין לייבן־בריגאַדע געהער צום פערסישן חייל, פאַר וועלכן אַלע פעלקער פון דער ערד ציטערן. די אוצרות, וואָס דער רעפערענט פאַרלאַנגט, זיינען נישט אַקטועל.

**שטימען:**

ריכטיק, זייער ריכטיק!

**ממוכן:**

דאָס מיליטער־געריכט וועט אים שוין, מסתמא, אויסלערנען נישט צו פּטרן אויף הבל הבלים די קאָסטבאַרע צייט פון העכסטן ראַט, און נישט סתם מבלבל צו זיין אונדזער העכסטן קאָמאַנדיר. איך שלאָג פאָר דער הויכער ראַט זאָל באַשליסן, אַז פאַר דער לייבן־בריגאַדע טאָר נישט באַנוצט ווערן קיין איינציקע דרכמונאַ פון אונדזער מלוכה־אוצר!

**אַלע:**

מסכים, חכם ממוכן, מסכים!

**דער פאָרזיצער:**

איך מיין דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען.

**אַלע:**

מסכים, שר כרשנא, מסכים!

**המן:**

און די ווייטיקע הוצאות?

**אַלע:**

וועלכע?

**המן:**

באַקשישן פֿאַר די פֿאַרמיטלער.

**תרשיש:**

פֿאַר וועלכע פֿאַרמיטלער?

**המן:**

נו, צווישן זיך גערעדט, לאָמיר זאָגן: אונדזער האָנאָראַר.

**ממוכן:**

אונדזער שכר? פֿאַר וועלכע מעשים טובים?

**המן:**

פֿאַרן נאָמינאַלן איינהאַנדלען די לייבן.

**אַלע:**

נישט צו גלייבן!

**דער פּאָרזיצער:**

דעם גאַנצן ענין וועל איך איבערשיקן צום מיליטערישן געריכט. מען וועט המנען משפּטן: ערשטנס פֿאַר באַליידיקן דאָס פּערסישע מיליטער; צווייטנס, פֿאַר זוכן בייזווויליק צו רואינירן דעם פּערסישן מלוכה־אוצר; דריטנס, פֿאַר פּרואוון אונטערקויפֿן דעם העכסטן ראַט; פֿערטנס, בנוגע באַגרינדעטן חשד אין מלוכה־פֿאַרראַט.

**המן:**

אַזוי? איר ווילט מיר אונטערשפּילן אַזוי קונציק, ווי איר האָט אונטערגעשפּילט דער קעניגין ושתי?

**דער פּאָרזיצער:**

מיר זיינען אַלע איבערראַשטע.

**המן:**

איך בין געשיקט פון העכסטן קאמאנדיר.
איר באליידיקט אים, שפעטנדיק פון מיר!

שטייט אויף, פארוויקלט די פאפירוסן, לייגט זיי אריין אין בוזים־טאש, שמייכלענדיק איראניש... גלייכט אויס דעם טורבאן אויפן קאפ, מאכט זיך צורעכט די אבאיע, טרייסלענדיק מיט די גאלדענע בראסלעטן אויף די הענט.

נישקשה, א מבין אויף אייער געהיימען געוועב:
איר וועט נאך פאר אלעם באצאלן מיט די קעפ!

גייט צארנדיק אוועק, פארקלאפנדיק הינטער זיך די טיר

**שתר:**

פרעך, ווי דער זונה׳ס א שמייכל!

**אדמתא:**

שלוי, ווי די אוראלטע שלאנג!

**ממוכן:**

ברעך, וואס עס ברעכט נישט דער שכל!

**שר כרשנא:**

גרייך, וואוהין ס׳גרייכט נישט געדאנק!

פארהאנג



א צייכנונג אין גאלד
אשעמענידן־דינאסטיע
(בריטיש מוזעאום)

## בילד פינף

בגתן, תרש, מרדכי.

אַ זייטיקער גאַנג צום אחשורוש־פּאַלאַץ. פּאַראַלעל צום פּאַלאַץ — אַ תפיסה. זאַמדן באַדעקט מיט שיטערע גראָזן. ס׳זעען זיך פּאַלמען, אַ ברונים. צוויי סריסים שעפּן, כלומרשט, וואַסער אוןריידן צווישן זיך.

**בגתן:**

אין בבל פּלאַקערט אויפשטאַנד. ווי לייבן קעמפן אַטענער.
מרידה צאָרנט אין סקיתה־לאַנד...

**תרש:**

אין שושן דער צאָרן נישט קלענער!

**בגתן:**

עס וואַרט די פּאַרטיי אונדזער צייכן.

**תרש:**

צו חצות מוז דער טויט אים פּאַרבלייכן.

**בגתן:**

און דאַסמאָל מוז אונדז שוין געראָטן.

**תרש:**

מ׳האָט נעכטן די בלייען געזאָטן.

**בגתן:**

צו וואָס געזאָטן די בלייען?

**תרש:**

אין פּעטן האַלדז אריין גיסן!

**בגתן:**

און, אַז ער וועט שרייען?

**תרש:**

מען וועט זיך מאַכן ניסן.

**בגתן:**

שטות'ערייען!

ווער האָט דאָס געקענט באַשליסן?

**תרש:**

די „צענטראַלע"...

**בגתן:**

אָן מיר — בלאָנדזשעט איר אַלע;

צי קען בליי פּליסן,

ווי שוימענדיקער ווײַן,

אין בורשטינענעם בעכער אַרײַן

פון גאָלדענעם קרוג?

הפסקה

רעוואָלט אַליין איז נישט גענוג —

מען מעג זײַן שלוי, מען מוז זײַן קלוג!

**תרש:**

לאָז זײַן אַזוי —

דעריבער?

**בגתן:**

ליבער פאַרסמען...

**תרש:**

גיין יעצט זוכן סם? די „וואך" פאַרזאַמען?

**בגתן:**

ש... ש... ש... מען גייט.

**תרש:**

נישט געפערלעך,

אָרעם, אָבער ערלעך.

**בגתן:**

ווער?

**תרש:**

ער... מרדכי. וואָס זאָגן?

**בגתן:**

דוכט זיך, אויף אונדזער וואָגן.

**תרש:**

וואָס הייסט?

**בגתן:**

געהער, אַפּנים, צו אונדזער פּאַרטיי.

**תרש:**

גיי, גיי...

**בגתן:**

לפּחות, דאָס שווערסטע פּראָבלעם געלייזט:
אַ „יידל".

**תרש:**

אַן אַלט לידל —
וואָס לאָזט עס מיך הערן?

**בגתן:**

אַ לייכט פאַרדינסטל... ממתקים גערן,
פאַר גאָלד — דעם סם — פאַרשאַפן!

**תרש:**

יאָ, אמת, צום גאָלד זיינען אַלע שקלאַפן.
הפסקה

אַ געניאַלער איינפאַל. צום גאַפן,
ווי דו טרעפסט תמיד אריין אין פּינטל.

**בגתן:**

אַ טאָג אַזאַ פּרעכטיקער —
און ער, ווי אַ נעכטיקער:

די באָרד נישט געבונדן, צעבלאָזן פון ווינטל;
דער טורבאַן — פאַררוקט. אַבאַיע — די פּאָלעס צעשפּרייט...

**תרש:**

פאַרשוויצט און דורשטיק, צום ברונים גייט...

**מרדכי:**

בינדט זיך די אַבאַיע, שטרויכלט זיך אָן תרש׳עס אַרויסגעשטעלטן פוס.

שיער נישט געפאַלן.
אַ מענש — אַ בעלן
זיך איבער אַ ברונים צו בויגן.

**תרש:**

שיער נישט צום אָפּגרונט אַרונטערגעפלויגן...

שלעפּט דעם העמער און קרעכצט.



ביים ברונים — פּערסישע מיניאַטור: בעהזאַד

**מרדכי:**

אזוי שווער דאָס וואַסער אין העמער?

**בגתן:**

אַן אַנדער שווערער זמר...

און וואָס איז אַזוי צעטראָגן מעלתו?

**תרש:**

מסתמא, היינטיקע צייטן, דאגות הפּרנסה.

**מרדכי:**

עט, מען פאַרגאַרטלט פעסטער די אַבאַיע.

**בגתן:**

קניט אַראָפּ צום העמער. שעפּט־אָן וואַסער מיט די הענט. טרינקט.

פריש וואַסער — אַ מחיה!

**תרש:**

טעג — אַזעלכע הייסע —

ס'טריקנט די צונג.

**בגתן:**

מעלתו, אפשר אַ טרונק?

**מרדכי:**

מהיכי־תיתי.

לאָזט זיך אַראָפּ צום ברונים. די פיס הינטער זיך. רייבט זיך אָפּ מיט זאַמדן די הענט. שעפּט וואַסער פון העמער. מאַכט הויך אַ ברכה. טרינקט... מאַכט ווידער אַ ברכה.

אַ דאַנק, מיינע פריינט!

אַז זיין זון זיך צעשיינט,

דאָס וואַסער פול מיט גאָלדענע שמייכלען,

ווי פענצטערלעך פון די פאַרבאַרגענע היכל'ען,

די אַל־קאָלירטע, ווי רעגנבויגן.

און טיפענישן קוקן מיט דורכדרינגנדיקע אויגן.

**בגתן:**

כמעט אַ פּאָעט...

**תרש:**

אויך נישט קיין חטא!

**בגתן:**

פרישע ווינטעלעך בלאָזן,
אפשר, זיך צוזעצן אין די גראָזן?

**תרש:**

נישט קיין גרוים פאַרגניגן —
זלידנע, שטעכעדיקע פליגן.

**בגתן:**

אפשר, אין שאָטן, אונטער די בוימער?

**מרדכי:**

עט, נישט קיין תכלית — צופיל נאָכגעבן דעם חומר.

**בגתן:**

אַ פּערס מוז זיין אַ שטיקל טרוימער.

**מרדכי:**

אַ פּערסישער ייד טרוימט מיט חשבון, כלומר:
די צייט אין משמורים איינגעטיילט;
טעג פאַרהאַוועטע... חול! טעג אויסדערוויילט
צו לאָזן זיך וואוילגיין... שבתים און יום-טובים!

**בגתן:**

נו, אייגנטלעך, על-פּי-אמונה זיינען מיר דאָך קרובים.

**מרדכי:**

יאָ, קרובים מצד דעם אַל-ליכטיקן... יעדעם בלימל...
יעדעם גרעזל...

**תרש:**

אומגעדולדיק

מען שלעפּט דעם יאָך פון אכזר, ווי אַן אייזל!

**מרדכי:**

מאי כולו אהי?

**בגתן:**

זאל מעלתו אונדז נישט נעמען לגנאי:
א וועלט וויל זיין פריי!
אין בבל פלאקערט אויפשטאנד. ווי לייבן קעמפן אטענער.
מרידה צארנט אין סקיתה-לאנד...

**תרש:**

אין שושן דער צארן נישט קלענער!

**מרדכי:**

מאכט זיך נישט הערנדיק, ווי האלב־טויבלעך. דראפעט זיך אין אויער.
הם?...

**בגתן:**

שרייט אים אריין אין אויער:
מיר וואכן איבער דער קרוין די נאכט!

**מרדכי:**

א בכבוד'ע פליכט.

**תרש:**

מיט חוזק
ויזתא שרייבט שוין וועגן דעם א געדיכט.

**בגתן:**

און געשיכטע לאכט.

**מרדכי:**

עט...

**בגתן:**

שטיל צו תרשן
ער מאכט זיך תמעוואטע, צי ער איז א תם?

**תרש:**

שטיל
מען דארף צוטרעטן צום „ענין" — ריידן וועגן סם

בויגט זיך איבערן הטמער. שלעפט פון דאָרט אַרויס אַ נאָס זעקעלע, בינדט עס אויף. נעמט אַרויס אַ פּאָר גאָלדענע מטבעות. דערלאַנגט מרדכי׳ן

**מרדכי:**

איבעררּאַשט

ממש אַ זעקעלע גאָלד!

**תרש:**

מיר וואָלטן פאַר דעם געוואָלט
אַ סלאַיקל סם...

**מרדכי:**

באַטראַכט די מטבעות, וואָס גלאַנצן אין זיין האַנט אונטער דער זון
אַ טריפה׳נער גלאַנץ. אויסלענדיש גאָלד. פאַרבאָטן.

**תרש:**

אַ סוף מאַכן צו געקרוינטע קראָטן!

**בגתן:**

אין בבל פלאַקערט אויפשטאַנד. ווי לייבן קעמפן אַטענער.
מרידה צאַרנט אין סקיתה-לאַנד...

**תרש:**

מיר מוזן דאָס מאַכן נאָך שענער!

**בגתן:**

שרייט מרדכי׳ן אין אויער אַריין

אַ סלאַיקל סם... לויף... אייל... פלי...
מיט טעמפּעראַמענט.

**מרדכי:**

חלילה... עס ברענט?

**תרש:**

מעלתו זיך געבן די מי!

**בגתן:**

שרייט מרדכי'ן אַריין אין אויער

די וועלט־געשיכטע אין דיינע הענט.

**מרדכי:**

אַ טעות, מיטבירגער טייערע,

נישט אין מיינע הענט און נישט אין אייערע.

הפסקה

אויף דעם אָרט, אונטער דעם שטיין,

יאַ, אונטער דעם ברונים, אונטער שושן,

געשטאַנען אַמאָל דאָס גרויסע עילם;

אַוועק מיטן פלאַם,

ווי גאָרנישט געווען.

נישטאָ קיין פעסטונג. נישטאָ קיין ווענט.

צעקרישלט, פאַרשאָטן פונדאַמענט...

און דער אַמאָליקער צעברויזטער ריז,

דאָס גרויסע עולמישע זיגער־פאָלק, וואו איז?

**בגתן און תרש:**

נו, אדרבה, וואו?

**מרדכי:**

אין אייביקער רו...

דער מנהיג־עליון פירט.

אָן זיין חסד — בן־אָדם פאַרלירט.

**בגתן:**

שטיל צו תרשן

טויב ווי די וואַנט און דרשנט ווי זאָראָאַסטער.

**תרש:**

נאָך שטילער

וויפיל טעג אין דער וואָך פאַסט ער?

**בגתן:**

שטיל

אַ יהודי — אַ צביעק.

**תרש:**

כאַפּט זיך פאַרן קינדזשאַל

באַשטראָפן? געבן אַ פּסק?

**בגתן:**

שטיל

ער וויל אַרויספּרעסן מער ממתקים,

נו, נעמט דער שלאַק אים!

**תרש:**

נו, נעמט דער שלאַק אים?

דאָס גאָלד געשלעפּט פון אַזעלכענע מרחקים —

אוועקגעבן דעם גאַנצן זאַק אים?

**מרדכי:**

הם...

וויל גיין

**בגתן:**

אַזוי גוט זיין, נאָך איין רגעלע וואַרטן,

פּאַרטיי האָט נישט גערן קיין איינגעשפּאַרטן.

שטיל צו תרשן

זיך ברוגזן האָט נישט קיין טעם,

מען מוז אַרויסקריגן פון אים דאָס סלאַיקל סם.

**תרש:**

גערעכט ביסטו, מסתם —

אגב, אונדזער ביינאַכטיק-פּראָגראַם?

**בגתן:**

שטיל, כמעט בסוד

קודם, אחשורוש׳ן „ליקווידירן".

נאָכדעם, דאָס גאָלד ביי די יידעלעך „רעקוויזירן".

**תרש:**

נישט פאַרגעסן דעם מלך׳ס אוצרות תיכף צו „עקספּראָפּריאירן".

מרדכי:

פאַראַן אַן עיכּוּב... כ׳מיין —
נישט תמיד קען אַלץ אַזוי גלאַטיקלעך גיין...

בגתן:

דהיינו?

מרדכי:

די שול... די ישיבה מיינע...
און אַז מען וועט אין „חד־גדיא״ פאַרשפּאַרן?

בגתן:

וועט מען זיצן בכּבוד מיט די גרעסטע האָרן.
מעלתו, נישט געפּלוידערט, ברענגען די „מציאה״.

פאַרשטאַנען?

מרדכי:

דו האָסט שוין געמאַכט די „קניאה״,
און איך — וואו זאָל איך די „סחורה״ נעמען?
, פון וואַנען?

בגתן:

מעלתו מעג זיך שעמען —
אַ שאלה אַ פיינע!

תרש:

ביי די „יידעלעך״ דיינע!

בגתן:

אין בבל פלאַקערט אויפשטאַנד. ווי לייבן קעמפן אַטענער.
מרידה צאָרנט אין סקיתיה־לאַנד...

תרש:

מיר מוזן דאָס מאַכן נאָך שענער!

מרדכי:

און תּאמר, חלילה, אַ תּליה?

**בגתן:**

מעלתו זאָל האָבן אזא גרויסע זכיה?

ווייזט אָן אויף דער קעגנאיבערדיקער תפיסה

די הויכע ווענט. די פענצטערלעך קליינע. פארזשאווערטע קראַטן —

**תרש:**

דאָרט זיצן היינט די גרעסטע דיפּלאָמאַטן.

**בגתן:**

די שטאָלענע ריגלען,

די קופּערנע טירן...

**תרש:**

פליגלען

פאַר גרויסע קאָמאַנדירן!

**בגתן:**

אַ מנהיג מוז קענען אפילו פון געפענגעניש פירן.

**מרדכי:**

און איך וואָלט נישט געוואָלט האָבן די גרויסע זכיה,

צו זיין אַ מנהיג אויף אַ תליה.

**תרש:**

כל־זמן מעלתו לעבט, זאָל מעלתו נישט זאָגן: — האָפּ!..

אין פּרס איז קיינער נישט זיכער מיטן קאָפּ!

**בגתן:**

נו, הענגען מוז מען... מען הענגט לפנים...

**תרש:**

זיי מאַכן אַ פיין לעבן, די תלינים!

**בגתן:**

אָפט הענגען גאַנצע גרופּן —

באַגינען, שטרוי־זעק־פּופּן

אויף תליות זיך וואַקלען.

**תרש:**

און פלאַקערן נאָכדעם אויף שייטערס, ווי פאַקלען.

**מרדכי:**

אַזעלכע נסים טוען-אויף די באַקשישן?
און ושתי?

**בגתן:**

אַן אַנדער קאַפּיטל,
געענטפערט דעם מלך מיט חוצפה און ביטול,
נו, אגב, עמיץ מוז דאָך זיין אַ קרבן...

**תרש:**

כבוד איר אָנדענקען — העלדיש געשטאָרבן.

**בגתן:**

למאי אין פרעמדע עסקים זיך צו מישן?

**תרש:**

תלינים פאַרנייען שוחד-געלט אין קישן, נישט צו צאָלן קיין שטייערן.

**בגתן:**

נישקשה, נאָך היינטיקער נאַכט,
מיר וועלן קומען צו דער מאַכט;
איי, וועלן מיר דאָס פייערן!

**מרדכי:**

„מיר" — ווער?

**בגתן:**

איך — מעלתו, — ער...
דאָס פאַרהונגערט פאָלק, דאָס פאַרפייניקטע פערסיע!

**מרדכי:**

פאַרטיי-נוסח, פּראָפּאַגאַנדע-ווערסיע.
באַטראַכטנדיק נאָך אַמאָל די מטבעות
אַ מטמון מיט גאָלד. ממתקים במזומן —
מען קען פאַר דעם האַלב-שושן באַקומען.

און דאָך, מיינע שררות, צו גרויסע באַקשישן,
זיי קענען די גרעסטע חכמים צעמישן:
איך מוז, בכן, האָבן צייט צו באַקלערן.
כ׳גלויב קוים, פון דעם „עסק״ זאָל עפּעס ווערן.

**בגתן:**

געדענק, די פּאַרטיי איז איר וואָרט נישט משנה,
ס׳איז אָפּגערעדט, ווי מען זאָגט ביי אייך יידן:
„ברחל, בתך הקטנה״...

**מרדכי:**

כ׳האָב נאָך ניט באַוויזן קיין שום גבורות,
זייט מוחל, באַהאַלט אייער עשירות.

שטרעקט אויס צו זיי די האַנט מיט די מטבעות

**בגתן:**

מען וועט אויפן „סלאַיקל״ דאַרפן געבן אַן אדרויף.

**תרש:**

באַהאַלט דאָס גאָלד... צו די „דייניקע״ לויף!

**מרדכי:**

וואַרפט אַריין די מטבעות אין העמער גלאַנציקן וואַסער. גייט אָפּ מיט שנעלע טריט, אויפגעבראַכט

פאַר גאָלד פאַרשוואַרצן דאָס יידישע פּנים,
פאַרקויפן פרם צו די יונים?
אַנטלויף, מרדכי, אַנטלויף פון דעם פייער,
זיי זהיר ונזהר, בירגער געטרייער!

קוקט זיך אַרום

נישט בעטן אויף קיין מלך קיין נייעם —
כל זמן ער לאָזט לעבן, פאַרבלייב איך געטריי אים!

פאָרהאַנג

## בילד זעקס

אין אחשורוש־גאָרטן: אַ טאָפּלט־הויכע באַנק, אויף וועלכער עס זיצן צווי פּערזאָן, די פיס אויף אַ בענקל נידריקער, וואו עס זידן זייערע נאַרגילעס. די צוויי פּערזאָן, אין ווייסע, זיידענע, זיך ווינטלדיקע כאַלאַטן, שמועסן צווישן זיך.

איינער פון די פּערזאָנען זעט אויס ווי אַ פּרוי: אָן אַ סימן פון באָרד, אויגן קאַלטע ווי פון גלאָז. דער צווייטער — ממוכן.

אַ ווינטל רוישט אין די ברייטע, ליכטיק־גרינע אָרלעאַנדן, באָוועגט, די דורכגעלויכטענע פון דער זון, דינע, צאַרטע בלעטלעך, אַ זוניקייט שפּילט אויפן גראָז פון אַרום. עס גיט אָפּ מיט אַן אומרואיקייט אין דער גאַנצער נאַטור, און עס דוכט זיך, אַז אפילו די זילבערוואָלקנדלעך אין דער הויכער בלויקייט ציטערן מיט. אַ הויכע, גרויסע, בלינדע וואַנט.

עס הערן זיך פרויען־שטימען, געזאַנג, געוויין, קוויטשעריי, קריגערייען

**אַ שטימע:**

זינגט

**וואָס טויג מיר דער מלך, זיין קרוין און זיין בעט?**
**קום, געליבטער, אין וואלד...**

עס הערן זיך טרוקענע קולות פון סריסים

**קולות:**

**שווייג. שווייג.**

**די שטימע:**

**גע־וואלט... גע־וואַ־ל־ט...**

**הגאַ:**

**פאַרדאַרבענע כשדים, זיי שלאָגן ביטער.**
**אָפּט בייטשט מען די ווייבער אויף נאַקעטע לייבער מיט ריטער.**

איך זאָג אייך: — דער האַרעם — אַ װאָרער גיהנם,
מען קומט שוין אין אים אויך אָפּ פאַר י ע נ ע ם.

**ממוכן:**

אוודאי... און ושתין טאַקע געקעפּט?

**הגאָ:**

אַ שאלה? ווי מיינט איר, שר — זי לעבט?

**ממוכן:**

אַ בייזער אַטעם אויסגעװועפּט.

הפסקה

איר שיינקייט אין שפּיגל פון לעבן — פאַרגרויט:
דער איינפלוס פון בבל אויף פּערסיען — טויט.

**הגאָ:**

אַ, ניין, מיין פריינט, ס׳איז נאַר גערעדט.
ס׳איז ושתי פאַרטריבן פון טראָן און פון בעט,
און דאָך נישט פאַרטריבן פון מלך׳ס געדאַנק:
עס מאַטערט דעם גייסט פונם מלך — די שלאַנג.

**ממוכן:**

היינט, הייסט עס, וואָלט ער דער מלכה געשענקט?

**הגאָ:**

אַרויס פון די כלים — פאַרבענקט און פאַרקרענקט.
די אַלע, וואָס האָבן זיך פריילעך געוויילט
מיט מלך ביים טיש — און ושתין פאַרמשפּט,
אויף מלך׳ס באַפעל — צומאַרגנס — פאַרנישטעט.
שתר, אדמתא, כרשנא,
מרת, תרשיש, מרתנא —
מען האָט די חכמים אין שעכטהויז געקיילט,
די גלידער געוואָרפן פאַר הינט און פאַר שפּאַרבער...

**ממוכן:**

עס נעמט אַן אַ גרויל — אַ טויט אַזאַ האַרבער.
די קעפּ פון חכמים אונטער אַ האַק . . .
און ווער האָט עס צוגעפּסקנט דעם פּסק?
און וועמענס פאַנטאַזיע דערצו זיך דערקלערט?
ס׳איז יענער אַפילו אַזאַ טויט נישט ווערט . . .

**הגאָ:**

באַרואיקט אייך, פריינט, איך טאָר דאָס נישט הערן -
אַהיים גייט און טענהט זיך אוים מיט די שטערן.
גייט רוען — די נאַכט וועט אייך טרייסטן און היילן,
עס קען אייך די שטילקייט מער סודות דערציילן . . .

**ממוכן:**

ווי שרעקלעך . . . עס נעמט מיר אַראָפּ דעם שאַרבן,
עס ווילט זיך נישט לעבן, ווי הינט — און נישט שטאַרבן.

**הגאָ:**

און ניצול געוואָרן — די זיבן יעוונוכן.
געגליקט האָט דאָס מזל אויך אייך, ממוכן.
פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע די ערדישע גליקן . .

**ממוכן:**

גיין זוכן פאַר נשמת קדושים — אַ תיקון . . .
שיק, הגי, זעקס ליכט אין בית-מדרש צו צינדן,
מיט אייביקן לעבן די נשמות פאַרבינדן.

זיצט אַ לאַנגע צייט געבויגן, דעם קאָפּ אין די הענט, באַהערשט זיך און פרעגט:

זאָג, הגי, וואָס נאָך איז פון מיר באַהאַלטן?
דערצייל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סרים, אַ קאַלטן.

**הגאָ:**

מען האָט היינט אַ יידן די צונג אָפּגעשניטן,
ווייל ער האָט זיין טאָכטער פון מלך פאַרמיטן . . .

**ממוכן:**

הגאַ, השגחה האָט ושתין באַגראָבן —
מיר מוזן אַ יידישע קעניגין האָבן.

**הגאָ:**

און דאָס איז, מיין פריינט, מיין טיפער באַדויער:
וואו נעמט מען אַ יידישע יפת־תואר?
איך וואָלט איר געגעבן די ריכטיקע בעדער,
איך וואָלט איר געקליידט אין די ריכטיקע קליידער,
איך וואָלט איר געקעכלט מיט יידישע מאכלים...
ליגט וואו אין אַ קעלער — און... הבל הבלים.

**ממוכן:**

מיר דוכט זיך אַ מלכה איז אונדז באַשידן:
פאַראַנען אַ וואונדערשיינע־יידין —
מען מוז מיטן ראש־הקהל באַשליסן:
ס׳וועט מרדכי ביים טויער — דיר געבן צו וויסן.

**הגאָ:**

כ׳האַלט אָפן פאַר אייך די זילבערנע טירן,
איך וועל איר צום כסא־המלכות דערפירן,
און מער ווי דערפירן — בין איך נישט אימשטאַנד:
דאָס האַרץ פונם מלך איז נישט אין מיין האַנט.
עס האָט אחשורוש אַזעלכע קאַפריזן...

**ממוכן:**

בחנם פאַרטריבן פון טראָן קאַמביזן.

הפסקה

באַמי זיך, אַז ז י זאָל באַקומען די קרוין,
מען וועט דיר פאַרגיטיקן — וועסט האָבן דיין לוין.

**הגאָ:**

ס׳פאַרמאַגט נישט די ערד אַזויפיל שכר —
ווייזט מיטן פינגער אַרויף
ס׳וועט צאָלן — אין הימל — דער העכסטער האר.

פאַרהאַנג

## בילד זיבן

ממוכן ביי מרדכי׳ן

אַ האַלב־טונקעלע שטוב אין אַן׳אונטערגעסל פון שושן. די פענצטער, אַ נעץ פון שיטערע דראַטן, כמעט פאַרשטעלט מיט גרויע ווענט פון שכנישן הויז. עס שלאָגט זיך קוים דורך אַ מאָגערער מאָרגן־שיין.

אַנטקעגנאיבער דעם אַריינגאַנג זעט זיך אַ געהאַפטענער, קאָלירטער מזרח. אַ צייכענונג פון דער צעבראָכענער וואַנט אַרום ירושלים מיט פאַרשידענע פאַנטאַסטישע באַשטפעניש. גרויסע, רויטע אותיות: **רץ כצבי, גבור כארי...** ביי די ווענט אויף פּאָליצעס — גרויסע, ליימענע טאָוולען־ספרים, צענויפגעבונדענע און איינצעלנע. האַרט ביים האַלבטונקעלן פענצטער אַ טישל, אַ פּאָר בענקלעך, דאַנעבן אָנגעוואָרפן קליינע טעפּיכלעך און קאָלירטע קישע־לעך. ביים טישל זיצט מרדכי אין טלית און תפילין. פאַר אים אויפן טישל אַ גרויסער ליימערנער כתיבוד־געקריצטער טאָוול.

**מרדכי:**

לערנט, זינגנדיק

„כתיב: ויאמר אלהים: יהי אור — ויהי אור״... זאָגט רבי יוסא: „דאָס ליכט איז באַהאַלטן געוואָרן פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט... ווי געשריבן: „אור זרוע לצדיק״ דאָס ליכט איז פאַרזייט פאַר די צדיקים... דאָס ליכט איז נאָר איינמאָל באַנוצט געוואָרן אין ערשטן טאָג פון בראשית, נאָכדעם באַהאַלטן געוואָרן און מער נישט באַנוצט געוואָרן פאַר דער וועלט...״ רבי יהודה זאָגט: „דאָס ליכט איז באַהאַלטן געוואָרן און נישט באַנוצט געוואָרן אפילו איין רגע... און וואָלט דאָס ליכט נישט באַהאַלטן געוואָרן, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט, אפילו נישט איין רגע... דאָס ליכט איז באַהאַלטן, ווי די קערנדלעך זריעה אין דער ערד. זייערע זאָמען גיבן פון זיך אַרויס שפּראָצונגען, אַרויסשטראַלונגען, און דערמיט האָט די וועלט אַ קיום...״

עס קומט אַריין שטילערהייט, אָפּרוקנדיק דעם זיידענעם, קאַלירטן פּאַרהאַנג פון טיר, ממוכן אין ווייסע קליידער, ווייסן טורבאַן. אין איין האַנט אַ זונשירעם, אין דער צווייטער — אַ זילבערן שידל, ווי פון אַ מגילה. ממוכן וואַרפט אַראָפּ די סאַנדאַלן פון די פיס. שלייכט זיך שטיל צו הינטערן אַקסל פון דעם לערנער, און שטייט שוויגנדיק, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם

מרדכי לערנט ווייטער, נישט באַמערקנדיק ממוכנס אַריינקומען

„נישטאָ אַ טאָג, וואָס דאָס ליכט זאָל קיין אויסשטראַלונגען נישט פאַרשפּרייטן און מיט דעם ליכט שפּייזט קודשא בריך הוא די וועלט. און אומעטום וואו מען לערנט תורה ביינאַכט, שפּראָצן אַרויס גאָלד־שטראַליקע, ליכטיקע פעדים־נעצן פון דעם ליכט און וועבן אַרום מיט זייער שיין דאָס אָרט, וואו די תורה ווערט געלערנט . . . יומם יצוה ה׳ חסדו, ובלילה שירו עמי, ביי טאָג באַפעלט גאָט צו זיין חסד, און ביינאַכט זיין געזאַנג . . .

**ממוכן:**

גוט מאָרגן, ר׳ מרדכי . . .

**מרדכי:**

אָ, אַזוי פרי — ווער?

**ממוכן:**

לערנט, ר׳ מרדכי — איך הער.

**מרדכי:**

גוט מאָרגן, שר־ממוכן — ביי מיר?
וואָס האָט איך געבראַכט אַזוי פרי צו מיין טיר?

**ממוכן:**

איך בין נישט קיין שר — לאָז צופרידן —
אַן אָרעמער ייד — צווישן אָרעמע יידן.
יאָ, גליקלעך, וואָס כ׳האָב דיין לערנען געהערט,
באַדויער, וואָס כ׳האָב דיר געשטערט . . .

**מרדכי:**

איך זאָל האָבן אַזאַ גרויסע זכיה,
האָט עפּעס דאָך געמוזט פּאַסירן.

**ממוכן:**

עס רעדט פון דיר אַרויס די נבואה,

א שטערן האָט מיך געטאָן צו דיר פירן . . .
דיין לערנען, אָבער, האָט געלויכטן אַזוי העל,
אַז איך האָב אַלץ פאַרגעסן, באַטרעטנדיק, דיין שוועל . . .

הפסקה, צעזינגט זיך

אותיות קאַנטיקע, טאָוולען ליימענע —
ס׳ראַ ליכט אין אייך באַהאַלטן.
אויגן גלעזערנע, אויגן לייביקע —
ווי צום בלענדעניש, צום קאַלטן . . .

גאָט-געשריבענע אותיות שטראַליקע,
שטילע אויסלייזער פון טרויער.
צייטן ביטערע, צייטן גאַליקע,
אין האַלב-טונקלקייט, אין גרויער —

ווייטע שטערנדלעך, יפת-תואר מיין,
דעקן גורל אָפּ באַשטראַלטן.
אונטער פאַרהאַנגען, אונטער שלייערן,
צי גאָר אין קעלערן באַהאַלטן . . .

**מרדכי:**

א שטערן האָט דיך אַהער געבראַכט —
דאָס האָט דער שטערן אויסגעטראַכט?

**ממוכן:**

ס׳האָט מלכות דערקלערט פאַר ווידערשפעניק
דעם, וואָס באַהאַלט אַ שיין מיידל פון קעניג.

**מרדכי:**

און באַקשישן?

**ממוכן:**

וויל איך זיך נישט מישן!
אַ מורד במלכות — מען שפּילט מיטן לעבן —
לאָז אסתר׳קע ווערן די קעניגין, כ׳לעבן.

**מרדכי :**

מיט טמאים פֿארמישן די איידלסטע בלוטן —
און אונדזער פֿארבאנד מיטן ליכט אבסאָלוטן ?

**ממוכן :**

דרכים טיפֿע, דרכים הויכע —
פּיקוח־נפש — שבת דוחה.

**מרדכי :**

און נפש — וואָס הייסט ?

**ממוכן :**

ווער ווייסט ?
אָרעם בלוט און פֿלייש,
ניין ! דער ניצוץ פֿון פֿארהוילענעם יש,
אור־הגנוז'דיקער ווידערשטראַל...

דעקלאַמירנדיק מיט אַ צעצויגענער שטים

ד ע ר, וואָס אין דער ערד וואוינענדיק, איז פֿון דער ערד
פֿארשידן,
און די ערד קען אים נישט, און די ערד איז זיין לייב,
און דעם מהות פֿון דער ערד רעגירט ער,
ער איז דיין נשמה, דער אינערלעכער מנהיג,
דער אומשטערבלעכער.

ד ע ר, וואָס אין די וואַסערן וואוינענדיק, איז פֿון די וואַסערן
פֿארשידן,
און די וואַסערן קענען אים נישט, און די וואַסערן זיינען
זיין לייב,
און דעם מהות פֿון די וואַסערן רעגירט ער,
ע ר איז דיין נשמה, דער אינערלעכער מנהיג,
דער אומשטערבלעכער.

ד ע ר, וואָס אין די פֿייערן וואוינענדיק, איז פֿון פֿייער
פֿארשידן,

און דאָס פייער קען אים נישט, און דאָס פייער איז זיין לייב,
און דעם מהות פון פייער רעגירט ער,
ע ר איז דיין נשמה, דער אינערלעכער מנהיג,
דער אומשטערבלעכער.

ד ע ר, וואָס אין די ווינטן וואוינענדיק, איז פון די ווינטן
פאַרשידן,
און די ווינטן קענען אים נישט, און די ווינטן זיינען זיין לייב,
און דעם מהות פון די ווינטן רעגירט ער,
ע ר איז דיין נשמה, דער אינערלעכער מנהיג,
דער אומשטערבלעכער.

ד ע ר, וואָס אין די הימלען וואוינענדיק, איז פון די הימלען
פאַרשידן,
און די הימלען קענען אים נישט, און די הימלען זיינען
זיין לייב,
און דעם מהות פון די הימלען רעגירט ער,
ע ר איז דיין נשמה, דער אינערלעכער מנהיג,
דער אומשטערבלעכער.

מרדכי:

פיין! — דאָס איז דיין?
אין וועלכן קבלה-ספר ביסטו מעיין?

ממוכן:

געלערנט בעל-פה... שבחים
געהערן דעם אינדישן חכם.

מרדכי:

נאָך דאָס וואָלט אונדז אויסגעפעלט —
אָט דעם חלק אלוקה ממעל, חלילה, מטמא זיין!

ממוכן:

בעל-כרחה וועט אסתר'קע זיין אויסדערוויילט:
צו הונדערט זיבן-און-צוואַנציק פעלקער אַ מאַמע זיין!

מרדכי:

האָסטו געהערט אַ מעשה?
אַ מצווה מדאורייתא!
און נישט קיין חידוש —
אַז מען דענקט נישט יידיש!...
אַ מאַמע זיין צו גוים?
אייך לאָזט זיך עס געשיקן?

ממוכן:

למאי נישט? אויסמענטשלען די פּראים...

מרדכי:

צו־גרויסע גליקן.
איך בין דאָס לעת־עתה נישט גורם,
אפשר, אַמאָל, די קומענדיקע דורות...

ממוכן:

דעם תהום צווישן מענטש און מענטש אַריבערבריקן.

מרדכי:

„ואמר לך בדמיך חיי" —
„בדמיך": אין דיין בלוט, „חיי" זאָלסטו לעבן;
מיין האַר, געהייליקטן אייגענעם איך,
דאָס קען מען קיינעם נישט איבערגעבן...

ממוכן:

און קדוש־השם? די טייערסטע בלוטן אוועקשענקען
און זיך נישט באַדענקען!

מרדכי:

געהערט אַ טענה? „קידוש־השם" — שאַני!
אַזוי פיל הארץ — און אַזוי ווייניק לאָגיק?

ממוכן:

האָט אַ רגע עלית נשמה
אַ דאַנק זיין הארציקייט שיינען וועלטן, וואָגיק.

אין דרך הישר באוועגן זיך גלגלים,
אָ, פאָטער אין הימל, מיט דיין בארמהארציקייט באשטראַל אים!

קומט תיכף צו זיך

מיין ליבער מרדכי, מיין הארציקער ברודער,
איר ווייסט וואויל, ווער ס׳שטייט היינט אין פערסיען
ביים רודער:
צעריסן איז כורש׳עס גאָלדענער פאָדים,
אַ שני למלך — אַ פרא־אדם.
עמלקים־גזע, אַ שווארץ יאָר... המן!
עס וועלן נאָך טייכן בלוטן שטראָמען...

הפסקה

די בייזע ציין אויף יידן קריצן
עס קומט אָן די צייט כלו כל הקיצין...

**מרדכי:**

הם... וויים איך — מען זאָגט דו ביסט אַ כופר...

**ממוכן:**

איך האָב דיר, אגב, געבראַכט מיין ספר.

גיט איבער מרדכי׳ן די זילבערנע שייד

עס שילדערט אונדזער גאַנג דורך די קומנדיקע עפּאָכן,
ביז בן דוד וועט, אם ירצה השם, ברענגען נצחון.

**מרדכי:**

אַ דאַנק...

ציט אַרויס אַ מגילה פון דער זילבערנער שייד, מעיין

אַ גרויסער וויטיק,
דאָך ווער האָט אַזאַ ספר נויטיק?
דער צדיק — דאַרף אים נישט;
דעם רשע — העלפט עס נישט;
און עס לייענט נישט דער בור...

ממוכן:

מען מוז דאָך משיג זיין זיינע דרכים אין דער נאַטור...

מרדכי:

נאַטור?

דער קליפּה'ס פּילפּנימדיקע פיגור,

דאָס לאָז פאַר די כשדים, יונים, חרטומים ביי פּרעה'ן.

מדינים געלערענטע און פּריסטער אין כשוף דערפאַרן.

הפסקה

שלמה'ס חכמה האָט געהאַט נישט וויניקער השלמה און שליף.

אין חורבן האָבן אונדזערע שונאים צעגזלט זיין אַרכיוו,

די כתבים צעטרענצלט צווישן זייערע „פילאָזאָפן",

מיט אונדזער חכמה טוען זייערע חכמים בלאָפן...

הפסקה

זיי צעמישן אונדזער שטאַרקן ווייַן מיט וואַסער און גיפטן

און איין גאָט ווייסט, וואָס זיי וועלן נאָך אָפּטאָן

מיט דיינע וויזיאָנערישע תרגום-שריפטן.

ממוכן:

דניאל היים איך — אָט זע מיין פּנים:

ממוכן — דאָס איז מיין מלכות-פּסיידאָנים...

מרדכי:

אַ גאון מער, אַ גאון מינדער —

מיר זיינען אַלע אברהם'ס קינדער.

ממוכן:

אין געשטאַלט פון דער הויה.

מרדכי:

בן-אמרם'ס תלמידים געטרייע.

ממוכן:

טוט אַ הייב די מאַסקע פון פּנים. עס טוט אַ שיין אַ שטאַרקע צעזוניקטע ליכטיקייט איבער דעם אָפּענעם, ליימענעם טאָוול. עס הייבן אָן טאַנצן גאָלדענע אותיות, אַנדערע, מרדכי לייענט אויפן פריערדיקן טאָוול גאַנץ אַנדערע פּסוקים... ער שפּרינגט אויף

**מרדכי :**

זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל . . .

**ממוכן :**

פאַראַנען נאָך העכערער שכל —

הפסקה

אַראָפּגעלאָזט די נאָז, ווי אַן אבל :

מיש איבער, לאָמיר זען, וואָס שטייט אויף דער צווייטער זייט טאָוול . . .

מרדכי און ממוכן דרייען איבער דעם טאָוול אויף דער צווייטער זייט. עס פינקלען פון אים פייערדיקע אותיות

**מרדכי, ממוכן :**

לייענען

. . . „אמר קב״ה לעלמא בשעתא דאבד ליה וברא לאדם א״ל :
עלמא, עלמא ! אנת ונימוסך לא קיימין אלא על אורייתא.
ובג״כ בראתי ליה לאדם בך, בגין דיתעסק בה ; ואי לאו
הא אנא אהדר לך לתהו ובהו . . .״

**ממוכן :**

פאַרטייטשנדיק

האָט קב״ה געזאָגט צו דער וועלט, בשעת ער האָט זי
באַשאַפן און די מענטשן אויף איר : — וועלט, וועלט !
דו און דיין מאָראַל וועלן נישט האָבן קיין קיום, נאָר
אויף דער תורה און איבער דעם האָב איך באַשאַפן דעם מענטשן
אויף דיר, ער זאָל די תורה לערנען. חלילה נישט, וועל איך
דיך צוריק פאַרוואַנדלען אין תהו ובהו . . .

הפסקה

פון שארית הפליטה די לעצטע סך־הכלען
דער שונא וויל אומברענגען . . . מען טאָר זיך נישט וואַקלען.

הפסקה

איר קענט אין מיין נאָמען, צו הגי׳ן אסתרן פירן,
עס וועט איר, חלילה, קיין כי הוא זה נישט פּאַסירן,
ער האַלט פאַר אייך אָפן די זילבערנע טירן . . .

פאַרהאַנג פאַלט פּלוצלינג

# צווייטער טייל



מיניאַטור פון בעהזאַד

פון הודו ביז כוש און העלעספאָנט —
איז מיידלשע שיינקייט... פּאָליטיק, האַריזאָנט.

## בילד אַכט

ביים אָריינגאַנג אין זאַל פון דער קעניגין אסתר: צוויי ספינקסן, טייל־וויז פאַרדעקטע מיט זוניק־קאָלירטע, לייכט־זיידענע געוועבן. די ווענט באַהאַנגען מיט פאַרשידענע פילפאַרביקע טעפיכער. צווישן די טעפיכער הענגען אויך פּרוכות׳ן אויסגעהאַפטן מיט גאָלד און דימענטן. ביי די זייטן פון די ווענט, נידריקע טישלעך מיט גלעזערנע צודעקן. פון אונטער די גלעזערנע צודעקן זעען זיך אַרויס פאַרשידענע צירונגען און שפּילצייגן. צווישן אַנדערע מאָדעלן פון גאָלד און זילבער נאָכגעמאַכטע כלים פון בית־המקדש: כרובים, לחות, ידלעך, מנורות און אַנדערע.

אויפן ראָז־מאַרמאָרנעם באָדן זעט זיך אַ גאָלד־געשטרייפלטע מאָזאַיק, וואָס שטעלט פאָר פאַרשידענע פּערסישע, מיטאָלאָגישע געשטאַלטן. אויף אַ טייל פון באָדן זענען אָנגעוואָרפן קאָלירטע טעפּיכער, קאָלירטע קישעלעך און פיסבענקלעך פון עלפאַנטביין, זילבער און גאָלד.

אסתר פאַר אַ שפּיגל אין אַ ווייַנרויט סארי. די זילבער־געהאַפטענע שלאַקן פון סאַרי זענען דורכגעשנירלט מיט פּערל. אסתר האַלט אין אַנטאָן לענגלעכע אוירינגלעך מיט בריליאַנטן.

דער דינער מעלדעט לאה׳ס אָנקומען.

**אסתר:**

בלייבט שטיין איבערראַשט מיט איין אוירינגל צווישן צוויי פינגער.

צו לאה׳ן, וואָס קומט אַריין מיט נישט דרייסטע טריט, אין אַ לאַנג, שוואַרץ מזרח־קלייד, אַפּדעקנדיק דעם שוואַרצן שלייער פון פּנים, פאַרנויגט זיך און בלייבט שטיין אויף אַ ווייטערן דיסטאַנץ פון אסתרן. אין האַנט אַ בינטל רויזן.

**ברוך הבא, לאה׳לע טייערע, וואו פאַרשווינדן, זאָג?**
**געבענטשט זאָל זיין דער הימל, דריי מאָל ליכטיק דער טאָג,**
**וואָס האָט דיך אַראָפּגעבראַכט צו מיר, לויט מיין באַגער —**
**יאָ, ביידע פון שבט בנימין, גלייכצייטיק פאַרטריבן אהער;**
**דו האָסט פון די ערשטע יאָרן אין טרויער מיין טריט באַלייט;**
**דעמזעלבן יאָך געטראָגן, די פּיין האָט נישט צעשיידט;**

האסט מיר געהאָלפן וויינען אין ציונס אָבל-טאָג,
דער ניגון . . . פון איין מגילה דעם איכה געזאָגט.
זכרונות פון יענע צייטן, ווי טייער איך האלט אייך געשעצט.
אָט זעסטו, דיין אסתרן שיינט-אויף דאָס מזל יעצט.
זעקס גאַנצע חדשים געלאָזן דיך זוכן — אומזיסט ;
ווער ווייסט דיר אין וועלכע מדבריות פאַרבאָרגן דו ביסט ?

**לאה :**

דערלאַנגט אסתרן אַ בינטל רויזן

כ'האָב, מלכה, די רויזן פון שרון געבראַכט,
די רויטע, זיי גליען ווי שטערן ביינאַכט —
זיי שפּראָצן אין חורבות און טרוימען פון טוי,
עס חלומט ישראל אין קנעכטשאַפט אַזוי.

הפסקה

אינגאַנצן אויפגעטרייסלט פון קלאַנג, אַז איר זענט טויט ;
האָט מיך פון מענטשן אַנטלויפן דער טרויער געגויט.
געוואָלט די טרויער-יאָרן אַדורכשטופן איינזאַם ביז סוף ;
און פּלוצלינג, מיין מלכה, וועקט אַ געטליכער נביא מיך אויף :
„ — עס מיסברויכט דער טויט שוין דיין וויינען צו לאַנג —
זאָגט געטלעכער מאַן — פלאָגסט בחנם זיך באַנג ;
שטיי-אויף, גיי קיין שושן... ווייל אין דער רעזידענץ
זיצט די, וואָס באַווייגסט — אַ באַדעקטע מיט קרענץ
און כבודים און רום — אויפן פּערסישן טראָן . . .
און פאַרזיכער, זאָגט ער, דיין צערודערטן שטאַם —
אל צבאות גייט ווייזן דעם פיינט, וואָס ער קאָן.
פון קרעפטיקן אָרעם וועט אויפשפּראָצן מאַכט,
וואָס וועט אונדז צעברעכן דעם שנאה-רעזשים,
ווייל ציונס געוויין איז דערגאַנגען צו אים . . .
און איך — פול מיט יראה און פרייד דורכגעדרונגען,
פון אונטער די פיס איז דער וועג מיר פאַרשפּרונגען,
איך לויף . . . כ'האָב דעם טויער דערגרייכט, דיין פּאַליי :
דורך זעלנער, דורך וואַך — קיינער פרעגט נישט — איך גיי .

איך קוק אויף אַן, אסתר, און גלויב נישט מיין בליק,
אַזאַ מין אַנטפּלעקונג, אַ מלכות-געשיק.
דאָס האָט נאָר באַוויזן געקענט יענע האַנט,
וואָס ד׳אבות באַפרייט האָט פון מצרישן לאַנד ;
אחשורוש, דער שטאָלצער, זיין שקלאַפין באַקרוינט —
דער פּערס, דער בעל-גאווה, זיין גאווה נישט שוינט ;
זיין סצעפּטער פאַרנייגט ער פאַר יידישקעס פּיס ;
אַזאַ מין טריומף, נצוחנדיק-זיס.

**אסתר :**

אַ דאַנק פאַר די בלומען,
אַ דאַנק פאַרן קומען,
ס׳איז ליב אויך דער גרוס פון די חורבות אין שאַנד.
די ווערטער פון חוזה,
פון שרון די רויזן,
פאַרבינדן גאולה מיט פּרס, דעם לאַנד.

פויזע

כ׳זאָל אַלע ספּורים דיר איבערדערציילן
פון מלך׳ס באַנקעטן — וועט לשון פאַרפעלן.

**לאה :**

צי האָבן אויך יידן אַנטייל גענומען —
צי איז זיי די פּערסישע סעודה באַקומען ?

**אסתר :**

געוועזן אפילו מיט יידישע שרים
אין אַנהייב באַנקעט אַ שטיקל אינצידענט.
מען האָט דאָרט די כלים פון מקדש דערקענט,
צעברויזט האָט אין יידישע הערצער אַ שטורעם . . .
ווען ז׳האָבן דערזען כהן-גדולס כוס,
מיט אָפּגעריבענעם הויה-אות,
אין מלך אחשורוש׳ס אַטלעטישער האַנט —

מען האָט זיך אמאָליקע גרויסקייט דערמאָנט,
עס האָט זיך צעכליפּעט איין יידישער זקן,
געמורמל געוואָרן . . . האָט זיך מלך דערשראָקן,
האָט אָבער ממוכן, דער הכם-עתיק,
פאַריבן דעם ענין, אַראָפּגיין זאָל גלאַטיק
אין מיטן דער שמחה די יידישע טרער.

**לאה:**

זייט מוחל, מיין מלכה, ווער איז ער דאָס, ווער?

**אסתר:**

עילוי'שער קאָפּ — למדנישע ברעמען.
נישקשה, מען קען זיך מיט אים נישט פאַרשעמען —
געווען שוין אמאָל אין אַ גרוב מיט לייבן,
געווען, דוכט זיך, אויך אין קאַלך-אויוון —
און ניצול על פּי נס . . . האָט דעם מלך דערקלערט:
דאָס האַרץ אין אונדז אין בלוטיקט, דאָס אויג אונדזערס טרערט,
וואו נאָר מיר דערזעען פון מקדש די כלים . . .

מ'האָט יידן גלייך אָפּגעטיילט פון די ערלים,
געגעבן פאַר יידישע שרים באַזונדערן זאַל —
גייט, ווײַנט אייך און לאַכט אייך אויף אייגענעם באַל.

און כשרע כלים, געטובלטע, בלאַנקען
מיט יידישע מאכלים און יידישע געטראַנקען.

**לאה:**

אַזאַ מין ברייטהאַרציקייט . . . איך באַוואונדער —
געגעבן די יידן אַ שמחה באַזונדער?

**אסתר:**

די פרייהייט און גלייכהייט איז אין לשער . . .

**לאה:**

מען זאָגט, אַז זיי דינען צום שר פון פייער.

**אסתר:**

ס'האָט בבל פֿאַרלאָשן ישׂראל'ס מנורה
און אָנצינדן וועט זי אַ פּערסישע האַנט.

**לאה:**

און איך וואָלט בן־ישי געגעבן די בכורה.

**אסתר:**

פֿאַרבונדן דורך אונדז מיט פּרס, דעם לאַנד.

**לאה:**

פֿאַראַן אין דעם מלכות מיט וואָס זיך צו גרויסן.

**אסתר:**

נו, יאָ, אוודאי, נישט דאָס בין איך אויסן —
וואו האַלט איך? אַט ווייבער — אַזוי זיך פֿאַרעדט
מיר זיינען שוין ווייט, גאַנץ ווייט פֿון באַנקעט.

**לאה:**

דערלויבט מיר, מיין מלכּה, געטרייער צו פֿרעגן:
געקומען צום מלך דורך וועלכע וועגן?

**אסתר:**

באַפֿוילן אין זיינע לענדער אַלע
צו ברענגען די שענסטע מיידלעך צו אים.
מען זוכט פֿאַרן מלך אחשורוש אַ כּלה —
עס שדכנט דער גאַנצער אימפּעריע־רעזשים.

און קעניגרייכן און רעפּובליקן,
מען זוכט אחשורושעם גאָלדענע גליקן.
פֿון הודו ביז כּוש און העלעספּאָנט —
איז מיידלשע שיינקייט — פּאָליטיק, האָריזאָנט.
געבליבן אויך בילדער, וואָס מאַכן אונדז פֿריילעך:
אַ כּשוף־שפּיגל פֿון מיידלעך מיט מלך.



מיניאַטור פון בעהזאַד

„מען זוכט פאַרן מלך אחשורוש אַ כלה —
עס שדכנט דער גאַנצער אימפעריע רעזשים"

װענדעט זיך צום דינער

כשוף, הסך! כשוף גרויס,
כשוף אין שפיגל דעם מלך אַרויס.

אין אַ װינקל פון זאַל צערוקט זיך אַ גאַבעלין. עס באַװײַזט זיך אַ שפּיגל. אין שפּיגל זעט מען זיצן אחשורוש אויף אַ טראָן פון העלפאַנטבײן, אין אַ פּורפּורנעם, גאָלד־באַהאַפטענעם מאַנטל. די פיס אין גאָלדענע שטיװל אַריבערגעלייגט אײנעם אויפן צװײטן.

פאַר אים באַװײזן זיך פאַרשידענע שײנע מײדלעך אין רײכע, נאַציאָנאַלע קאָסטיומען. טאַנצן, שפּרינגען, פאַרנײגן זיך, גײען אַװעק און ס׳קומען אַנדערע כל זמן אסתר דערציילט װעגן זײ

ס׳איז טענצערין אײנע, שפּרינגערין — צװײטע;
און שװימערין — דריטע; און די גײט אויף שטריק.
און די שפּילט אויף פידל און יענע אויף פלייט, ע —
מיט װאָס זאָל איך, אסתר, פאַרבינדן מײן גליק?

געשליפענע צינגער פון דיפּלאָמאַטן,
זײ רימען דערם יחוס, דערם אדל, דערם בלוט.
די גבורות פון זײדן, דאָס שיכרות פון טאַטן,
געיעגן אויף חיות . . . רציחה און מוט . . .

אפילו דער ספרתה, אומבאַצװאונגענער סקיתה,
זײ פרואװן אויך פאַנגען אחשורוש׳ס געמיט.

דעם שענסטן שמײכל, די שענסטע ברוסט,
מען שיקט צו פאַרשפּילן דעם מלך׳ס לוסט;

דער טענצערינס גראַציע, דעם שענסטן געניק,
מען שיקט אַלץ קײן שושן פּראָבירן דאָס גליק . . .

ער בײט מיניסטאָרן אין זײן קאַבינעט,
עס בײטן זיך מײדלעך אין מלכות-בעט,
קײן כלה נישטאָ, קײן ראַטגעבער נישט.
עס האָבן זיך אַלע געשטאַלטן פאַרמישט.

עס פּאַנגט נישט זיין האַרץ קיין צעהוליעטער טריט,
קיין טאַנץ קען נישט שטילן דעם מלך׳ס געמיט...
דער מלכה׳ס פּאָרטרעט און די בענקשאַפט, וואָס ברענט...
אין קיינער פון זיי האָט ער זי נישט דערקענט.

פּאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ, אין דעם ווינקל פון דער סצענע איבערן כישוף־שפּיגל.

**לאַח:**

דערלויבט מיר צו פרעגן אייך, מלכה, אַן פּירוש:
ווען האָט איר דערזען דעם מלך אחשורוש?

**אסתר:**

עס האָבן זיך יידישע מיידלעך באַהאַלטן,
און איך בין געלעגן אין קבר אין קאַלטן,
אין פינצטערן קעלער — צוזאַמען מיט קראָטן.
ס׳האָט פעטער מרדכי אַרויסגיין פאַרבאָטן.
קיין פּערס זאָל ניט הערן דעם אָטעם, חלילה;
אַראָפּגעבן עסן און זאָגן אַ תּפילה,
און שנעל, אַז קיין פּערס זאָל די טריט נישט דערשנאַפּן,
קיין יידישע טעכטער צום מלך נישט כאַפּן.

הפסקה

און איינמאָל געוואָרן איז פּלוצלינג העלער,
ס׳צעעפנט זיך ברייט די טיר פון קעלער,
און מרדכי, מיין אָנקל, רופט אָפּ זיך אזוי:
—„ס׳איז, אסתר, באַשערט... ס׳האָט מזל דער גוי"...

הפסקה

און אָפּגעהאַקט האָט זיך זיין ציטריקע שטים,
געפילט, ווי דאָס האַרץ האָט געציטערט אין אים,
געזעגן, ווי עס צאַפּלט דער אָדער פון שלייף.
מען האָט מיך געבראַכט צום טויער פון הויף...



— „זיי קעניגין“ — זאָגט ער (פלאָרענטינישע קונסט־שול 1400—1499)

געוואַשן אין מילכן, אין בוימלען געבאָדן —
און ענדלעך — מיט עול פון מלוכה באַלאָדן . . .

**לאה :**

דערלויבט מיר צו פרעגן, מיין מלכה, אָן פירוש :
ווער האָט אייך געבראַכט צום מלך אחשורוש ?

**אסתר :**

אַ טומטום האָט מיך פאַרן מלך געבראַכט.

**לאה :**

דערציילט מיר, מיין האַרין, וואָס האָט איר געטראַכט ?

**אסתר :**

ניין, לאה'לע, כ'קען זיך גענוי נישט דערמאָנען.
צעחושט געוואָרן. ווי אַ תם געשטאַנען.
ער האָט מיך געבלענדט און געשראָקן, אפּנים ;
אַראָפּגעלאָזט ברעמען . . . איך זע אויפן טראָן אים.
ער קוקט אַזאַ שטרענגער. דערפילט האָב איך טרערן . . .
— „זיי קעניגין" — זאָגט ער, דערלאַנגט מיר דעם סצעפּטער.
— „דו וועסט מיר פאַרטרעטן מיין ווייב, דער געקעפּטער" —
טוט אָן מיט זיין האַנט דיאַדעם אויף מיין שטערן . . .
[illegible]
איך קנייפּ זיך, איך גלויב נישט די אייגענע אויגן.
בין איך טאַקע — אסתר ? בין איך דאָס — צי ניין ?
דער גאָלדענער פויגל, די יוגנט פאַרפלויגן,
דאָס איז מיין געשיכטע, אַזוי איז געשען.

**לאה :**

וועלכע תפילה, מיין האַרין, מאַכט דעם גורל אייך לייכט,
ווען דער צער קלעמט דאָס האַרץ, מאַכט די אויגעלעך פייכט ?

**אסתר:**

כ׳ווים אַליין נישט, וועלכע ווערטער איך ברום:
אַפּטער בעט איך אין זיך און די ליפּ לאָז איך שטום.
איך בעט: גאָט פון שרה, פון רבקה, פון רחל.
דו פלעגסט זיי אין נויטן באַשיצן מיט חן;
מיין אומשולד באַשיץ פון אינטריגעס — כביכול.
ווייל צווישן די שפּאַרבער ד י י ן טויב איז אַליין.

הפסקה

ער טוט מיר די האָר איבער אַקסל צעלאָזן
און קעמט מיט די פינגער, ווי ווינטל אין גראָזן.

**לאה:**

זייט מוחל, מיין הארין, איך וויל נאָך וואָס פרעגן —
ס׳איז ווייבערשע נייגיר, ס׳איז אפשר אַ זינד —
דאָך פּירט אונדז דער הימל אויף גאָר מאָדנע וועגן:
צי שטייט אין רעגיסטער — איר זענט יידיש קינד?
צי ווייסט אחשורוש דעם שורש, דעם גלויבן
פון אונדזערע דורות די גאָלדענע ווייט?
צי וואָלט איר געפּועלט, אַז ער זאָל דערלויבן
ישראל אינגאַנצן זאָל ווערן באַפרייט?

**אסתר:**

צעטאַנצט זיך

אַמאָל פלעג איך הייסן: „אסתר די גרינע״
היינט זאָגן מיר אַלע: „אויף דיר רוט די שכינה״.

פאַרוויינטע אויגן, ווי בעכער טרערן —
היינט זאָגן מיר אַלע: „זיי לייכטן, ווי שטערן״.

אַמאָל פלעגן זיין די הענט געשוואָלן,
היינט קושט זיי דער מלך, ווי קדושה־סימבאָלן.

פאַרהאַנג

## בילד נײַן

אין זאַל פון בילד זעקס. אַ דינער מעלדעט אָן די מאַניקירין

**אסתּר:**

צו לאה'ן

אַט לאָזט מען זיך דוקא מאַניקירן די נעגל,
גיב נעגל לאַקירטע צו קושן — ס'איז קונסט.
די ברעם רעטושירן — און אַלץ על פּי רעגל;
אַ שמייכל — אַ תּורה; ווײַל שמייכל הייסט — גונסט.

**מאַניקיר־מיידל:**

אַרײַנקומענדיק, מיט אַ רעוועראַנס

זײַט מוחל, גנעדיקע מלכּה, אַביסל פאַרשפּעטיקט.
די זרשטע האָט מיך היינט צו לאַנג פאַרהאַלטן.
— ביי איר בלײַב־עס — אַ צאָן צעווייטאָקט,
געזידלט די ייִדן . . . יללות — גוואַלטן.

**אסתּר:**

נו, מעגסטו זיך מאָרגן נאָך טאָפּלט פאַרשפּעטיקן,
און זאָג איר, דער פּריצטע: — צוויי ציין דאַרפן ווייטיקן.

**מאַניקיר־מיידל:**

דאָס ערגסטע איז אָבער, דער בן, דער ויזתא —
ער קלעפּט זיך צו מיר, ער וויל זײַן מײַן חתן.
איך זאָג אים: — איך בין אַ געוועזענע פּרינצעסין,
און וואו ווּעסטו נעמען צו געבן מיר עסן?
— „און איך בין אין פּערסיען דער דיכטער דער גרעסטער,
קענסט פרעגן, זאָגט ער, דער קעניגין אסתּר,
זי איז אין דער פּערסישער דיכטונג דערפאָרן,
פאַר איין בוך מיר צוגעשיקט צען מינאָרן.

מען וועט מיך אַמאָל נאָך באַשיטן מיט טאַלאַנטן,
מיין נאָמען וועט שם׳ן אין אַלערליי קאַנטן;
מען וועט מיר נאָך געבן די גרויסע פּרעמיע,
און מאַכן פאַר מיטגליד אין הויכער אַקאַדעמיע..."

האָט לעצטנס באַקומען אַ מעסער אַ לאַנגען,
דער שיכור... „כ׳וועל — זאָגט ער — דיך, פייגעלע, פאַנגען.
איך ראָט דיר צו פאָלגן ויזתא מיט גוטן,
נישט וואַרטן דעם טאָג, ווען דער מעסער וועט בלוטן...

נישט וואַרטן דעם טאָג, ווען די בלוטן וועלן שפּריצן
פון מעסער דעם שאַרפן..."
און גיפטן צעבליצן
די קעצישע אויגן. דאָס האַרץ ווערט אַנטפאַלן —
ווען ער פאָכעט מעסער אין זוניקע שטראַלן...

**אסתר:**

איך ראָט דיר, מיין שוועסטער, ביי מיר צו פאַרבלייבן,
אַהער וועט ויזתא נישט טרעפן דעם וועג.
און זרשן וועסטו אַ בריוועלע שרייבן:
מער קענסטו נישט קומען, פאַרסט, ליידער, אַוועק.

דער דינער מעלדעט די פריזירקע

**די פריזירקע:**

זייט מוחל, מיין קעניגין, צו שפּעט געקומען,
ווייל גרויס איז אין אונדזערע גאַסן די שרעק.
עס זיינען אין פאַרשטעט די וועגן פאַרנומען.
די פויערים קומען מיט שניט-מעסערס, העק.

און ליידיק די וועגענער. דאָסמאָל נישט פאַרקויפן
געבראַכטע אין דער שטאָט אַריין קאָרן צי ווייץ,
זיי האָבן ממתקים, זיי פרעסן און זויפן...
עס שטעלט זיך נישט אָפּ דער פילקעפּיקער פלייץ.

עס קומט אָן די יוגנט מושטירטע, אין רייען —
די שכנים באַטאַפּן אין שטוב יעדע זאַך . . .
זיי גרייטן אַ שחיטה — זיי גייען און גייען . . .
אַנטלויפן פון שושן — זיין ווידער אָן דאַך ?

מיר זיינען פון פייער פון בבל געלאָפן,
אַ צווייט מאָל געלאָפן פון עקבאַטאַן . . .
געיאָגט האָט דאָס אומגליק — געיאָגט און געטראָפן —
אויף שליאַכן פאַרלאָרן אַ קינד און אַ מאַן.

די הילצערנע געסלעך, די שמאָלע אין פלאַמען,
איך לויף ווי אַ הירשין, דאָס קינד אויף די הענט,
למאי האָט ער לעבעדיק געלאָזן דער מאַמען ?
דאָס קלייד האָט געברענט, דאָס קינד האָט געברענט . . .

צו פערציק יאָר — אַ געבויגענע זקנה,
בלאָנד זיינען די האָר, יאָ — געפאַרבטע פון ווייס.
געוועזן הויך און שלאַנק — היינט בין איך אַ קליינע,
זיי קאָרטשן נאָך מער איין, די לעצטע נייס . . .

זייט מוחל, מיין גנעדיקע, זיך צופיל צעפלוידערט,
מיט אייך טרעפן נסים, איך וואַרט נישט קיין נס,
פון זינטער . . .

**אסתר :**

אַ טאָג אַזאַ מאָדנער, מיך שוידערט.
אָ, אומגליק־זכרונות, אומגעבעטענע געסט !

אָפט דוכט מיר, צעבושעוועט לויפן המונים,
צעברעכן די טירן, די לאָדנס, די שויב.
אַ פרייע מדינה — נאָך פרייער פאַר שונאים —
מיין טאַטע, מיין מאַמע . . . אוי, מאַמעליו, טויב !

פאַרציט מיר, זייט מוחל, ביי פענצטער די שטאָרן,
די שנייענע בערג — זיי לייכטן צו פרעך.

דו לערן פון זיי זיך צו שמייכלען אין צאָרן,
די קרוין פון דיין קאָפּ — אין דיין האַרצן צעבראָך...

אַפּט זע איך אחשורוש אויף פערד, אין די שלאַכטן,
אַנטקעגן אַנ׳אויפשטאַנד, דערשטיקן אַ פיינט.
אין גליענדע היצן, אין זון אַ צעלאַכטן,
די שווערד אַ צעגלאַנצטע, אין בלויען צעשיינט —

**לאה:**

מיין קעניגין איז אַ מלחמה-געאיבטע,
אין פּערסישן העלד — צי אין מאַן אַ פאַרליבטע?
און מיר דאַרפן ש ו ו ע ס ט ע ר צו היילן די וואונדן,
מנהיגים פאַר א ו נ ד ז ע ר ע אונטערגרונדן...

**אסתר:**

ער קומט פון פּערסיענס נידריקסטע שיכטן,
געטרעטן פון מושלים, פון „פּני״-בעלי-גאווה׳ס,
באַליידיקט פון אומרעכט און שוחד-געריכטן,
דערגרייכט ער צו טראָגן דעם עול פון התחיבות
די העכסטע... פון בבל׳ס ירושה: „לית דין ולית דין״,
דער מלך, דער האַרץ-מענטש, וויל פּרס באַפרייען...

דער דינער מעלדעט אָן די העפטערין

**די העפטערין:**

מיין ליבע קעניגין, איך האָב גרוים צער,
דאָך גלויב איך, איר וועט מיך נישט שטראָפן דערפאַר:

די זייד-פאָדים, וולוטשקע — צוריקגעבראַכט.
עס קענען די פינגער נישט העפטן קיין האַפט.
עס פעלט אין די פינגער היינט עפּעס אַ זאַפט.

באַווייזט באַאָדערטע הענט מיט צעדרייטע פינגער

מען האָט אונדז געצוואונגען צו וועבן גאַבעלינען,
געלאַכט, ווען אַ טרער פליסט אַריינפערלען דרינען.
געחוזקט פון אונדז — די בבלישע טעכטער,
בלשאצרס בת — זיך געשטיקט פון געלעכטער.

באָוויזט אויף אַ טעפּיך

אַט דאָ, אין דעם טעפּיך פון זיידנס קאָלירטע,
דאָ רופן מיך זיפצן פון ווענט די באַצירטע.
עס פיניקט די שטומקייט פון שקלאַפנס פאַרלאַכטע,
פון מיידלעך פון אונדזערע מקומות געבראַכטע . . .

עס איילן זיך שיצן . . . און פינגער צעדרייטע . . .
צעוויטאַקטע אַטעמס אַריינגעוויטע
אין אַט־די־אַ בלויע און פּורפּורנע פעדים,
מיר האָבן געוועבט אַט די גיפּטיקע שדים —

גייט צו צו דער וואַנט און טייטלט אויף די פאַנטאַסטישע סקאָרפּיאָנען און אַנדערע חיות אויף די טעפּיכער

די געטשן, זיי קומען פון פאַרשאָלטענעם לאַנד . . .
מיר האָט זיך די בבלישע קראַנקהייט דערמאַנט :
אַ תם געלעגן צוויי וואָכן אין בעט,
אָן עסן, אָן טרינקען — פון היצן גערעדט . . .
פאַרטריקנט די הויטן, די ביינער — סקעלעט ;
אַ שוועסטער געלעגן דערנעבן — טויט :
אַ שיינקייט, אַ בילד, אַ ריזיקע מויד —
אַ בר־מנן . . . שרעקלעך דער מתים־ריח . . .
כ'שריי : רחלע, נעם דאָ אוועק דעם מת —

און שרייענדיק, רוף איך אַ גאַנצן מעת־לעת —
און דאָס איז מיין רחל דער מת געוועזן.

פון דעמאָלט אַ זכר — אַ מויל אָן ציין.

זאָגט כליפּנדיק

מיין ליבע קעניגין, איך האָב גרויס צער —
דאָך גלויב איך, איר וועט מיך נישט שטראָפן דערפאַר.

**אסתר:**

א ליכטיק פּנים, גרויסע, שוואַרצע אויגן
פון אַנ'אומגעזועענעם צער געזויגן.
איך בין דיין שוועסטער, ביי מיר וועסטו בלייבן,
איך וועל פון דיין האַרצן די שרעקן פאַרטרייבן.

דער דינער מעלדעט אָן דעם גאָלדשמיט

**דער גאָלדשמיט:**

פאַרנייגט זיך

אַ, גוטע קעניגין, שענקט מיר דעם חטא,
אַט זיינען די אוירינגלעך, קאָליע, בראַסלעט,
די אָפּגעציטערטע שטיקעלעך זון.
כ'האָב, ליידער, ביי דעם גאָרנישט געטאָן,
אַזאַ שרעקלעכע צייט, אַזאַ מין צייט —
ס'באַוואַכן מיין קראָם באַוואָפנטע לייט,
שפּיאָנירן און וואַרטן
אויף עפּעס אַ טאָג אַ געגאַרטן.
בין איך נישט קיין בעלן
מען זאָל מיך באַפאַלן
און פרעמדס ביי מיר רויבן.
שוין איינמאָל געשלינגען געשליפענע בריליאַנטן
אין בבלישע קאַנטן . . .
וואָס מ'קען אַלץ פאַרטראָגן!
אין אָפּגרונט פון מאָגן
באַהאַלטן
דעם שטיין, דעם צעשטראַלטן,
און נאָכדעם אין נעכט, אין שטילע,
געזוכט, במחילה,
מיט פינגער אין עפּוש, אין צאה . . .

איך האָב נישט בדעה
אַ צווייט מאָל איבערצוטראָגן דעם עקל . . .

אַט, האָט איר דעם גאַנצן אוצר אין זעקל . . .
אַ, גוטע קעניגין, איר מעגט מיר גלויבן —
כ'באַדויער זייער, אַ גרויסער ווייטאָק,
אין פאַל איר וועט האָבן זייער נייטיק
אַזוי אין געאייל,
עפּעס אויף אַ וויל,
וועל איך מוזן פאַריכטן ביי אייך אין דער היים,
אַ ייד מוז היינט צירונג באַהאַלטן געהיים . . .

דער דינער מעלדעט אָן דעם שניידער

**דער שניידער:**

מיין ליבע קעניגין, גנעדיקע האַרין!
איר מעגט מיך דערפאַר אין תפיסה פאַרשפּאַרן,
דאָך בין איך אַליין נישט שולדיק,
עפּעס זענען אַלע אַזוי אומגעדולדיק,
פאַרגעסט מען צו האַלטן אין האַנט די נאָדל . . .
פון קינדווייז אָן ניי איך . . . בין שניידער-הגדול,
איך קען דעם שניט, און ניי על פּי מאָדע,
כ'פלעג נייען פאַר ושתין . . . ליידער, גראָד, ע —
די לעצטע פאַסקודנע טעג,
עס גייט מיר די נאָדל אַראָפּ פון וועג,
דעם שניט נישט צו זען, קיין נאָט נישט צו נייען,
אויב מיר איז צו דענקען דערלויבט, איך דענק,
נישט פאַר אייך געדאַכט, מלכה, אַ יידישע קרענק —
דאָס קומט אונדז פון אונדזער יידישער שרעק :
די פּויערים קומען מיט קאָסעס, מיט העק.
אַזאַ מין צייט, די באַוואָפנטע לייט ;
כ'האָב, ליידער, אייך אָפּגעבראַכט דאָס גאַנצענע זייד.
אויב אייליק דאָס קלייד איז פאַר אייער גראַציע,
דערלויבט דאָס צו נייען ביי אייך אין פּאַלאַץ — יע,
פּרנסה, נעבאך . . . פאַר קינדער און ווייב,
כ'מיין — קודם דערהאַלטן דאָס נפש אין לייב . . .

כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ

דער קאָפּ זאָל נישט פאַלן אונטער קיין האַק,
צו קבר־ישראל . . . תכריכים . . . אַ זאַק...
מען זאָל עולם הבא נישט האָבן פאַרשפּילט,
און קומען פאַר א י ם אין אַ טלית געהילט.
באַפעלט דורך אַ דינער — איין פּיפּס :
אַ קלייד פון זיידנס, פון סאַמעט, פון ריפּס,
אַזוי אין געאייל,
עפּעס אויף אַ ווייל,
אוודאי, וואָס הייסט, ביי אייך אין דער היים —
אַ ייד מוז היינט אָפּטאָן אַלץ אין געהיים . . .

דער דינער מעלדעט אָן דעם שיכמאַכער

**דער שיכמאַכער :**

זייט מוחל, קעניגין, דעם סאַטין ברענג איך אָפּ,
די גאָלדענע שטיפטן, בריליאַנטענעם קנאָפּ ;
איך וואָלט אייער פיסל באַשוכט און באַזוילט,
נאָר ס׳ציטערט דאָס יידישע האַרץ און עס גרוילט.

איך האָב זיך צום שכן פאַרקויפן געוואָלט,
אַ קנעכט זיין . . . זאָגט שכן : — איך בין נישט קיין יאָלד,
דיך טאָר מען נישט קנעכטן, ביז שחיטה — ביסט פריי.
בנוגע פאַרמעגן — כ׳וועל עס האָבן סיי ווי סיי.

דאָך . . . ירשענען מיך איז דעם הונט נישט באַשערט :
דאָס בעטגעוואַנט, ווערקצייג — באַגראָבן אין דער ערד ;
אַ קבר פאַרשאָטן — מיין אָרעם פאַרמעג ;
די הייזקע פאַרברענען — און נעמען דעם וועג . . .

עס נאָגט אַזאַ ווייטאַק אין האַרצן פאַרטיפט —
עס לייגט זיך קיין האַנט נישט צו נעמען אַ שטיפט.

דאָס העמערל שרעקט מיך, דעם מעסערלם גלאַנץ —
און דאַרפט איר דאָס שיכל פאַר מלך צום טאַנץ:
אַזוי אין געאייל
עפּעס, אויף איין ווייל
אויב איר וועט דערלויבן ביי אייך אין דער היים,
אַ ייד מוז היינט אָפּטאָן אַלץ אין געהיים...

**לאה:**

צו די בעלי־מלאכות

און וואָס איז די שרעק פאַר שניט-מעסערס, העק?
און וואָס איז דאָס לויפעניש אָן אַ צוועק?
דעם בורא׳ס האַנט קען טרעפן אין יעדן לאַנד:
אויפן אָפּגרונט פון ים... אין קאַלך-אויוון... אין פלאַם...
ע ר לעבט אומעטום מיט ישראל׳ס שטאַם,
ע ר איז אונדזער פעסטונג, געפּאַנצערטע וואַנט,
ע ר קען אונדז העלפן, ער קען אונדז באַשיצן,
ע ר האָט געענוג דונערן, ע ר האָט געענוג בליצן
קעגן אַלע אונדזערע פיינט!

**אסתר:**

צו לאה׳ן

מיין טייערע, געענוג פאַר היינט.

זיך ווענדנדיק צו די בעלי־מלאכות

אין מיטן אַ פּראָסטן מיטוואָך —
און פּלוצלונג, אַזאַ „גיטוואָך".
און אַלע ציטערן, אַלע פול מיט שרעק,
ווי, חלילה, פון מלכות אחשורוש זאָל נעמען אַן עק.
אַ שפּיצל האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ רשע —
 נישקשה, נישקשה,
גייט אייך אַלע געזונטערהייט,
איך וועל דורך באַדינער אייך געבן באַשייד.

פאָרהאַנג

## בילד צען

אסתר, מאַניקירין, ויזתא

דער דינער מעלדעט, אַז ויזתא איז דאָ

**ויזתא:**

אַ הויכער, דאַרער פּערס, מיט אַ געל שפּיציק בערדל. דער קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ געלן טורבאַן. אין אַ לאַנגן קאָלירטן כאַלאַט, אַרומגעבונדן מיט אַ געלן ברייטן גאַרטל, פון וועלכן ס׳שטאַרצט אַרויס אַ גרויס ביינערן הענטל פון אַ מעסער. ער וואַרפט אַראָפּ די סאַנדאַלן פאַרן טיר, קומט אַריין זיך נייגנדיק. רעדט פאַנפנדיק

גרויסע קעניגין, פּערסישע סעמיראַמיס,
וואָס שטייגט די נינוה׳שע איבער מיט איר חן;
די געטין אשתרות, די מאַמע פון די מאַמעס,
דערהייבן האָט אייך צו זיין שענער ווי שיין.
גאָט אַרמוז האָט אייך מיט זיין חכמה באַשאַנקען —
זיין ליכטיקייט זאָל צווישן שמייכעלעך בלאַנקען
אויף אייערע לאָטוס־ליפּן.
וואויל דעם, וואָס קען די ליכטיקייט זיפּן —
אַ, זון, אפילו פון דער ווייט.
וואויל אונדז, וואָס מיר זיינען געבאָרן מיט אייך אין איין צייט...
איך בין געקומען גרויסע מעצענאַטין, ליכטיקע האַרין,
צו דאַנקען אייך פאַר די צען זילבערנע מינאָרן,
איך וועל אייער גוטסקייט אין לידער דערמאָנען:
אזעלכע מעצענאַטינס — קיין סך נישט פאַראַנען...

**אסתר:**

צו לאה׳ן

נישקשה, זיך איינגעהאַנדלט מפטיר,
ס׳איז שוין איינמאָל אַ גרויסע קראַפט, ער...

צו ויזתא

**וואָס ביסטו אַזוי אומגעדולדיק? דו רעדסט בחיפּזון —**
**וואָס האָסטו דאָרט אין פאָדערהויז געלאָזן?**
**אַ האַרפע, אַ פידל —**
**לאָז אונדז הערן דיינס אַ לידל.**

**ויזתא:**

נעמט די האַרפע, זעצט זיך מיט די פיס הינטער זיך, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און זאָגט

**דאָס ליד פון דער קעניגין סעמיראַמיס**
**אין אַ הייסער נאַכט פון חודש תמוז.**

זינגט, צימבלענדיק אויף דער האַרפע

**אין האַרץ פון דער נאַכט**
**האָבן שטערן געלאַכט,**
**האָבן שטערן געלאַכט,**
**האָט די מלכה דערוואַכט.**

**אין האַרץ פון דער נאַכט —**
**קוקט לבנה פאַרטראַכט**
**בלייך-פאַר׳דאגה׳טע שיין**
**טריפט אין טונקל אַריין.**

**האָט די מלכה דערוואַכט,**
**האָבן שטערן געטראַכט:**
**ליבע דאַרף נישט קיין רו —**
**ווערט איין איך — איך און דו.**

**טריפט אין בליקן אַריין**
**בלייך-פאַרדאַגהטע שיין**
**אין האַרץ פון דער נאַכט:**
**— חלילה, מלך דערוואַכט?**

**נישט קיין מלך, קיין קרוין:**
**— נאָך איין קוש גיב... און שוין!**
**קוקן שטערן פאַרגאַפט,**
**טריפן ליכטיקן זאַפט.**

**האָבן שטערן געלאַכט,**
**האָט די מלכה דערוואַכט:**
**— איך בין איינע אַליין?**
**ס׳איז אַ חלום געווען!**

**פון בריליאַנטן איר קלייד,**
**צוויי נפשות — איין פרייד:**
**- האַניק!... — בלום!... זיסע רייד,,**
**טאַנצן שטערן פאַר פרייד.**

**גייט לבנה פאַרטראַכט**
**אין האַרץ פון דער נאַכט:**
**האָט דער מלך דערוואַכט,**
**האָבן שטערן געלאַכט...**

**אסתר:**

ווזתא, דו ביסט אונדז גאָר מבייש —
אַ ליד אַזוי מגושמדיק־פּראָזאַיש?
און „געלקחנט״ — צום רימל,
זינג עפּעס פון לעבעדיקן הימל.

**ויזתא:**

אויפהויבנדיק דאָס פּנים מיטן שפּיציק בערדל צום הימל. מען זעט אַ לאַנגן האַלדז מיט אַ גרויסן, אויסגעשטאַרצטן גאָרגל. זינגט

לבנה מעלקט די הימלישע קי
מיט איר לויטערער האַנט,
אין אויסגעשטערנטן לאַנד.
און, ליידער, בחנם די מי.

עס האָבן זיך הימלישע בהמות פאַרבענקט
צו ערדישע גראָזן:
— מאַ־אַ...מאַ־אַ־אַ.. פּאַרדביקות, געקרענקט,
און מער זיך נישט מעלקן געלאָזן!

די גאָלדענע שעפלעך איבערגעקערט —
אַ מילך־רעגן גיסט זיך אַראָפּ אויף דער ערד.

**אסתר:**

ויזתא, דיין ליד איז וואונדערשיין —
די מילך, האָסטו אויסגעטרונקען אַליין.

**ויזתא:**

פאַרדביקות אין זינגען, נישט הערנדיק

עס פינקלען און לעשן זיך טויען אין ראָזן
און איך פיל דאָס הארץ אין מיר צאַנקען;
ווען ס׳לעשט זיך דאָס ליכט אין דעם פענצטער...
איך קען זיך נישט דערוועגן אייך צו ליבן, ליב איך דער קלענסטער

פון אייערע באדינערינס, אייער מאניקירין.
דער ווינט פון איר קליידל
האט מיך געטאן אהער פירן,
איר טריטעלע צניעותדיק-איידל . . .

אזא מין עקשנטע — דאס מיידל.
וועל איך זיך דערלויבן, אייער כבוד צו בעטן —
איר זאלט אונדז אונטער דער חופה באליטן,
א, קעניגין, איר קענט משפיע זיין
דאס מיידל זאל וועלן מיין כלה זיין.

**אסתר:**

וויזתא, ביסט אראפ פון זינען —
א שדכנטע בין איך . . . אין מיטן דרינען?

**וויזתא:**

מיין קעניגין,
מען זאגט, אז איר שטאמט מיט איר פון איין שטאם,
נו, אז מען זאגט, איז עפעס מסתם.

**אסתר:**

פון וועלכן שטאם?
א כנענית, א פלישתית, צי גאר פון עילם?

**וויזתא:**

איר שטאמט פון גאר א פארגעסענער ראסע,
די שפיל פון קאלירן — ראז-גאלדנדיק-בלאסע,
ניואנסירט מיט ליכט פון אינדישן באגינען:
זון, לבנה און שטערן צוזאמען-געשפינען,
מיר גלויבן, גאט ארמוז, זיין פינגער דערינען!
נו, בעט איך ביי אייך, קעניגין, די איידעלע האנט פון אייער מאניקירין.

דאס זיידענע ווינטל פון איר ליבן אטעם זאל פירן
מיין דערהייבענעם שוועב אין זכרון צו אייערע טירן,
כ'וועל קושן דער שקלאפין די ליפעלעך ראזע,
פארכשופט פון דער, וואס איך האב נישט קיין העזה . . .

**אסתר:**

ויזתא, וואו האָסטו געלערנט דעם קאָמפּלימענט?

**ויזתא:**

די ליכטיקע פרייד

אין שאַרף פון דעם קלייד...

פאַלט מיטן פּנים צו אסתרס טריט. כאַפּט קושן דעם זילבערנעם זוים פון איר סארי

**אסתר:**

צעלאַכט זיך

כאַ, כאַ, כאַ...

אַ דיכטער אַזאַ —

ויזתא, נישט קני,

בחנם די מי,

ווער נעמט דאָס אַ כלה מיט לײדיקע הענט?

**ויזתא:**

שפּרינגט אויף, נעמט אָן אַ העלדישע פּאָזע

ווען דאָס יידיש בלוט וועט פון דעם מעסער שפּריצן,

וועל איך דאָס יידיש עשירות און די פּרינצעסין באַזיצן...

**אסתר:**

באַדינער מיינע, ויזתא האָט געהאַט אַ טעות,

געמיינט, אַז איך בין די געקעפּטע ושתי.

פירט אים שנעל, אַהין... אַהין... צום מהפך-פּשטא —

און צימבלט אַריין... און ציילט ווי מעות,

און שמיץ נאָך שמיץ גערעכנט — און מאַכט נישט קיין טעות.

צוויי דינער פירן אים אַוועק. דער פאָרהאַנג פאַלט. עס הערן זיך פון אונטערן פאָרהאַנג

**שטימען:**

כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ,

אַ דיכטער אַזאַ...

כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ... אַ.. אַ...

## בילד עלף

אין זעלבן זאַל, אסתר, לאה, דער כאָר

**אסתר:**

דערלויב מיר, מיין אורחטע, מיט דיר זיך צו פרייען —

צום דינער

איר גאַנצן פאַרלאַנג וועסטו טאָן פאַר מיין לאה'ן —

צו לאה'ן

אַ וואַנע פון מילך? אַ וואַנע פון בוימאייל?
פאַרפומען פון וועלכענע בלומען־זאַפטן?

**לאה:**

ניין, מלכה, דאָס קיינמאָל נישט, קיינמאָל —
דאָס טוט נישט קיין טאָכטער פון פאָלק דעם פאַרשקלאַפטן.

שיק מילך צו די קינדער, צו מאַמעס פאַרשמאַכטע,
מיט ליידיקע בריסטן צעפרייעט אויף שליאַכן . . .
און בוימאייל . . . נר־תמידים פאַר אומגעבראַכטע —
פאַר בתי־מדרשים, וואו לערנער וואַכן . . .

און וואַשן דעם גוף קענען וואַסערן פרישע,
און אויב נישט קיין וואַסער — אַ וואַנע פון זאַמדן —
פאַר אָרעמער שקלאַפין, פאַר זינדיקער אישה —
אַ פאַלאַץ — דער שאָטן פון אָרלעאַנדן . . .

שפּרינגט אויף

אַן אַנדער מין אסתר, אינגאַנצן אַן אַנדערע!

אין התלהבות, דעקלאַמירט ווי אַן אויסגעלערנט ליד

עס שרעקן נישט חוזה קיין מושלים קיין מעכטיקע,
מען שיקט מיך אהער נישט נאך קיין שום באקשיש.
ניין, ער שיקט ז י י ן ווארט דורך צדיקים, גערעכטיקע,
ע ר קליידט זיי, ע ר שפייזט זיי — ביי אנדער מין טיש.

און קומט אין א פאלאץ א חגי, מלאכי — יא,
מען קומט נישט אין פורפור... מען קומט אפט אן העמד.
און אפטער אין קייטן געבראכט אונטער וואכן... יא,
דאס בריענדיק ווארט — דיפלאמאטיע פארשעמט.

מיר ווייסן פון לאנג, אז פאלאצן דערלייזן נישט.
אין שאטן פון פאלאץ — געצעלטן אין קלעם.
פון קינסטלער־-התפעלות מאכט חוזה קיין וועזן נישט.
די ווינטן פארווייען פון גדלות דעם שם...

**אסתר:**

אויפשטייענדיק

מען לעבט נישט פאר זיך, מען איז נישט עגאיסטין,
מען לעבט פארן פאלק און מען טוט וואס מען קען.
כ׳באהאלט אין דעם פאלאץ, פון לאנד דעם פארוויסטן
פיל יידישע מיידלעך... צי ווילסטו זיי זען?

אין שאטן פון פאלאץ פארטרויערטע איכן
צעבליען, ווי בלומען — א רויזן־אליי.
ביי לערנען און שפייזן און קליידן און שיכן,
די מלכה פארגעסט אן איר אייגענעם וויי.

ביי זיי ווער איך ניצול פון גאווה דער פוסטער,
איך טו אוים דעם פורפור, לייג אפ דיאדעם.
נישטא מער קיין מלכה, קיין מלך באוואוסטער,
קיין קארסעט, קיין ברוסטבאנד, פאנטאפל אין קלעם.

אוועק מיט דער צאַרטקייט פון זיידענע זאָקן.
ס'אַנטפּלעקט זיך צעבלימלטער צייכן פון קייט.
איך ווער ווידער שקלאַפין — געשלאָגן, געשראָקן —
עס קליידט מיר דאָס אַלטע געלאַטעטע קלייד.

כ'פאַרשפּיל זיך אַליין מיט די קליינע יתומות,
און יעדער פון זיי — זע איך זיך פון אַמאָל.
כמעט אַלע קומען פון אונדזערע מקומות,
פון חורבן, פון אומקום ... פון ... יאָמער־טאָל!

אַט וועל איך אַ רוף טאָן די יידישע בלומען,
ווי טויבן זיי לויפן — פאַרבענקט און געטריי;
פאַריתומטע אויגן, דער טרויער מאַכט שטומען,
וואו נעמט מען אַ שטיקל גאולה? ...

**לאה:**

הלואי!

בייגן זיך ביידע אַריבער איבערן פענצטער אין הויף אַריין, פון וואַנען ס'דערטראָגן זיך קינדער־שטימען. לאה, אָפּקערנדיק זיך פון פענצטער דערזעט זיך אין קעגנאיבערדיקן שפּיגל

נישט קיין צייט געהאַט אַרומצוואַשן,
נישט פאַרקעמען זיך די האָר.
ווי פאַרוואַקסן נאָך אין חורבן־אַשן.

פון יענער זייט הערט זיך אַ זינגען

דאָך הער: אַזאַ אינטימער כאָר.

כ'פיל אין קלאַנגען זיסן האַניק רינען.
כ'זויג די טייטלען פון אַמאָל.
כ'זע מיין טאַטנס ווייַנבערג גרינען.
כ'זע קאַלירטן טעפּיך־טאָל.

שוואַלבן־פלאַטער ... גאָלדענע בינען זומען ...
ווייסע שעפּסעלעך אין גאַנג.
כ׳זע מלאכים׳לעך... די מיידלעך קומען,
מיט אַ פליגל־שאָרך... געזאַנג.

**איינע פון די מיידלעך:**

זינגט אונטער דעם פאַרהאַנג
ווער רופט דאָרטן, שוועסטערל, ווער?

**אַ צווייטע:**

איר זיסע שטים — איך הער,
די מלכה ...

**ביידע צוזאַמען:**

איר שטים פאַרנומען
לאָמיר לויפן, לאָמיר קומען.

**אַ דריטע:**

די מלכה זע איך אויפן שוועל. —

**אַ פערטע:**

איר ליכטיק פנים, ראָזיק־העל.

**דער גאַנצער כאָר:**

אַריינקומנדיק פון פאַרשידענע זייטן אין זאַל אַריין

האָבן מיר דיין שטים פאַרנומען,
וועלן מיר לויפן, וועלן מיר קומען
צו דער מלכה, צו דער ליבער,
אַלע שטרויכלינגען אַריבער.

**לאה:**

אויפהייבנדיק די הענט, ווי אַ כהן צום דוכ׳ענען

הימל, וועלכע פלאַימדיקע דופטן פון אומשולד־געווירצן
דו אַנטפּלעקסט פאַר מיינע חושים... פון די קליידלעך, פון
די שירצן,

פון די פנימלעך און צעפלעך, פון די אויגן — קוקט אַרויס אַזוי פיל תמימות.

דאָס דביקות און די שטילע צניעות, אַ הימלען, דערהייבט צו
א י ם  עס.

און זאָל  ע ר,  דער בורא עולם, אין אונדזער צער זיך
באַטייליקן . . .

געבן הצלחה דעם אוצר פון האָפנונג אין פאָלק, דעם הייליקן ;
העלפט אויפשטייגן, ווי דופטנדיקן ווייררויך,

צו  א י ם,  זייער אײדעלן אָטעם,

ע ר  זאָל אויפהערן צו פאַרפירן מיט אונדז אומפאַרשטענדלעכע
משפטים,

און לאָזן אויפגיין, אין זכות פון די אמהות, דעם שטערן פון גליק
אויף די וואונדערלעכע שפּראָצן פון יעקב . . . אַ ליכטיק געשיק.

**אסתר :**

זינגט, טעכטערלעך מיינע, איינעם פון יענע טרויער-געזאַנגען,
ווען אייערע קולכלעך מישן זיך אוים מיט מיין יאָמער ;
דאָס אָבלדיק קלאָגן אויף ציון, וואָס מאַכט איר אומגליק באַרימט.
אויב אייערע הערצעלעך זיינען צום זינגען געשטימט.
זינגט מיר די לידער פון אומגליק, וואָס האָט נישט קיין גלייכן
און זאָלן אין שטיינערנע ווענט פון דעם פּאַלאַץ, דעם רייכן,
לאַנג —
צוזאַמען מיט אונדזערע זיפצן, די עכאָס אַרומבלאָנדזשען באַנג.

**איין מיידל :**
זינגט

ציון באַוויינטע, וואָס האָסטו געמאַכט פון דיין רום?
דיין גלאַנץ פלעגט באַחידושן וועלטאַל, דער גאַנצער יקום.
היינט ביסטו נישט מער, ווי אַ שטויב... פון דיין גדלות דער
גאַנצער
געבליבן נישט מער ווי זכרונות . . . צעבראָכענע שווערד און
פּאַנצער.

**אן אַנדערע:**

ציון, אַמאָל אין די הימלען דערהייבן,
געזונקען, געפאַלן טיף, ביז צום גיהנם;
וואו זיינען די לעמפערטן דיינע, די לייבן,
וואָס פלעגן דעם שונא מיט אויגן פאַרברענען?
אָ, אָפּגענומען זאָל ווערן מיין לשון,
אויב אין מיין ליד וועט נישט פאַרוואָרצלט זיין
דיין וויי —
אויב ביז צום לעצטן אָטעם אויסגעלאָשן —
אין מיין געדאַנק.

**לאה:**

שטויי,
אַ וואונדער־געזאַנג.
כ׳בין מער ווי באַגייסטערט —
ווער האָט דאָס ליד געמייסטערט?

**אסתר:**

נישט שטער, טייערע, ניט שטער.
למאי נפקא־מינה — ווער?

**דער כאָר:**

פעלדער, פון הימלען געליבטע, ירדנס ברעגן;
טאָלן מיט פרוכטן געבענטשטע, הייליקע בערג;
שטיינער פון אַלטע פּאַלאַצן... אוראַלטע ווערק...
הונדערטער נסים באַצייכנען אייערע וועגן.
ווי לאַנג וועלן פרעמדע אייך טרעטן,
ווי לאַנג וועלן פרעמדע אייך ווייטאָן,
מיר זאָלן בלייבן פאַרטריבן,
מיר, פונ׳ם חורבן פאַרבליבן —
קינדער פאַריתומטע, פאַרבענקטע פון ווייט —
ביז וועלכער צייט,
ביז וועלכער צייט?

**איין מיידל:**

ווען וועל איך שוין זען, אַ ציון, צעעפנט דיין גרעניץ?
די טורעמס, די ווידערגעבויטע באַדעקט מיט אַ ליכטיקן
ברען־נעין?
ווען וועל איך שוין אויפהייבן, ציון, צעפלאַטערט, צו עולי־רגל
אַ צייכן פון יום־טוב, דיין פאָן?...
די פאַקלען צום מאַסטבוים, צום זעגל,
די העלקייטן טוקן צו ימים אין ווייט —
ביז וועלכער צייט,
ביז וועלכער צייט?

**כאָר:**

פעלדער געליבטע פון ציון א. אַ. וו.

**לאח:**

די הענט געהייבן איבערן כאָר, וואָס צעשווימט זיך אין פאַרשידענע זייטן
ברוך אתה, דו ייגנט, אין פיינען געלייטערטע;
גייסט־אויף אין דערלייזונג, נביאישער דופט!
דער טרויער אויף ציון מאַכט נאָנט די דערווייטערטע —
צעזונגענע קדושה — אַ ווייַרויך אין לופט.
די שטיינער פון פאַלאַץ, וואָס טוען אייך שיצן,
די שאָטנס באַהויכטע פון ציונס געזאַנג;
איך וואָלט, ווי אין אוראַלטע לוחות, איינקריצן
אין זייער פאַרגליווערטקייט — אונדזער געדאַנק.

פאָרהאַנג



אַ צייכענונג אין גאָלד.
אַשעמענידן דינאַסטיע
(בריטיש מוזעאום)

## בילד צוועלף

אסתר, מרדכי, לאה, דער כאָר

אין זעלבן זאַל פון בילד ניין

**אסתר:**

א חוצפה'ניק עפּעס דערוועגט זיך מיט העזה צום טיר.
ציווילמאַן, צי שלאַכטמאַן? וואָס זוכט ער, דער דרייסטער,
ביי מיר?

אַ, ס'קאַציל קומט, אַנקל, רב מרדכי, ווי קומט מען אַהער?
א מלאך פון הימל דעם וועג דיר געוויזן, איך שווער.
ער האָט דיך מיט הייליקע פליגל פאַרדעקט פאַר דער וואַך —
נו, זיץ אויף דעם קישעלע... כשר, אָן שעטנז... באַקוועם.
א שרעק אין די אויגן? אַש אויפן קאָפּ?... חלילה, א קלעם?
חלילה, אַנ'אומבאַקוועם נייעס?

**מרדכי:**

אומגליקלעכע קעניגין.
פאַרגעסן, ישראל — א שעפּעלע צווישן די חיות...

**אסתר:**

חלילה, מיר לעבן אין פּערסיען אין פרייהייט, פאַרברודערט.

**מרדכי:**

איך וואָלט אָן אַנ'ערנסטער סיבה דיין רו נישט צערודערט.
עס לעבט נאָך די זרע פון אַלטן עמלק, זי לעבט נאָך;
די שונאים פון פּערסיענס פאַראייניקטע שטאַטן — נישט
געקעפּט נאָך!
זיי גראָבן נישט מער, ווי די קראָטן, נאָר עפּנטלעך, שעדלעך;
דו ווייסט נישט, מיין מלכה, עס גייט היינט גאַנץ פּערסיען אויף
רעדלעך.
ס'האָט המן די דעה. וויל פּרם פון יידן אויסרייניקן...

מרדכי נעמט אַרויס אַ פּאַפּירוס פון בוזימטאַש און דערלאַנגט עס אסתרן

— נעם, לייען דעם שוואַרצן דעקרעט, דעם שחיטה־באַפעל ...
און אונטערגעחתמעט דעם גזר, כמעט אויף דיין שוועל.

**אסתר:**

לייענענדיק

— אל רחום וחנון, דאָס בלוט אין די אָדערן פרירט.
אחשורוש דעם גזר מיט זיין גאָלדענעם רינג האָט באַצירט ...
— וואָס שטייט דאָ? ... „נישט חס זיין אויף זקן, אויף קינד,
און אויף שוואַנגערע פרוי" —
אַ, גרויס איז דער בראָך און די חרפה ... עס פייניקט אַזוי.

כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט

**מרדכי:**

געקומען דער סוף אויף ישראל, דער שרעקלעכער סוף.
ניין, נישט קיין צייט צו קווענקלען זיך, אסתר, שטיי אויף.
מען הייבט אָן פון פאָלק און נאָכדעם גייט העכער און העכער:
דו, המן, דו כיטרער, קאַלטבלוטיקער המן, פאַרברעכער,
דו שטעלסט די געמאָסטענע טריט אויף יידישע לייכן,
יאָ, המן, פון זרש געריידט, וויל סצעפטער דערגרייכן ...

**אסתר:**

ס'איז אָנקל, א גרויסע עת־צרה ... מען מוז עפּעס טאָן.

**מרדכי:**

אוודאי, תמיד גלייכער צום קאָפּ גיין — צום טראָן.
דו ווייסט ווי איך טו דעם מלך אחשורוש שעצן,
דאָך המן, דער רשע, האָלט אין איין העצן
און איינגערעדט האָט ער דעם מלך: אין דער גאַנצער נאַטור
מיר זיינען דער וואָרצל פון אהרימאַן, דער שורש פון בייזן,
מיר זיינען דאָס פייער פון גיהנם, דער נירא די נור ...
נו, מוז מען, פאַרשטייסטו מיך, פערסיע פון יידן דערלייזן.



מרדכי

פאַסטעל : סעם לאַנדין.

ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן

ליכטזיניק געצייכנט דיין מאַן האָט דעם גזר,
דרייט המן די וואָנסן, די לאַנגע — אַ גרויסער שר!

**איין מיידל פון כאָר:**

אַ, ווער וועט אונדז מציל זיין, הימל, אַז ד ו וועסט פאַרלאָזן?

**לאה:**

פאַרשניידן אינגאַנצן אַ פאָלק, פאַרקאָסען ווי גראָזן.

**מרדכי:**

לאָז, אסתר, דאָס וויינען אַצינדער.
לאָז איבער דאָס כליפּן צו יונגע קינדער,
אַ האָפענונג דאַרף מען, בטחון וואָס טרייסט.
און דו ביסט די האָפענונג פון פאָלק דיין, דעם אָרעמען;
זאָל בורא דיין טריט און דאָס וואָרט דיינס פאַרעמען,
דו זייַ די שליח'טע — איין גאָט דערלייזט.

**אסתר:**

וואָס טאָן?

**מרדכי:**

גיין צום טראָן.
גיי, מלכה, זאָג דעם געקרוינטן אדון פון פרס (פּאַראַס)
די וואָר... אַז...

**אסתר:**

שוין דרייסיק טעג צום מלך נישט געווען גערופן,
אַריינפאַלן פּלוצים... טרעפן מיט אַ קעפּסווייב — בגילופין?
איך בין פון דיין פאַרלאַנג אַן איבעראַשטע,
דו פלעגסט מיך לערנען: „דינא דמלכותא, דינא"
און יעצט פאַרלאַנגסטו איך זאָל טאָן ווי ושתי —
להכעיס די חוקים — איך, „אסתר די גרינע".

דעקלאַמירנדיק
ער טוט אויספאָרשן די אומבאַקאַנטע לענדער,
די ווייטעסטע קאָנטינענטן טוט ער אַנטדעקן.
דעם גרעסטן טייל פון אַזיע... טוט ער פון שלאָף דערוועקן;
דעם הינדוס-טייך פאַרדרימלטן גיט אַ נייעם בלענד, ער —
די זאַמדיקסטע מדבריות אין גערטנער, ער, פאַרוואַנדלט.
און קעמל-קאַראַוואַנען פון לאַנד צו לאַנד — מען האַנדלט:
מען טיילט בשלום זיך מיט אָנגעזאַמלטן עשירות,
מיט וויסן און מיט חכמה, מיט העלדן-טאַטן, גבורות...
אין פעלדזן, אומדורכדרינגלעכע, שניידט ער דורך די טראַקטן —
זיין סצעפּטער פאַראייניקט די גאַנצע וועלט... דאָס זיינען פאַקטן!

**מרדכי:**

אַזאַ מין „שיר-היחוד" צו אַ בשר-ודם?
און אויפן ברעג פון תהום...
ווער באַזינגט עס מיט אַזאַ פליים אים?

**אסתר:**

מיט שמייכל

דאָס באַזינגען אים זיינע מעשים!

פאַרהילן מוזן סודות די ליכטיקע פּערזאָן
פון זיין מאַיעסטעט. אַנ'אומגעבעטענער גאַסט
אַריבער מלך'ס שוועל — אַנ'אומגעהויערע לאַסט;
דערנענטער זיך נישט, חוצפּה'ניק, צום טראָן,
דער טויט איז דער געוואונשטער שכר,
פאַר אַזאַ מין אומגעבעטענעם נאַר.
זיי יחסן ביי זיך, מעגסט פון זיך דופן,
נישט קום, פאַר זיינע אויגן, אומגערופן.
דאָס געזעץ ווערט אָפּגעהיט אַבסאָלוט,
יאָ, סיידן דער מלך הייסט קושן די גאָלדענע רוט.
צעשמייכלט זיך דעמאָלט, זאָגט מיט אַ וויצל:
— „דו ביסט על פּי נס געוואָרן ניצל" —

אזעלכע נסים טרעפן זייער זעלטן.
מיט באַקשישן לאָזט זיך נישט פאַרגעלטן
געוואַגטקייט פון דעם אורח, דעם פרעכן —
ס׳דערוועגט זיך נישט קיינער די געזעצן צו ברעכן.
די גרעסטע שרים און די גרעסטע העלדן —
מיניסטאָרן, סענאַטאָרן — מוזן פריער מעלדן,
זיי מוזן פריער בעטן מלך׳ס רצון —
און ווי קען איך, די מלכה זיינע — טראָצן?

**מרדכי :**

פאַעזיע, גדלות, געזעצן — בכן?
דו ווילסט נישט, אסתר, צום מלך גיין —
דו וועסט זיין גרויזאַמען דעקרעט
מבטל מאַכן מיט אַ גלעט.
און אפשר . . .

**אסתר :**

דער אָנקל שפּעט.

**לאה :**

זייט מוחל, מיין האַרין,
איך וויל זיך נישט מישן, אומדערפּאַרן,
אין פרעמדע אָנגעלעגנהייטן,
אין פאַמיליע-שטרייטן,
און דאָס בעט?

אסתר קוקט אָן נשתומם

כ׳מיין פאַר מיר, זיך אויסצורוען.

**אסתר :**

זיי מוחל, מ׳איז אזוי אין די הויכע ענינים פאַרטאָן —
תיכף, ס׳קומען באַדינער.
וועסט היינט ווידער שלאָפן מיט „אסתר דער גרינער״.

זעצט זיך. דערציילט:

כ׳בין בייגעווען לעצטנס צוויי שרעקלעכע משפטים.
דאָס בלויזע דערמאָנען מאַכט שטאָקן דעם אָטעם:

כאַפּט זיך ביי דער ברוסט

אַדורכגעשמוגלט האָט זיך צום מלך אַ פּויער,
בקשה געהאַט, דער אָרעמער . . . אין אַבאַיע גרויער
געקומען, געבויגן, קניט, כאַפּט קושן דעם מלך׳ס פּוס.
ס׳קוקט אָן אחשורוש און שמייכלט. אָן שום פּאַרדרוס —
ער רופט קאַמערדינער און זאָגט: — „פיר דעם בירגער אין באָד,
און נאָכדעם באַווייז אים, דעם בירגער, די גאַנצענע שטאָט;
און נאָכדעם באַווייז אים, דעם בירגער, דעם גאַנצן פּאַליי,
און מאָרגן אין דער צייט — צוזאַמען מיט אים צו משפט שטיי:
למען ידעו — משפטן ביידע: דיך, אומגליקלעכן, דערפאַר,
אַז דו שטייסט אויף וואַך — מוז וואַכן דיין האַר . . .
דעם פּויער דערפאַר, ווייל ער קומט ווי אַ ב ע ט ע ר,
אַ בירגער דאַרף וויסן זיין רעכט: ער האָט אַ
פ אַ ר ט ר ע ט ע ר.

**מרדכי:**

זיי מוחל, מלכה, מאַך עס בקיצור.

**לאה:**

מען משפט אָן עדות? און אָן שום באַשיצער?

**אסתר:**

מען ברענגט זיי צו מאָרגנס אין שווערע קייטן.
געריכט האָט געפּסקנ׳ט, ווי דין איז: „טייטן״.
געקומען מיניסטער פאַר וואַכמייסטער בעטן,
באַפעלט אחשורוש: — מיניסטער אין קייטן.
דעם פּויער האָב איך מיט מיין שמייכל פאַרטיידיקט —
ס׳האָט מלך גוטמוטיק דעם פּויער באַגנעדיקט.
פאַרשטייסטו דאָך, אָנקל, באַגנעדיקט מיין שמייכל —
אין באָרד זיך געמורמלט: „מער חן ווי שכל״.

אזאַ מין שבח וואָלט איך קיינעם געשענקט.
דריי טעג און דריי נעכט: עס קרענקט, עס קרענקט, עס קרענקט.

**מרדכי:**

באמת, מלכה, פּאַרדריסלעכע פּרטים —
דער מוסר־השׂכל פון די משפּטים?

**אסתר:**

איך האָב זיך אַ וואַקל געטאָן.
עס דרייט זיך אַרום מיר דער זאַל.
כ'האָב שיעור נישט געטאָן אַ פאַל,
אַ טרייסל געטאָן דעם טראָן.
געהייסן האָט מלך מיר אָנגיסן וויין אַ באָקאַל.
דערלאַנגט מיט זיין האַנט אַליין צו מיינע ליפּן,
און נאָכדעם, געטרונקען פון בעכער מיט האַסטיקע זיפּן.
געשמייכלט, גע'עצה'ט: — „פּאַרזיכטיק זיין".
אַפּנים געלאָשן פּאַרדרוס מיטן וויין.

**מרדכי:**

קוקט אסתרן גלייך אין די אויגן

דערציילסט עס קאַלטבלוטיק אַזוי און מיושב,
גלייך ווי מיר וואָלטן דאָ שפּילן טעאַטער;
עס איז דיר, מיין מלכה, דאָס לעבן אַזוי חשוב
ווען ישׂראלס קיום שטייט אויף אַ קראַטער.
דערלאַנגט אסתרן ווידער דעם פּאַפּירוס
לייען נאָך אַמאָל און זע,
לייען, לערן דאָס בעל־פּה:
טיטלט מיטן פינגער און לייענט מיט איר צוזאַמען אויפן קול

**אסתר:**

לייענט

„ישנו עם אחד מפוזר ומפורד"

**מרדכי:**

עס געפעלט זיי נישט דער יחוס.

דו געפּעלסט זיי, יפת־תואר,
נאָר דיין פאָלק — צו אַלדע רוחות!

זיי מיט שכינה זיי מכבד
און מיט שיינקייט און מיט חנען...

**אסתר:**

לייענט ווייטער

„טף ונשים ביום אחד..."
פרויען, קינדער — נישט צו שוינען?

**מרדכי:**

נישקשה — דער פּאַרנעס פון שוחט.
און ער לאָזט זיך גוט באַלוינען —

איבער מתים, איבער קברים,
איבער הייזער אויסראַבירטע —
איבער אַשן פון נפטרים,
זיי אַ מלכה, זיי אַ גבירטע...

**אסתר:**

אַנקל, אַנקל, אַזאַ מין חוזק.

**מרדכי:**

דער וועג צום טראָן — נישט תמיד רויזיק.

**אסתר:**

יעדעס וואָרט די הויטן שינדט.

**מרדכי:**

וואָס זשע איז דיין חרפה און דיין האָנאָר, קינד?
וואָס ווילסטו מציל זיין, פאַר וועם?
ישראלס קרוין, יהודה׳ס שם?
השגחה האָט דיך אַהערגעבראַכט
צו גיין צו אחשורושן ביי נאַכט —
ביי טאָג זאָלן די פעלקער פון אַזיע
זייער קעניגין באַחידושן —

אײ, די מײדלשע פֿאַנטאַזיע.
קענסטו, מלכּה, די װעלט פֿאַרײדישן?

**אסתּר:**

נישט אײנמאָל שױן געװאָלט דעם אָנקל פֿרעגן,
נישט אױסגעקומען קײנמאָל צו רעדן דערװעגן —
פֿאַרװאָס, למשל, פֿון זײנטער מלך שלמה׳ן,
דוכט זיך, אַ יאָרטױזנט — מיר חלומען און טרױמען
פֿון צוזאַמענהעפֿטן אונדזערע שבֿטים אין אײן אײניקײט
און קענען נישט דערגרײכן אַזאַ קלײניקײט,
װאָס דערגרײכט האָט כּורש, אחשורוש און הונדערטער מלכים,
אַ מאַן, דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל נאָכגײן נאָך אים...

נעם למשל, דיך, אָנקל, און ממוכן,
אַזעלכענע צװײ װאונדערלעכע איכן,
און לאָמיר פּרואװן מיט זײ צוזאַמען זיך באַראַטן —
נײן, אײנער איז דעם אַנדערן — מבֿטל...
אַ פֿאָלק פֿון וצדקתך׳ם מיט הױכע אידעאַלן!
װען די גרעניצן פֿון די פֿײנטלעכע אימפּעריעס פֿאַלן,
געפֿינט זיך נישט קײן העלד, קײן ײדישער, קײן בעלן
אין אײן נאַכט, װי אַ שטורעם דעם שונא צו צעקנאַלן;
בפּועל אײנצונעמען אײן אימפּעריע אינגאַנצן,
און אױף אַ קאָפּ, אַ ײדישן, די קרױן צו לאָזן גלאַנצן...

**מרדכי:**

געדאַנקען נישט קײן ערלעכע,
געדאַנקען געפֿערלעכע,
װי קומען זײ, אסתּר, צו דיר?

**אסתּר:**

דורך מלכות-טיר...

װען איך זיץ מיט אחשורוש — כ׳בין זײן שאָטן אױפֿן טראָן
און כ׳בײם די ליפּן און װיל פֿאַרגעסן,
אַז אױף דעם צעבראָכענעם קונסט-װערק איז שלמה געזעסן,

געשפּילט אין רעטענישן מיט דער מלכה שבא,
נישט אויסגענוצט צו מעכטיקייט די גלענצנדיקע שעה,
און נישט פאַריידישן דאָס אופיר־לאַנד געוואָלט,
געצאָלט מיט חכמה׳לעך פאַר גאָלד,
פאַר מיינע אויגן קומען ווערטער גאָלדענע, ווי בליצן,
ווערטער, וואָס כ׳האָב מורא צו ברענגען פאַר די ליפּן,
איך מוז זיי דורך די ציין דורכזיפּן:
וואָס דאַרף דער בורא אַזוי פיל נסים אונדז צו שיצן?

הפסקה. וואַרטנדיק אויף זיין ענטפער זאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן

אַ זון וויל איך... איך וויל אַ יורש צו מיין מלכות־חלק,
וואָס ער האָט צוגעזאָגט מיר היימליק
נישט איינמאָל, באַגייסטערט — דער מלך אחשורוש.

**מרדכי:**

באַהאַלט ביי זיך אין הארצן, מלכה, דיינע מאַמעשע חלומות
און וויסן זאָלסטו — די השגחה שאַפט נישט קיין צוויי שלמה׳ס.

און פּוסטע רייד די איידלסטע לעפצן זענען מטמא —
עס וואַרט אויף דיר דאָס אומגליקלעכע פאָלק,
גיי, זיי צו דעם אַ מאַמע,

די צייט שטייט נישט. די צייט וואַרט נישט.
קיין פאַרבלענדעניש געגאַרט נישט
דער גלייכגילטיקער... ליבט זיך נישט צו מישן
אין אונדזער געשיכטע. מיט באַקשישן
לאָזט זי זיך נישט אונטערקויפן —
די גלגלים דרייען זיך און לויפן...

**אסתר:**

אַנקל, אָנגעהויבן אָפּיום רויכערן?
באַרעכנטקייט זאָל דיך פאַרלאָזן?
איך זאָל אחשורושעס הארץ דערווייכערן
מיט דער פילאָזאָפיע?.. וואָסער מיט ראָזן.

אַט זע איך זיין פּנים רויט ווערן — איך קאָן אים —
די ליפּן פון אונטער די וואָנסן — דינער, פּאַרביסן;
אַ הייב טאָן דעם סצעפּטער, ווי קענגן די שונאים
און מאַכט זיך נישט הערנדיק יענעמס באַגריסן.

**מרדכי:**

באַגאַנגען איז דער בורא אַ שרעקלעכן טעות,
געבנדיק דיר דאָס בלוט פון די אמהות.

**אסתר:**

איך ווייס נישט, אָנקל, דו רעדסט אַזוי טיף,
יאָ, העכער פון שכל, מלמעלה פון באַגריף.

**מרדכי:**

דער בורא קען זיך, טייערע, אָן דיר נישט באַגיין —
האָט, נעביך, נישט וועמען צו שענקען זיין חן.

פויזע. באַטראַכט אסתרן

דו שרעקסט זיך צו מישן אין גרויסע פּאַרמעסטן?
נישט בחינם פּאַר מלכּה געמאַכט דיך, דערהייבן
איף הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות,
געזעצט ביי דער זייט פון הערשער דעם גרעסטן
אויף גאָלדענעם טראָן... ער דאַרף דיינע תּחינות
אין ווענט פון דעם פּאַלאַץ און מאַרמאָרנע זיילן
שטאַרק נויטיק; זאָלסט שרים מיט שמייכל פּאַרווײלן,
אין פּערלען־געטובל׳טע אינדיענס מאַהאַראַדזשן...

הפסקה

ווייסט וויפל מלאכים ע ר האָט פּאַר פּאַזשן?
דו ווייסט וויפל שטערן עס זינגען א י ם שירה?
אין וואַלד פון לבנון איז יעדער צעדער ז י י ן לירע.
די שפּין — וועבט א י ם זיידנס. די בלאַטע — פלאַקסן,
די פּורפּורנע מאַנטלען אויף שעפּסעלעך וואַקסן;
און פּוקסן טראָגן באַזילבערטע פּעלצן;
און וויפל גאָלדענע קרוינען אין אײן זון זיך שמעלצן,

ווי וואַקסענע ליכטלעך? ע ר דאַרף נאָר איין פּיפּס טאָן —
אַ שמוצער־טאָן מיט ליפּן צום מלאך, דעם ריכטיקן.
בגתנא און תרש צעשמעטערן פּלאַץ דעם ליכטיקן.

און זאָלן זיך אַלע מלכים פון דער וועלט פאַרזאַמלען
אים קריג צו דערקלערן, זיי וועלן אָנהייבן שטאַמלען!
יאָ, בטל זייער נתנקה . . . וואו ע ר טוט זיך באַווייזן —
נישט נויטיק קיין שווערדן, קיין לאַנצן פון אייזן.
דער ים אַנטלויפט פאַר דעם קלאַנג, די הימלען צאַפּלען,
די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע הייבט אָן צו מפּל'ען . . .

**אסתר:**

טאָ וואָס ווילסטו, אָנקל, כ'זאָל אָרעמע טאָן?

**מרדכי:**

נישט איך וויל, נאָר ע ר וויל: זאָלסט גיין צום טראָן.
גאָט רעדט און דיך שרעקט אַ בן־אדם'ס צאָרן,
עס גייט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרלאָרן,
און דו ציטערסט פאַר דיין אָרעם לעבן,
און ווער האָט דיר געבורט געגעבן?
דו קענסט נישט מער דיין שטאַם פאַרהוילן,
מען וויל דאָס גאַנצע פאָלק דיינס קוילן,
גיי צום מלך, דאָס פאַרקערטע פּועל —
באַשערט, אפשר, דו זאָלסט זיין דער גואל.

אסתר קווענקלט זיך. מרדכי קוקט זי אָן מיט ביטול

ע ר קען זיין פאָלק אַרויסהעלפן אויף אַ וועג אַן אַנדערן,
נאָר דו מיט אַלע דייניקע, איר וועט מוזן וואַנדערן!

דו, טעפּיך פון זיידענע פעדים געשפּינען,
דערמאָן זיך, ווען פרילינג וועט אָנהייבן גרינען —
פאַרשטייסטו, מיין מלכה, נעם גוט זיך אין זינען,
דו וועסט זיך אין פּאַלאַץ שוין מער נישט געפינען.

**אסתר:**

איך, שוואַכער, קליינינקער טייל פון ערשטן אדם,

אָרעמע, פֿאַרלאָרן פֿון מיינע געדאַנקען דעם פֿאָדעם —
בקיצור, וואָס טאָן?

**מרדכי:**

**גיין צום טראָן!**

**לאה:**

איך וואָלט אויך וועלן אַ קליינע שליחות דערפֿילן.
די מלכה צום מלך באַלייטן. נייגיר שטילן.

**מרדכי:**

נישט הערנדיק אירע רייד

זיי האָבן גורל געוואָרפֿן — שיכורים, אויף ניי־יאָר־באַל —
און אויסגעפֿאַלן איז אַ בלינדער טערמין.
אַ טאָג אָן יידישן זכות. אַ גרויער נייטראַל —
אָן שיין, פֿאַרגליווערטע זון... אָן חסד, אָן דין.
אין חודש אדר דעם דרייצנטן טאָג... מזל שפּין:
אין שפּינוועבס פֿאַרוועבנדיק פֿליגן, קריכנדיק אהער, אהין —
דער עקלדיקער, גאָטלאָזער, טמאה'ר אינזעקט...
ס'האָט המן אין שפּין זיין אָפּבילד אַנטדעקט.
ניין, דוכט זיך, איך בין זיך טועה — מזל פֿראָש:
„כל המיצר לישראל נעשה ראש..."
דו האָסט זיך צו ראַנגלען מיט המנס שר,
דער שר פֿון עמלק, ווי יעקב — מיטן שר של עשו;
און ווי מיט פּוטיפֿרע־לילית, ימח שמה... יוסף.
און בייקומען מוסטו.
בלייבן אָן אייביק־באַוואוסטע,
אָן אייביק־געגלוסטע,
אָן אייביק־געגאַרטע,
אָן אייביק־דערוואַרטע,
אָן אייביק־צאַרטע,
אָן אייביק־געטרייע,
אָן אייביקער סימבאָל פֿאַר פֿרייע —
און המן דער רשע, מוז בלייבן פֿאַרחוזקטער נאַר.

**לאה:**

הייבט אויף די הענט איבער אסתרס קאָפּ

מיטן פייער פון נביאים אין די ביינער,
מיטן טרויער פון די חורבן-שטיינער
— אין דיין שטים

גיי צום מלך און די לאַגע שילדער,
שרעק זיך נישט צו שרעקן אים מיט חורבן-בילדער:
ה׳ הוא אלוהים.

**מרדכי:**

אַנטשלאָסן

דער, וואָס אין ז י י ן האַנט איז דאָס הארץ פון מלכים,
דאָס זענען ז י י נ ע דרכים —
ע ר וועט מיט דיר גיין!
און עפענען זאָל ע ר פאַר דיר ז י י ן אוצר פון חן.
און אומקומען, אסתר, אויף קידוש-השם, איז נישט קיין בושה:
מען דאַרף נאָר קענען אָפּהיטן די אמהות ירושה —
הייליק און ריין אַבסאָלוט —
ישראלס בלוט!

**אסתר:**

אַנטשלאָסן צו מרדכי און לאה׳ן

גייט און זעט, אַז אַלע יידן פון שושן דער שטאָט,
זיי זאָלן דריי טעג און דריי נעכט בעטן צו גאָט
און פאַסטן פאַרעקשנט, ווי איך. מיט זייער טרער
און הונגער העלפן פועלן ביי גאָט מיין באַגער.
אָט לאָזט די נאַכט אַראָפּ שוין טונקעלעם איבערוואָג.
דריי מעת-לעת, ווי נאָר די זון וועט אָנצינדן דעם טאָג,
צופרידן אומצוקומען, אויב אומקום איז באַשערט;
כ׳וועל גיין פאַר פאָלק אַ קרבן זיין — עס איז עס ווערט —
גייט — און לאָזט מיך אַליין.

מרדכי, לאה און דער כאָר דערווייטערן זיך אין דער טיפקייט פון זאַל. אסתר טוט תפילה ביחידות

## בילד דרייצן

**אסתר:**

מתפלל

ד ו, מיין העכסטער מלך!
פאַר ד י ר אויסגיסן מיין ביטער האַרץ וועל איך
אין איינזאַמן ציטער. מיט זיין צאַרטן קול
האָט טאַטע מיך געלערנט און טויזנטער מאָל
ביי געלעגנהייטן פאַרשידענע, מיר דערמאָנט,
אַז געשלאָסן האָסטו אויף אייביק אַ הייליקן בונד
מיט ד י י ן פאָלק — עס זאָל אין ד י י נ ע דרכים גיין,
לויט ד י י ן תורה לעבן, טראַכטן לויט ד י י ן מיין...
געהייליקט אונדזערע אבות מיט ד י י ן גרויסן שם,
געוואָלט האָבן אַזאַ פאָלק, ווי ד י י ן רצון
איז אנגענעם...
האָסט צוגעזאָגט די אָבות מיט ד י י ן הייליקן מויל,
צו געבן זיי דורות פון אייביקן דויער... אָ, גרויל!
דאָס אָפּגעציטערט פאָלק מוז דינען צום פּרעמדן האַר,
ס'איז ערגער ווי קנעכט זיין... ס'איז טויט-קאָשמאַר.
די זיגער גאוה'דיק פאַרשוועכן אונדזער טרער —
די אָפּגעטער זייערע זאָלן האָבן צעבראָכן אונדזער געווער.
געהייבן די פויסט, מיט איין גרויזאַמען אָטעם-פאַרכאַפּ
ד י י ן נאָמען און ד י י ן פאָלק דערלאַנגען אַ טויטלעכן
קלאַפּ,

ניין, ניין. ד ו קענסט נישט דערלאָזן דאָס תליון-פאָלק
זאָל שיכור פון אונדזער בלוט, אין איבערמוט און איבער-
דערפאָלג,
פאַרמאַכן דאָס אייניציקע מויל, וואָס קען ד י ך רימען, גאָט!

וואָס האָבן די קליינע קינדער פאַר ד י ר געזינדיקט, האַר?
די ליפּעלעך, וואָס זויגן ביי דער מוטערס ברוסט,
וואָס זויגן איין אין זיך דער מוטערס שטומען צער,
דער מוטערס שטומע שרעק פאַר המנס כיטרער לוסט...

ווען אברהם האָט זיין חלף אויף יצחקס האַלדז געשטרעקט,
האָסטו צעעפנט די פענצטער פון ד י י ן הימלס-צעלט —
דערזעען זאָלן די מלאכים... זיי האָבן ד י י ן רחמים
געוועקט,
און ביטער צו דיר גערופן: — „אָ, ווי צו אַזאַ וועלט!

— אָ, ווי צו אַזאַ וועלט! — רוף איך אין ביטערניש,
איך רוף צו ד י ר פון פּאַלאַץ, ווי יונה אין בויך פון פיש,
און ווי אברהם אבינו אין קאַלך-אויוון-פלאַם,
איך רוף ד י ך נישט פאַר זיך, גאָט, העלף מיין אָרעמען
שטאַם!

פון אַלע פּוסטע שיינדלען, דעם גאַנצן צירונג-באַגאַזש,
כ׳וואָלט ליבער אויף מיין טרויער-קאָפּ געשאָטן אבל-אַש.
אַ משא אַ שווערע פאַר מיר — די טיטלען און דער שם;
עס וויינען די האַרציקע פּערל אין מיין דיאַדעם.
אַ קרבן בין איך פאַר מיין פאָלק — און וויל עס זיין;
איך טרינק, ווי דער מלך זיין וויין, מיין בלחש-פּיין.
ווייל ד ו האָסט מיין גורל, דעם האַרבן, מיט זיינעם פאַרמישט.
איך בין נישט קיין העלדין, קיין קעמפּערין נישט.

איך גיי טאָן ד י י ן רצון, באַגלייט מיינע טריט
צום לייב, דעם בעל-גאווה, וואָס קען דיך נישט, גאָט:
גיב וווייכקייט זיין האַרץ, אין זיין בליק לעש דעם שפּאָט.
דער שטורעם, דער הימל און דעם מלך׳ס האַרץ — אין
ד י י נ ע הענט;
לענק-אָפּ אויף די שונאים, ווען שנאה אין אים ברענט.

פאָרהאַנג

## בילד פערצן

דער כאָר.

אין זעלבן זאַל פון בילד צוועלף

**איינע פון כאָר:**

לאָמיר זיפצן, לאָמיר וויינען, חברטעס געטרייע —
לאָמיר געבן אונדזער יאָמער פרייען שטראָם.
לאָמיר אונדזערע אויגן צו די הייליקע בערג ווענדן,
פון וואַנען די אומשולד וואָרט גאולה, אין תהום...
דער שונא וויל דאָס גאַנצע פאָלק פאַרלענדן,
טאָ, לאָמיר אונדזער שרעק אויסשרייען,
אַ טויט־אַליאַרעם!

**כאָר:**

אל רחום וחנון, דערבאַרעם!

**דיזעלבע:**

אָ, קלאָגט מיינע אויגן אויף ישראלס סוף,
צעשטערט די רו פון הימלען, וועקט זיי אויף,
נאָך נישט געזען האָבן זיי אַזעלכענע טעג,
לאָזט אויפפלאַצן די רואיקייט פאַר שרעק —
אַ טויט־אַליאַרעם!

**דער כאָר:**

אל רחום וחנון, דערבאַרעם!...

**אַ צווייטע:**

נישט גענוג געווען דעם עקלדיקן זיגער זיין נצחון,
דעם חן פון ציון צעשטערט, אונדזער קרוין צעבראָכן,
און אונדזער בחיר אין טויזנט ווייסטע ערטער פאַרשלעפּט —
גאָט, העלף!

**די פריערדיקע:**

אַ שעפּסעלע, אַ שוואַכס, איבערגעענטפערט אין לאַפּעס פון וועלף
און וואָס פאַרמאָגן מיר, אחוץ דעם טויט־אַליאַרעם?

**כאָר:**

אל רחום וחנון, דערבאַרעם! . . .

**איינע:**

אַראָפּרייסן די צירונגען, צעפּליקן די גירלאַנדן
פון אונדזערע קעפּ — און אַלע קאָלירטע באַנדן.

**אַ צווייטע:**

אין שמאַטעס זיך הילן, צום שרעקלעכן יום־טוב זאָל פּאַסן,
צום בלוטבאָד, וואָס המן, דער רשע, גרייט צו פאַר די מאַסן...

**כאָר:**

אַראָפּרייסן די צירונגען א. ז. וו.

**איינע:**

אין אַלע טיילן פון לאַנד — שחיטות, בלוטיקער מאָרגן.
און קינדער דערשטיקטע, און זקנים דערוואָרגן,
און שוואַנגערע פרויען מיט צוואַנגען צעגליטע
די טראַכטן געעפנט...

**אַן אַנדערע:**

און זקנים חשובע, פאַמיליע־שעפן,
די בערד, זיי אונטערגעצונדן אין פלאַמען;
און טעכטער געשענדעט מיט מוטער צוזאַמען.
און דאָרט — שטיקער פיס — און דאָ — שטיקער הענט —
צעטרעטענע פנימער, אומדערקענט.

סקילה, שריפה, הרג, חנק —
זיינען בערג־נפטרים ווייניק?
קבר־ישראל — נישט געבראַכטע,
שונאים חוזקן — צעלאַכטע...

**אַן אַנדערע:**

גרויסער גאָט, וואו איז ד י י ן נס?

אַז ד י י נ ע צדיקים זאָלן זיין אַ פּרעס
צו לעמפּערטן און לייבן...
אַ, ווער קען דאָס גלייבן?

**אַן אַנדערע:**

דער גאָט פון נקמה, דער גאָט פון נצחונות,
אָ, ציטערט, איר פעלקער פון דער ערד!
דער גאָט פון נקמה, דער גאָט פון נצחונות!
צו זיינע באַפעלן דער הימל הערט:
צי קענען מיט דונערן, צי קענען מיט בליצן
קבצנישע אָפּגעטער — אייך באַשיצן?

**אַן אַנדערע:**

דעם פשוטן מענטשן — פאַרטיידיקט ע ר.

**אַן אַנדערע:**

און דעם איבערמוטיקן — שעדיקט ע ר.

**צוויי צוזאַמען:**

גאָט פון רום באַקרוינט;
גאָט פון ליכט באַשוינט,
וואָס שוועבט אויף די פליגל פון ווינט,
ז י י ן טראָן ווערט געטראָגן פון מלאכים.

**צוויי אַנדערע:**

דער גאָט, וואָס האָט גערן דאָס פשוטע קינד
זאָל מיטזינגען מיט זיי ז י י נ ע שבחים.

**כאָר:**

ד ו זעסט, גאָט, די דרינגענדע געפאַרן,
ד י י ן נאָמען גיב אַ נצחון;
דערלאָז נישט ד י י ן כבוד פאַריאָכן
צו געטער פון פרעמדע האַרן.

פאָרהאַנג

# דריטער טייל



אַחשורוש, אסתר, מרדכי, המָן

שאול ראַסקין

## בילד פּופּצן

כורש־פּלאַץ אין שושן דער שטאָט, געוועלבער מיט שילדן אין תרגום־לשון, יידן און יידענעס אין לאַנגע, פּערסישע קליידער שטייען אין די טירן פון די געוועלבער. יינגוואַרג קוקט אַרויס דורך די פענצטער. אויף די באַלקאָנדלעך זעען זיך פרויען מיט קינדער אויף די הענט. אינמיטן פּלאַץ אַ פּיראַמידאַלער זייל באַשריבן מיט קלין־שריפט און מיט אַלטן יידישן כתב. מען זעט גרויסע, גאָלדענע, האַלב־אָפּגעריבענע ווערטער: **הכרזה פון מלך כורש וועגן יידן.**



כורש　　　　ג. דאָרע

**זכות צו בויען דעם מקדש און די וואַנט פון ירושלים דער שטאָט.** פון איין זייט דערנענטערט זיך צו דעם דענקמאָל אַ פערד מיט גרויסן גראַ־גער אין איין האַנט און מיט אַ בינטל פּאַפּירוסן אין דער צווייטער. ער הויבט אָן גראַגערן. דער עולם לויפט זיך צונויף. פון אַ צווייטער זייט דערנענטערט זיך צום דענקמאָל מרדכי מיט אַ געזעמל יידן. דער פערד מיטן גראַגער הערט אויף צו גראַגערן און לייענט פון די פּאַפּירוסן:

**דער פּערס מיטן גראַגער:**

איך, אחשורוש, דער מלך, וואָס האָט איינגענומען, מיט דער הילף פון אַל-ליכטיקן מאַזדאַ און אַנדערע געטער, הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, וואָס דאַגה'ט טאָג און נאַכט פאַרן וואוילשטאַנד פון מיינע פעלקער, האָב דאָס גליק מודיע צו זיין די פאַראייניקטע שטאַטן פון מיין גרויסער מדינה, אַז עס האָט זיך געפונען צווישן מיינע יועצים אַ מאַן אַ געביל-דעטער און אַ קלוגער, וואָס האָט זיך באַהאַפטן צו אונדזער מלכות, געוואָרן אַ תושב, און מיט האַרץ און נשמה איבער-געגעבן בלויז דער טובה פון אונדזער גרויס פאַטערלאַנד. איך האָב נאָכגעפאָרשט — עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט — ער שטאַמט פון הויכן יחוס: זיין נאָמען איז המן, דער זון פון המדתא פון אגג, פון העלדישן שטאַם פון עמלק, וואָס איז על-פּי צופאַל אומגעקומען דורך דעם מינדערוועדטיקן פאָלק ישראל.

דער געטרייער דינער האָט מיר אויפגעקלערט
די נידריקע געשיכטע פון דער פאַרדאַרבענער ראַסע.
בעת זיי זיינען אַרויס פון מצרים, צו דינען דעם גאָט
פון זייערע סודות, וואָס קיינער זעט נישט און באַגרייפט נישט,
זיינען זיי געוועזן זעקס הונדערט טויזנט נפשות;
האָט בכן מיין דערמאָנטער יועץ, המן, אָפּגעקויפט ביי מלוכה
דאָס דאַזיקע פאָלק פאַר צען טויזנט זילבערנע טאַלאַנטן.
איך האָב אים פאַרהאַנדלט דאָס פאָלק נישט, חלילה,
פאַר קנעכט אָדער דינסטן,
דער נאָבעלער מאַן איז נישט אייגננוציק, ער האָט אַ צוועק,
אַ זייער דערהויבענעם — דאָס דאַזיקע פאָלק אויסצוקוילענען.

**איינער פון פאָלק:**

אַ חרפּה! אַ ליגן! אויסגעטראַכט!

**אַן אַנדערער:**

דאָס האָט מען נישט פאַרן מלך פאָרגעבראַכט!

**אַן אַנדערער:**

און נישט פאַרן ראַט פון זיבן!

**אַן אַנדערער:**

דאָס האָט נישט דער מלך אונטערגעשריבן!

דער פערד גראַגערט ביז עס ווערט שטיל

**דער פערד מיטן גראַגער:**

לייענט ווייטער

פון זינטער איך האָב אונטערגעשריבן דעם דעקרעט, האָב איך
צוריק באַקומען מיין אַפּעטיט, איך עס די געבראָטענע
טייבעלעך און טרינק דעם בעסטן מעהד און ווייַן
און לאָז מיר וואוילגיין. און איר, געטרייַע בירגער מיינע,
איר דאַרפט זיך משמח זיין מיט דער שמחה פון אייער מלך,
און צוהעלפן צום גרויסן ווערק פון אונדזער גרויסן פריינט
פון שלום, המן, דעם זון פון המדתא פון אגג —
זיך גרייטן צום גרויסאַרטיקן טאָג, ווען אונדזער מדינה
וועט זיך באַפרייַען פון דעם אינערלעכן שונא...

אַ געפּייפעריי פון עולם

**דער פערד מיטן גראַגער:**

גראַגערט און שרייַט מיט הייזעריקער שטימע

ווער עס פאַרמאָגט אַ שווערט, אַ שפּיז, אַ סערפּ, אַ האַק
זאָל אַלע כלי־משחית אומשאַרפן און האַלטן גרייט
צום דרייַצנטן טאָג פון חודש אדר... אין יענעם טאָג
בעלות־השחר אויפשטיין, אָנהייבן די נאָבעלע אַרבעט —
קוילענען יידן...

דער עולם וואַרפט זיך אויפן פערד, מען שלאָגט אים מיט די פויסטן אין פנים, מען צעברעכט אים דעם גראַגער, שרייַענדיק:

**שטימען:**

אויסטראַכטער!... ליגנער...

אויפן פּיעדעסטאַל פון דענקמאָל, איבער די קעפּ פון עולם, דערהייבט זיך מרדכי. זיין קאָפּ איז אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויען זאַק מיט אַש. אין לאַנ

איינגעשניטן, ווי ביי אַן אָבל, אַ ווינטל צעקאַשמעט די לאַנגע באָרד. אויפֿן צעגליטן הימל רוקן זיך אַן וואָלקן. דער עולם ווישט זיך דעם שווייס און בלייבט שטיל

**מרדכי:**

ברידער און שוועסטער, מיין ליכטיק און הארציק פֿאָלק!
צוזאַמען מיט אייך וויל איך נישט גלויבן, אַז דער גרויסער מלך
אַחשורוש זאָל זיין דער מחבר פֿון דעם „דת"...
דער גזר איז געחתמעט מיטן רינג, דעם קעניגליכן...

ס'האָט המן דער רשע, מיט שלויקייט, מסתמא, פֿון אים
אַרויסגעפּרעסט... נישט האַלב, נישט דריטל פֿון אונדז
וויל אומברענגען המן... בחנם זיך איינרעדן:
נישט מיך מיינט דער תליון, נישט מיך וועט עס טרעפֿן!
דעם וויינגאָרטן פֿון ישראל אינגאַנצן וויל אויסוואָרצלען
דער רשע — קיין זכר נישט לאָזן... בחנם האָט כורש,
דער נאָבעלער, דער העלד, דער גרעסטער פֿון פּערסיען,
וואָס מיר האָבן דעם כבוד צו שטיין ביי זיין דענקמאָל,
פֿאַרשניטן דאָס רשעותדיק בבל... אַן אַנדערע גזע פֿון רשעות,
וואָס אונדזערע אָבות האָבן לאַנג שוין צעשמעטערט,
האָט ווידער פֿאַר אונדז די בלוטיקע געשיכטע אויפֿגעבלעטערט.

מיר האָבן נישט היינט קיין משה, קיין יהושע-בין-נון.
ס'וועט קיינער נישט אָפּשטעלן פֿאַר אונדז די פּערסישע זון.
די פֿרעמדע מלכים, בלוטדורשטיקע שרים, זיי ווילן אפֿילו
נישט אונדזער טויט פֿאַרגיטיקן מיט ברידער-קברים;
די לייבער אונדזערע דאַרפֿן זיין אַ שפּייז פֿאַר אָדלער,
פֿאַר שפּאַרבער און חיות קעניגליכע.
ברידער און שוועסטער, געליבטע, געהאַרצטע —
אין מלכות פֿון „פֿרייהייט" — פֿאַרגרויטע, פֿאַרשוואַרצטע;
איך וויל אייך דעם גורל פֿון נינוה דערמאָנען,
ווען יונה, דער נביא, האָט נינוה פֿאַר חורבן געוואָרנט —
דער מלך פֿון נינוה האָט אויסגעטאָן גאָלדענע קרוין,

געהויבענעם קאָפּ באַשאָטן מיט אַש — גוזר־תענית געווען.
אין נינוה, דער שטאָט, האָט נישט בלויז דער מענטש,
נאָר שאָף אויך
און רינד — די גאַנצע יצירה — געפאַסט און געשריגן
צום מלך מלכי המלכים מיטן אָטעם, דעם לעצטן —
און נינוה איז ניצל געוואָרן. ברידער און שוועסטער!
אין נאָמען פון קהל און קעניגין אסתר:
דריי טעג און דריי נעכט איז עסן געאסרט.

**איינער:**

און ווער האָט די איידעלע קעמפער געמסרט?

**אַן אַנדערער:**

זאָל לעבן בגתן!

**אַן אַנדערער:**

זאָל לעבן תרש!

**אַן אַנדערער:**

כורש — דערוואַך!

צווישן עולם ווערט אַ געטומל, עס הייבן זיך הענט צום שלאָגן, מען פירט אַוועק אַ פּאָר יונגע לייט. מרדכי נעמט אַרויס אַ שופר פון בוזים, הייבט אָן צו בלאָזן.

**מרדכי:**

— ישראל הער,
פאַסטן און בעטן!

פון עולם הערט זיך אַ צווייטער, פאַרבאָרגענער שופר

**פאַרבאָרגענע שטימע:**

שארפט אַן געווער!
צום זעלבסטשוץ זיך גרייטן!

**שטימען:**

ישראל הער! שארפט אַן געווער! שארפט אַן געווער!

ווען דער פאָרהאַנג פאַלט, הערן זיך כסדר די עכאָס פון די לעצטע ווערטער:

— שארפט אַן געווער, געווער, ווער, ווער, ער, ער, ר...

## בילד זעכצן

אַ פאַרזאַמלונג פון „אונטערגרונט"

אַ וועלדל — אַ פאַרלענגער פון גאָרטן פון אסתר'ס פּאַלאַץ. יינגע זעלנער רוען נאָך די איבונגען, אויפן גראָז. פון דערוויטנס זעען זיך צוואָרפענע לייוענטענע געצעלטן. עס זעען זיך אויך דאָ און דאָרט מיידלעך פון כאָר, וואָס פלירטעווען מיט זעלנער.

**ערשטער זעלנער:**

איך קום פון דער וועל פון צעשמייכלטן פרת,
די זאַמדיקע ברעגן גן־עדן געווען.
און היינט איזא מדבר... דער חורבן — פאַרוואָס?

**אַן אַנדערער:**

די אומה פון רוצחים מוז אונטערגיין:
זיי האָבן די פרוכטבאַרסטע לענדער פאַרוויסט,
דער אָפּפאַל פון אשתרות־זנות'ן, דאָס מיסט...

**איין מיידל:**

אין הייליקן לאַנד געווען?

**ערשטער זעלנער:**

פאַרוואָר, צופיל חורבן געזען.

**צווייטער זעלנער:**

איך קום פון חדקל — די גרוי־וועל צעפּאַליעטע;
די שטיין־פעלדער שוואַרצע, האַמסיניק־צעסמאַליעטע;
די ווינטן, די היציקע אָטעמען חורבן.

**דריטער זעלנער:**

אויף אייביק איז אשור, אויף אייביק געשטאָרבן!...

**ערשטער זעלנער:**

און זייערע געטער באַצאָלט האָבן טייער —
מזבח פון בעל — פאַרלאָשן דאָס פייער...

די אשתרות־זונה שטרעקט הפקר דעם אָרעם:
נבוכדנאצר, בלשאצר... איין קבר פון פגרים.

**פערטער זעלנער:**

דאָס העלדישע חייל פחדניש אַנטלאָפן.

**פינפטער זעלנער:**

אל צבאות קען שטראָפן... איי, איי — קען ער שטראָפן...

**אַ צווייט מיידל:**

און איר פערזענלעך?

**פינפטער זעלנער:**

אַ זעלנער מוז זיין מענלעך.

עס דערנענטערט זיך אַ פרוי אין שוואַרצע, אַלטע אָפגעריבענע, פער־סישע קליידער. דאָס פנים אַריבערגעדעקט, לויטן פערסישן מנהג, מיט אַ דיקן, שוואַרצן שלייער. קלייבט שוואָמען און זינגט.

**די פרוי:**

שוועמעלעך, שוועמעלעך,
שטילע, ווי די לעמעלעך,
מיט די בלאָנדע קעפּעלעך,
קומט אין גאָלדענע טעפּעלעך,
גוטע קעניגין צו נערן —
אַזוי באַפעלט אייער שטערן.

לאה זיצט ביי־זייט, אונטער אַ בוים, אין שאָטן און שמועסט מיט אַן עלטערן אָפיציר, וואָס זיצט דערנעבן.

**אָפיציר:**

געקומען פון וואַנען?

**לאה:**

כ׳וואָלט נישט וועלן זיך דערמאָנען
די חורבות... דאָס ביטערניש פון אַליין־זיין
אויפן ברעג פון ים כנרת.

**אָפּיציר:**

פאַרשטאַנען:

ס'ווילט זיך ליבער צווישן גדולים קליין זיין
און אַרבעטן און קעמפן און ברענגען פּירות.
און ווי לעבט זיך דאָרט יידן?

**לאה:**

א פּאָר פישער. עם־הארצים. צופרידן...

**אָפּיציר:**

וואָס הייסט עם־הארצים?

**לאה:**

ליידער:

די יינגלעך אַן א חדר,
די מיידלעך — ביים האָרץ געריסן:
אַן שום יידישן וויסן,
קיין יידיש וואָרט —
מיט די כשדים עקלדיק געפּאָרט.

**אָפּיציר:**

וואָס? חתונות געמישטע?

**לאה:**

הם... וויים איך, פון טייוול געקישטע!
געוועזן אַהין פּאָר א לערערין געשיקט,
זיי יידישקייט לערנען געזאָלט,
האָבן זיי נישט געוואָלט.

**אָפּיציר:**

האָט אייך, הייסט עס, נישט געגליקט?

**לאה:**

די איינזאַמקייט האָט געשטיקט.
פלעג איך זיצן ביים ברעג
אָן שום צוועק,

זיך צוקוקן צום געדרענג פון די פאַליעס,
וואָס יאָגן זיך צו זאַמדן, איין גאָט ווייסט,
נאָך וועלכע גליקן... מיך שרעקן צעבראָכענע שפיגלען
פון שוימיקע וואַסערן, מיילעכלעך מיט גרויסע געשרייען,
זייער קלינגענדיקע יללה צו די הימלען ארויף, צופוסנס
פון מאָכיקע, אייביק-שטומע פעלדזן...
עס דערמאָנט מיר דעם קלינגענדיקן הילך
פון צעבראָכענע שויבן

דעם יאָמערדיקן וואָלקנקנויל פון ברענענדיקע הייזער,
אַרומגערינגלט פון שונאים... אָ, אָרעמע פאַליעס!
זיי שרייען אין פאַרנאַכטן און רופן פאַרשוואונדענעם,
אוראַלטן רוח אלוהים, וואָס האָט זיך אָפגעטאָן
פון די וואַסערן אין ערשטן טאָג פון דער יצירה —
און אויף הפקר זיי געלאָזן פאַר די שטורעמס.

**אָפיציר:**

דאָס האָבן אייך צעבראָכענע פאַליעס געלערנט
אַזוי שיין רעדן אויפן ראַנד פון מלכה׳ס גאָרטן,
ברענגען צו שאָטנס פון באַגילדעטע פאַלמען
דאָס טרויעריקע בענקען פון פאַרנאַכטיקע וואַסערן?

**לאח:**

פיל מער פון באַזוניקטן צושטראָם און אָפשטראָם
פון האוונדיקע וועלן אויף די ברעגן,
האָב איך ליב איינצוזאַפּן אין זיך דאָס מיסטעריעזע
מינען זיך פון גייסטיקן לעבן אין מענטשן —
— דעם שטראָם פון פרייד און שטראָם פון טרויער —
געבענקט צו אָט די בליקן פון אַ שוועסטער,
אַ ברודער, וואָס זאָל זוכן אין מיינע אויגן
דאָס גאָלדן-מענטשעלע פון זייער אָפבילד

און די סיבה פון אַ סיבה׳לאָזן שמייכל
אויף צעפּלאַצטע אומשולד־ליפּן... און אויב
באַשערט איז אומקומען אין שטורעם,
זאָל זיין דער שטורעם נישט פון פּוסטע, בלייזלדיקע שוימען.

**אַפּיציר:**

דערציילט אַזוי שיין אייערע טרוימען...
זעט די פרוי דאָרט מיטן קוישל, אַ פּויערטע,
וואָס זוכט אין די הויכע גראָזן שוועמעלעך — און אפשר,
די היינטיקע פּויערטעס — ווער ווייסט זיי?

**לאַח:**

צו דעם געווען מיין באַגער, צו דער רואיקייט —
אַ לאַנד־פרוי, וואָס זינגט אַ ליד פון גאָלדענע שוועמעלעך.

**אַפּיציר:**

נישט צו די זעלנערשע קאַמפן, נישט צום פּאַלאַץ
פון דער מלכה אסתר, נאָר צו אַ פרוי מיט שוועמעלעך?
און אויב נישט קיין פרוי, און נישט קיין שוועמעלעך —
וואָלט איר אונז, חברה, פאַרלאָזן?

**לאַח:**

זעט, זעט... פון וויטן שפּרינגען האָזן...

**אַפּיציר:**

צו אונדז דערנענטערט זיך אַ לייב, אַ מעכטיקער...

**לאַח:**

גאָט גערעכטיקער!...
איך זע קיין לייב נישט.

**אַפּיציר:**

אָט זע — און גלויב נישט...

די פרוי דערנענטערט זיך מיט גיכע טריט צו די זעלנער. די זעלנער האַלטן אײַן דעם אָטעם. אײנער פון זײ גיט אַ צײכן, אַלע הײבן אָן זינגען, שװעמעלעך, שװעמעלעך א. אַ. װ. די פרוי גלײכט זיך אויס. קומט צו גאַנץ נאָנט צו די זעלנער. אַלע שטײען אויף. עס הערט זיך אַ באַפעל. מען אָרדנט זיך אין רײען. די פרוי הײבט אויף דעם זוים פון שלײער: אַ לענגליך, מענער־ריש פּנים אין ראַם פון אַ גוט צעקעמטער, שװאַרצער, פײַן געלאַקטער באָרד. לאָזט װידער אַראָפּ דעם שלײער.

**אײן עלטסטער:**

**אַרוים מיטן פלאַג!...**

**די פרוי:**

**חזק!**

**די זעלנער:**

**זאָל לעבן דער קאָמענדאַנט!**

**די פרוי:**

**אל-צבאות — דײַן האַנט!**

אַלע הײבן די רעכטע האַנט, װי צום שװערן און לאָזן זי צוריק ריטמיש אַראָפּ.

**אין שאָטן פון פּאַלאַץ, װאָס װערט געהײליקט מיטן אָטעם**
**פון אונדזער בעסטער...**

**אַלע:**

**זאָל לעבן די קעניגין אסתר!**

**די פרוי:**

**זאָל לעבן!**

פויזע

**ברענג איך אײַך, זעלנער, די גרוסן פון העכסטן שטאַב**
**פון ישראל׳ס חיל:**
**שאַרפט אָן די שװערדן, שפּיצט אָן די לאַנצן,**
**שפּאַנט אָן די פײַל...**

אַלע באַװעגן מיט די דערמאָנטע כלי־זין

**די פרוי:**

זעלנער,
מיר האָבן געשטורעמט בלשאצר׳ס בבל אונטער כורשן.

**אַלע:**

כורש — דערוואַך!

**די פרוי:**

מיר האָבן באַוויזן
פון טראָן צו פאַרטרייבן פאַררעטער קאַמביזן,
האָט מיסגעברויכט אונדזער פאַרטרויען,
פאַרבאָטן דאָס הייליקע לאַנד צו בויען.

**אַלע:**

זאָל לעבן דער קאָמענדאַנט!

**די פרוי:**

אל-צבאות — דיין האַנט!
ס׳פאַרפליכטן אונדז נישט די רציחה-געבאָטן
אַ פאָלק אויסצוראָטן
אָן רחמנות אויף זקן, קינד און פרוי...

**אַלע:**

פוי, פוי, פוי...

**די פרוי:**

זעלנער,
דער אייגנגנוצלער, דער „אני ואפסי עוד" —
ער איז אַ מין בית-עולם-פּלויט,
ער היט די גרענעצען פון טויט
מיט אָפּגעציטערטער הויט...

ער איז אויך צו אַ מצבה געגליכן —
אויף אַ בערגל בר-מנן-איכן.

דער, וואָס שטעלט איין פאַר אַנדערע דאָס לעבן —
געגליכן צו דער פרילינג-זון, וואָס טיילט איר שיין
צום שנייאיקן פעלדז, צעשטראָמטן ים, צעגרינטן טאָל,
און פלייצט מיט ליכט פון עבר דורך דעם הווה
צום קומענדיקן אַמאָל...

שטעלט אוים אַ לאַנץ אַנטקעגן די פיינטלעכע לאַנצן,
שטרעקט אוים אַ שווערד אַנטקעגן דער פיינטלעכער שווערד.
זיין פאָלק זאָל אייביק אונטער די הימלען גלאַנצן,
איז ער מיט ווארעם בלוט מקדש — גאָטס ערד...

דער מאַרך אויסגעטונקען אין הימלישן בלויען —
נישט עפּר-ואפר — נאָר זון;
דאָס האַרץ איינגעוועבט אין די ראָזלעכסטע מאָרגנס —
צי קען אים דער טויט עפּעס טון?

מיר שפּילן אויף דער וועלט אין טויט און אין לעבן —
אויף אונדז האָט קיין שליטה נישט שרעק —
פאַראייביקט די רייען, איר, אייביקייטס-זעלנער,
באַהימלט דעם ערדישן וועג!

הפסקה

„אַ סך פון די, וואָס שלאָפן אין ערדישן-שטויב,
זיי וועלן צום לעבן דערוואַכן:
די בראַווע — צום אייביקן רום און גלאַנץ און לויב,
פחדנים — מען זאָל אייביק פון זיי לאַכן”...

הפסקה

זעלנער!
איר זענט דער שוץ פאַר אונדזערע יינגע קינדער,
פאַר אונדזערע יינגע מיידלעך — דער אומשולד-טרוים.
פאַר אונדזערע פרויען און זקנים — גאָטס וואך;
איר זייט גאָטס פליגל איבער אונדזער הייליקן דאַך
און פאַר יעדער בלינדער שנאה —
אַ תהום.

און קעגן אַ מלך־רוצח —

**אַלע:**

כוח! כוח! כוח!

**די פרוי:**

זעלנער, אונטערן שוץ פון ישראלס אַרמיי
גייט מאָרגן, אומגערופן, די קעניגין צום מלך'ס פּאַליי,
איר וועט אירע טריט פון ווייטן באַלייטן,
און פאַרזיכטיק, גאָט זיך גרייטן:
פון שעדלעכע אויגן פאַרהיילן —
וואַרטן באַפעלן:
אין פאַל פון אַ נויט
אויף לעבן און טויט
אין נאָמען פון גאָט און פאָלק, דעם אָרעמען —
דעם פּאַלאַץ שטאָרעמען!

**אַלע:**

המנס מפלה...

**די פרוי:**

די נייעסטע פּאַראָלע
אינטים?

**אַלע:**

ה' הוא אלוהים...

די פרוי טוט אַ מאַך מיט דער האַנט אַרום דעם האָריזאָנט, צום מזרח. די זעלנער צעלייגען זיך ווידער אויף דער ערד. די פרוי גייט פּאַמעלעך מיטן קוישל אין האַנט, זייטוועגס. פאָרהאַנג לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ. מען הערט פון אונטערן פאָרהאַנג די פרוי זינגען:

שוועמעלעך, שוועמעלעך,
ווי די שטילע לעמעלעך...

## בילד זיבצן

פאַרן אַריינגאַנג אין אסתר׳ס פּאַלאַץ. אויף יעדע פּאָר טריט גייט אַ זעלנער מיט אַ לאַנץ און פּיילנבויגן. ביים טיר שטייען צוויי וואַכן. עס דערנענטערט זיך אַ פרוי אין שוואַרצע, לאַנגע אָפּגעטראָגענע קליידער, אַ שלייער איבערן פּנים. ס׳קומען אַרויס לאה און תמר. פּירן די פרוי אַריין. זיי דערווייטערן זיך טיף אין זאַל און קוקן אין דרויסן דורך אַ פענצטער.

**תמר:**

**דיזעלבע, איך שווער.**

**לאה:**

**אוודאי — ער...**

**די פרוי:**

פאַרנייגט זיך טיף פאַר דער קעניגין

**דערלויבט גנעדיקע,**

**צו ריידן מיצריש אַ מיצרישער וואַרזאָגערין.**

**אסתר:**

אָנגעטאָן אין שוואַרצן

**איך בין היינט אַן אָבל׳טע... איך דאַרף אַ יידישע פּאַרקלאָגערין...**

לאה, תמר אָפּ

**די פרוי:**

פאַרנייגט זיך פאַר דער קעניגין. קוקט זיך אַרום. טוט אַ הייב אויף דעם שלייער. מען זעט אַן אײדל פּנים פון אַ מאַן, שוואַרצע אויגן, דיקע שוואַרצע ברעמען. אַ שוואַרצע באָרד, גלאַנצנדיק־געפאַרבט, געקרייזלט אין לאַקן. לאָזט צוריק אַראָפּ דעם שלייער.

**אסתר:**

**ממוכן?**

**די פרוי:**

לייגט אַ פינגער אויפן מויל

**וואו זיינען די יעוונוכן?**

**אסתר:**

ציילט די ווערטער

גענאַנגען צו לוויה.

די פאַבריקע נאַכט —

אומגעבראַכט

אונטער דער וואַנט

געהיימע האַנט

געטרייען הסך'ן...

**די פרוי:**

קאָנטאַקטן אָפּגעבראָכן —

האָט איר, ליכטיקע, אַ פּאָר מינוטן פרייע?

נאָך אַ קורצער הפסקה

אַ ווייטער שטערן האָט מיך געפירט צו אייער פּאַליי.

אין דרויסן אַ ווינט, אַ זאַמדיקער זאַוויי.

געהאַט האָב איך אַ געפיל,

אַז ביי דער מלכה איז שטיל... שטיל...

**אסתר:**

אַזוי סובטיל.

**די פרוי:**

אַ רינג אין אַ רינג — נאַטור אין נאַטור —

פאַרחתמעט זיין גרויסן סוד —

אַ גאָלדענער טריט אויף געפּערלטן שנור

געפירט פונם שטערן — גענאָד...

און איינעם געלינגט עס, אַ צווייטן נישט,

אין קדושה צו האַלטן לבוש.

מען ווערט אין גערויש פון גלגלים צעמישט,

מבולבל — אין זעקסטן חוש!

אַרויסגעשטראַלט ליכט פון פאַרבאָרגענער ספער,

עס איילט צו באַשיינען אַ דור;

געבלאָנקעט, געבלאָנדזשעט, פאַרבלאָנדזשעט אַהער,

געטראָפן צום מזל: שור.

**אסתר:**

איך פֿאַרשטיי נישט.

**די פֿרוי:**

אַ, ליכטיקע רגע, פֿאַרגיי נישט —

הפסקה

די חיות הקודש, די אָפּגעטער־אָקסן,
מיט לאַנגע בערד און פֿליגל באַוואָקסן,
גלייכגילטיקע קעפּ, ווי מידע אבלים...
דערלויבן נישט פֿליגל צו הויבן
אין פֿאַרכט פֿון אויסגעוועפּטן גלויבן
פֿאַרדרימלטער כוח —
וואו נעמט מען פֿאַר זיי שכל און מוח —
ארויסצוברענגען זיי פֿון די כלים...

**אסתר:**

איך פֿאַרשטיי נישט.

**די פֿרוי:**

דעם ליכטיקן חלום, פֿאַרזע נישט.

**אסתר:**

געהאַט אַ וואונדערלעכן חלום, חוזה!
איך שרעק זיך אים צו ברענגען פֿאַר די ליפּן,
הגם דריי טעג געלייטערט אין תענית.
איך שרעק זיך אים אין ווערטער אָנצוקליידן,
נישט אַרויפֿצוצווינגען אויף אַ גאָט־מחשבה
אַ ווייבערשע, נישט־פֿאָלקאָמע כוונה...

**די פֿרוי:**

דעם שענסטן חלום חלומט די קעניגין —
און וועמענס הארץ וועט זי נישט אונטערטעניקן?

**אסתר:**

אויף שלמהס טראָן האָט דער אָדלער מיר דערלאַנגט
די קרוין פאַרקערט. אין איר איז געלעגן, געהילט
אין פורפור קישעלע — אַ ליכטיק ייִנגעלע — אַ משהלע.
און פון אַ כישוף־שפּיגל האָבן דימענטן און בריליאַנטן,
ווי ווייטע שטערנדלעך ארויסגעצאַפּלט;
און ס'ייִנגעלע האָט געעפנט די אויגעלעך,
די הענטעלעך האָבן זיך צו מיר אַ ציי געגעבן,
דאָס זיסע מײַלכל האָט אַרויסגעמורמלט: — מאַ,
איך האָב דערוואַכט:
אין פענצטער אַ שטערנדל לאַכט.

**די פרוי:**

דערצייל נישט, דערצייל נישט,
די רגע פון חלום צעטייל נישט,
איך וועל דער קעניגין פותר חלום זיין
ביי אַן אַנדער שיין.

קוקט זיך אַרום

היינט ברענג איך דעם גרוס פון העכסטן ראָט,
באַלויכטענע קעפּ פון חכמים ועד,
זיי זיינען, קעניגין, אויף אונדזער צד.

**אסתר:**

אַ שטערן־זעער און אַ דיפּלאָמאַט.

**די פרוי:**

מען וויל נישט, אַז איך זאָל ביוזיין די בראַך,
וואָס המן גרייט צו צום דרייצנטן טאָג פון חודש אָדר,
מען שיקט מיך אַוועק די קומענדיקע וואָך,
דאָס איז המנס חלום... אַנדערש די וואָר...
זיין שטערן זאָגט עדות פאַר אים גאַנץ שלעכט.
אַ תליה איז גרייט פאַרן קאָפּ פון דעם קנעכט!

**אסתר:**

אויף וועלכן סמך?

**די פרוי:**

דאָס זיננען די פויגל איבער זיין דאַך.

אַ ווינט באַוועגט דעם צודעק איבערן לינקן ספינקס. מען הערט אַ גערויש. דער ספינקס האָט אַ ציטער געטאָן. עס רייסט זיך אָפּ אַ שאָטן און קומט נענטער צו ממוכנען.

**דער שאָטן:**

דערקענסט נישט, ממוכן? איך בין די געקעפּטע,
אין ספינקס פון שטיין אַריינגעוועבטע
נשמה... געפּאַקט דיך. דיין פאַלשקייט אַנטדעקט.
דו האָסט זיך, מיין חכם, פאַר פרוי פאַרשטעלט.
איך האָב דיך דערקענט. דיין טראָט דערשמעקט.
נישקשה, מען נאַרט נישט אייביק אַ וועלט!
איך האָב דיך געליבט. איך האָב דיך געשעצט.
געדאַנקט, ווייל דו האָסט מיך צום מלך געבראַכט;
און אפשר האָסטו מיך פאַר אַ מלכה געמאַכט —
פאַרוואָס האָסטו, פאַלשער, די פריינטשאַפט פאַרלעצט?
דיין צונג האָט דעם מלך אויף ושתי׳ן געהעצט,
מיין צניעות באַליידיקט, מיין אומשולד באַרעדט,
פאַר שרים פונאַנדערגעבלאָזן מיין חטא
און איר, דיין געליבטער, אויף מיין אָרט באַזעצט.

**ממוכן:**

נשמה פאַרוואָגלטע, דו גיי אין דיין רו.

**דער שאָטן:**

ניין, ניין, דו פאַלשער, קום־מיט מיט מיר, דו.
כ׳באַוואונדער ווי דו ביסט ניצל געוואָרן
און אויסגעמיטן זיין גרויזאַמען צאָרן,
מסתמא, געהיימע האָנט דערין;
דיך וואַרט נאָך אין הימל אַ יום־הדין!

**ממוכן:**

פאַרשאָלטענער גייסט, געַנוג דיר צו פּלוידערן!
גענוג זיך מיט אומשולד פּאַר שדים צו גוידערן,
פאַרלאָז די מקומות — און גיי זוך אַ רו.

**דער שאָטן:**

ניין, ניין, דו פאַלשער, קום-מיט מיט מיר, דו!

**ממוכן:**

אויפהויבנדיק די הענט

אַריבער דעם זינד-קרייז פון אדם-הראשון,
באַוויליקט צו העלפן מיר, עירין-קדישין:
אין נאָמען פון ממונה איבער דער חכמה פון שטערן-זעער:
ברקיאל;
אין נאָמען פון ממונה איבער די שטערן-קאָנסטעלאַציעס:
כוכביאל;
אין נאָמען פון ממונה איבער וואָלקן און כמאַרעס:
אביאל;
אין נאָמען פון ממונה איבער דער ערדס קאָנטינענטן:
ארציאל;
אין נאָמען פון ממונה איבער וואַסערן און ימים:
מימיאל;
אין נאָמען פון ממונה איבערן גלגל פון שיינענדיקער זון:
שמשיאל;
אין נאָמען פון ממונה איבערן ליכט-חודש פון דער געבענטשטער לבנה:
ירחיאל.
איך גורט אָן מיין כוח, איך בין אויף דיר גוזר:
גיי, וואָגלען אין מדבר — ביז טאָג פון דערלייזער...

טוט אַ הייב דעם שלייער. אין זאַל טוט אַ שיין. אַ ווינטל וואַקלט דעם שאָטן, ער ווערט נעלם. אסתר, וואָס זעט אויס צו זיין פאַרחלשט, קומט צו זיך.

**אסתר:**

שמע ישראל ה׳ אלוהינו, ה׳ אחד...

**ממוכן:**

ווער ווייסט, צי מען מעג דאָ דערמאָנען דעם נאָמען פון גאָט?

ווייזט אָן אויף די ספינקסן

עס לעבט נאָך איר בייזער אָטעם אין זיי...

**אסתר:**

וואָס טאָן?

**ממוכן:**

אָוועקשיקן תיכף אין מוזיי.

הפסקה. קוקט זיך אַרום

ציט אַרויס פון בוזים-טאָש אַ גרויסע זילבערנע שייד, דערלאַנגט עס אסתרן און נאָכדעם נעמט ער אַרויס פון קעשענע אַ קליין מזוזה׳לע.

איך האָב צו אייער כבוד געבראַכט פּאַרפאַקט

אין דער זילבערנער שייד: המן׳ס באַשולדיגונגס-אַקט...

הפסקה

קעגן שדים אַ סגולה.

מיין אַמאָליקע תפילה.

פאָרהאַנג





גראַווירט אין גאָלד: שדים-פיגורן. (בריטיש מוזעאום)
אַשעמענידן דינאַסטיע

## בילד אַכצן

לאה, תמר, אסתר, די אמהות: שרה, רבקה רחל.

אַ דינסט־מיידל פירט אַריין לאה׳ן אין אַ פּאַרלאָזטן זאַל, ווייזט איר אָן דאָס געלעגער. לאה קוקט זיך אַרום אומצופרידן

**לאה:**

אזעלכע קאַלטע שפּיגלען — זיך קוים אין זיי דערקענט —
פּאַרווירן דאָס אויג מיט שטאָלענעם גלאַנץ.
פּאַרחלשט די שקיעות־ראָזע, דאָס באַגינענדיקע
אין די מאַרמאָר־ווענט,
די ווינקלען פול מיט בין־השמשות, מיט שאָטנדיקן טאַנץ.
לבנה׳דיקע איינזאַמקייט שפּאַצירט אַרום דעם בעט.
די צייכנס פון פּאַרלאָזנקייט אין לייכטן נעץ
פון זילבער־שטויב.

אַ לעצטן שמייכל־חלום, אין טיפן הינערפלעט,
פּאַרווישן גרויע פינגער פון דער בלויער שויב...

די בייזקייט און דאָס רשעות אין עכאָ אַריינגעוועבט.
אַ שפּור פון טוכלען אָטעם פון דער, וואָס איז געקעפּט.
אַ וואָזע קברים־בלומען! די פּאַלמען־לילובן טויט!

ס׳קומט אַריין תמר מיט אַ סוויטע דינסטן, וואָס האַלטן באַרשטן, בעזימער און פּאַרשידענע אַנדערע מכשירים צום רייניקן. אַ באַדינערין טראָגט אַ ווייַרויך־קענדל. מען צעעפנט שנעל די פענצטער. מען נעמט וואַשן און רייבן.

**תמר:**

קיין שטויבעלע לאָזט נישט, קיין שפּור;
פון בעסטיע, דער בלאָנדער, קיין זכר.
די אָטעמס פון בייזער נאַטור
מיט בשמים אין ווייַרויך צערייכער.

און וואו איר דערקענט נאָר אַ טריט,
אַ גאָלדענעם שטויב פון פּאַנטאָפל,
און וואו איר האָט, שוועסטער, געקניט,
באַשפּיגן, געשלאָגן און שפּל.

און וואו אייך פלעגט שטיקן אַ טרער,
אַ זיפֿץ, אַ פֿאַרשטומטער, אייך וואַרגן;
מיט באַרשט און מיט בעזים אַהער!
קיין ווינטל אין טעפּיך נישט קאַרגן.

און וואַשן און טובלען די ווענט,
פֿון שפּיגל איר אָפּבילד פֿאַרטרייבן.
און וואו נאָר איר בליק האָט געברענט,
קיין פֿינקל, קיין גלאַנץ זאָל נישט בלייבן!

**אַלע:**

און וואו נאָר איר בליק האָט געברענט,
קיין פֿינקל, קיין גלאַנץ זאָל נישט בלייבן.

**אסתּר:**

אויפֿן שוועל באַווייזט זיך אסתּר, אַ בלייכע פֿון תּענית, אַ העלפֿט פֿון די לאַנגע, צעלאָזטע, שוואַרצע האָר אַריבער די ברוסטן צעשטראָמט, די אַנדערע העלפֿט — אַריבער די אַקסלען ביז די לענדן. גייט אַריין, זעצט זיך, קוקט זיך אַרום און זאָגט, שמייכלענדיק.

אַ בין־השמשות אָטעמט מיט דופֿטיקן באַגינען.
די מירמלווענט אין ראָזן, די פֿאַלמען גאָלדן, גרינען.
געשליפֿן־שפּילעווודיק, צע'חנדלט זיך דער שפּיגל.
דער מלכּה'ס מידע טריט באַקומען פֿליגל.

כ'וואָלט אין אַן אַנדער וועלט אַוועקגעטאַנצט, פֿאַרפֿלויגן,
און העכער פֿון די וואָלקן, אַריבער רעגנבויגן.

פֿאַרטראַכט זיך

צי גלויבסטו אין אַ יענע וועלט, לאה, ליבע שוועסטער?

**לאה:**

וואָס איך זאָל נישט זאָגן, ווייס איך, אַז איך לעסטער.

**תּמר:**

מען איז אַזוי פֿאַרנומען. נישטאָ קיין צייט צו קלערן.
צופֿרידן פֿון אייך, קעניגין, וועגען דעם צו הערן.

**אסתר:**

פאַר מיר איז יעדע רגע אַ גרויסע וועלט באַזונדער.
און די וועלט אינגאַנצן איין גרויסער, גרויסער וואונדער.
אַ וואונדער איבער וואונדער איז פאַר מיר מיין אָטעם,
און אין מיר דער געדאַנק, וואָס פירט מיט מיר משפטים.

און אָפטמאָל דוכט זיך מיר, עס איז איין גרויסער פּלאַנטער:
באַהאַלטן האָט ער זיך מחוץ פון האָריזאָנט — ער,
און וויל אויף אונדז נישט קוקן און נישט הערן וויל ער —
דו פּלאַנטערסט די געדאַנקען... ער האָט אַן אַנדער ציל, ער...

מיין נאָמען אויף אַלע לעפצן, באַוויליקט פאַר אַ קרבן.
און ווי, ווען איך וואָלט פּלוצלינג, זאָגן מיר, געשטאָרבן?
ווען לעבן וואָלט דאָס יינגל, וואָס פלעגט מיך אַזוי ליבן,
וואָס האָט די האָניק-זיסע בריוועלעך געשריבן?

ווי שווער איז צו דערשטיקן אין האַרצן די געפילן,
צי מעג איך אין מיין חלום מיט אים אַ ליבע שפּילן?
אין שלאָף די האַנט אים גלעטן, אין חלום צו אים גלוסטן?
און אָפּט אים צוטוליען אָט דאָ... צו מיינע ברוסטן...

און ווי, ווען אחשורוש וואָלט פּלוצלונג מיר באַפוילן
איך זאָל די מיידל-סודות פון מלך נישט פאַרהוילן?
צי בין איך אין געדאַנקען, אין האַרצן נאָך אַ בתולה?
און וואָס וואָלט דעמאָלט ווערן פון מיר און מיין „גאולה"?

ביינאַכט אויף זיין געלעגער, אין מיטן פון זיין שנאָרכן,
ער רופט מיך: — ושתי, ושתי... איך מוז גלייכגילטיק האָרכן.
ווען אַלע לעפצן רופן: — מלכה, אסתר, אסתר!
איך רוף דעם יינגלס נאָמען. צי מעג איך, מיינע שוועסטער?

געווען אַ וואוילער יינגל. ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן.
געגאַנגען מיט די „עולים". אין הייליק לאַנד — אַ קרבן!
מיר האָבן זיך געזעגנט און תנאים אָפּגעשלאָסן;
אַז איך זאָל זיין זיין כלה און ער זאָל זיין מיין חתן.
צי גלויבט איר אין תחית-המתים? מיר וועלן זיך געפינען?



אסתר אין געראַנגל...

י. טאָפּעל

פון אָרעמס פון בעל־גוף — אַהין, צו אים אַנטרינען!
עס וועט דאָס העכסטע בית־דין פון דעם קאָשמאַר באַפרייען,
אַז נישט... אַז נישט... אַז נישט... איז דאָך: געוואַלט! צו שרייען.
שטעקט אַרייןביידע הענט אין דעם וואַלד שוואַרצע האָר, שרייט, רייסנדיק זיי.
פאַר וועמען אַט דער אוצר? פאַר וועמען אַט דאָס זיידן?
אַז נישט קיין תחית־המתים, צו וואָס זשע טויג דאָס ליידן?
אַט זעט — איך בין אַ גרינע, געשפּרענקלט מיט טורקיזן,
ווען עמיץ וואָלט די גרינקייט אחשורושן באַוויזן...
לאה און תמר נעמען איר פאַר די הענט, קושן זי, פאַרגלעטן איר די האָר, זעצן זיך נעבן איר, באַרואיקן זי

**לאה:**

אין אַט די גרינע שפּרענקלען צינדט שכינה אירע חנ'ען,
און וואונדערלעכע פאַרבן צינדן די געדאַנקען.
צי מיר באַגרייפן יאָ, צי נישט —דעם בורא'ס מיינען,
פאַר דעם נישט־וויסן, מלכה, קומט אים אויך צו דאַנקען!

**תמר:**

מען איז אַזוי פאַרנומען, נישטאָ קיין צייט צו קלערן.
באַווייזט אויף דער ברוסט
און דאָ איז אַזוי באַנג — דער קעניגין צו הערן.
וואָס טויג דערמאָנען יוגנט, די אַלטע ליבעס וועקן,
מיט אייגענע געדאַנקען זיך אַליין צו שרעקן?
אַט פרעגט דעם אָנקל מרדכי, צי דעם חכם ממוכן;
זיי האָבן זיכער, מלכה, פאַר אַלעם הייליקע שפּרוכן.
זיי וועלן אייך באַפרייען פון צו לאַנגן פאַסטן,
איר זענט צו איידל, האַרין, צו טראָגן אַט די לאַסטן!
תמר און לאה טוען שנעל אויס אסתרן, לייגן זי אין בעט. זעצן זיך אין ביידע זייטן נעבן איר און וויגן זי איין.

**תמר:**

שלאָף איין, שלאָף איין, מיין מלכה,
אין ווייכן, ווייסן בעט.

**לאה:**

צו קושן אין גאָלדענעם חלום
מלאכים — איז נישט קיין חטא.

**תמר:**

דאָס ייִנגל, מיט גאָלדענע פליגל,
ער פלאַטערט פון טיפן אַהער.

**לאה:**

דער מלאך, מיט גאָלדענע לאָקן,
אַראָפּקושן וועט ער דיין טרער.

**תמר:**

שלאָף איין, שלאָף איין, מיין מלכה,
אין ווייכן, ווייסן בעט.

**לאה:**

און טוליען צום גאָלדענעם האַרצן
מלאכים — איז נישט קיין חטא.

תמר און לאה שלאָפן איין. אסתר ליגט מיט גרויסע, צעעפנטע אויגן. עס לאָזט זיך אַראָפּ איבער איר בעט אַ בלויער פאָרהאַנג, וואָס שטעלט פאָר אַ טיפן, בלויען הימל, זילבער־וואָלקנדלעך, פון צווישן וועלכע ס׳שווימט אַרויס ממוכן באַפליגלט. אונטער איין פליגל טראָגט ער דאָס ייִנגל, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּבילד פון אים ייִנגלווייז. מיטן צווייטן פליגל דעקט ער אי־בער אסתרן. ווערט נעלם.

## בילד אַכצן־ב.

אסתר שלאָפט איין.

דריי פרויען קומען אַריין אומגעמאָלדן, אָנגעטאָן אין שוואַרצן. דעקן אָפּ די שלייערן. ליכטיקע מאָרגן־פּנימער.

**אסתר:**

אַ סקאַציל קומט, גבאי׳טעס, שוין לאַנג נישט געזען.
דאָך געקומען אין אַ עת־צרה!

**די עלטסטע:**

אַזעלכע שווערע צייטן. פאַרנומען געווען.
ווער קען, טייערע, פאַרטראָגן דאָס ביטער געשריי,
דעם האַרצרייסנדיקן געיאָמער
פון דעם, וואָס נישטאָ מער...
די יללות פון די רשעים טאָג און נאַכט,

אז די קעסלען זידן, דוכט זיך: דאָס גהינום קראַכט.
און חוץ־מזה: ישראל׳ס אייביקער וויי,
ישמעאל׳ס נויטן און, אפילו עשו׳ס קייטן!
דו האָסט אין אונדזער זכות געבעטן:
איך בין שרה!

**אסתר:**

אברהם אָבינו׳ס פרוי?

**שרה:**

אזוי, אזוי!
און דאָס איז רבקה — מיין שנור!

רבקה פאַרנייגט זיך

**אסתר:**

אזא ליכטיק פּנים. אזא פיינע פיגור!

**רבקה:**

אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט —
שוין לאַנג אַזעלכעס נישט געהערט:
מען חנפה׳ט זיך נאָר אויף אייער ערד!
ביי אונדז אין הימל — דער רשע ברענט,
און דער צדיק — קען נישט אָפּשאַצן די ווערט
פון ווייבערשער שיינקייט. און וואָס הייסט שיין?
אָט זעסטו? מיין רחל׳ע, דאָס האָט חן!

די יינגסטע פאַרנייגט זיך

**אסתר:**

רחל? יעקב׳ס געליבטע... אזא קליינע?
איי, איי, איי... סאַרא שיינע!
פאַרכאַפּט דעם בליק.

**רבקה:**

נו, מילא נישט אזוי שלאַנק,
אַ גאָלדן האַרץ — און איר געזאַנג...

**אסתר:**

די גאַנצע פאַמיליע — גאָט צו דאַנק —
ניצל געוואָרן פון גהינום...

**רבקה:**

מעןליידט נישט פאַר זיך, מען ווייטיקט פאַר יענעם.

**רחל:**

ליידער, נישט געהאַט אין לעבן קיין גליק!

**אסתר:**

גליק קומט און פאַרפליט, ווי אַ גאָלדענע פליג.
אַזאַ זיידן פּנים. אַזעלכע סאַמעט-אויגן —
און דאָך דעם גורל צו די טריט נישט געבויגן.

**שרה:**

דו האָסט, קעניגין, אין אונדזער זכות געבעטן,
האָבן מיר דיר געבראַכט די וואָלענע קנייטן:
מיר האָבן פאַר דיר אויסגעמאָסטן דאָס גאַנצענע פעלד,
די מערת המכפלה... און יעדנס געצעלט...
די קנייטן — לאָז פלעמלען אין וואַקסענע ליכט,
וועט שיינען דיין מזל און לייכטן דיין געזיכט,
וועט, אם ירצה ה׳, בטל ווערן דער שרעקלעכער גזר —
און לאָז זיך נישט מטמא זיין פון פרעמדן האָר!
איך האָב אויך אין מיין יוגנט געהאַט אַזאַ מין ווענטורע
מיטן מצרישן שררה...

**רבקה:**

און איך, אין פלישתים-לאַנד, מיט אבימלך דעם קעניג,
די ערלים איז אַן איינפאַכער שמייכל-פלירט וויניק;
אין אַ נויט שטעלט מען אַ שפחה-כנענית אונטער,
פאַר דער נשמה אַ סך געזונטער!

**רחל:**

מיין טאַטע האָט יעקב׳ן אונטערגעשטעלט מיין עלטערע שוועסטער.

**אַלע דריי:**

מען מוז זיך קענען אויסטויגן, קעניגין אסתר!

**אסתר:**

און וואו זיינען די אָבות?

**אַלע דריי:**

אַזאַ גזר, נישט קיין קאַטאָוועס,

אַ גאַנץ פֿאָלק אָפּגעבן, חלילה, צום מלאך־המות?

**שרה:**

זיי מוזן אין גאַלדענעם שטויב פֿון כסא־הכבוד וואַכן,

ביז מען וועט אין פּמליה־של־מעלה דעם גזר מבטל מאַכן...

**רבקה:**

איך האָב מיין יצחק'ן געלאָזן אַליין. נעבעך, בלינד

פֿון וויינען אויף פֿרעמדע צרות. וויינט ווי אַ קינד!

**רחל:**

און מיינער, יעקב, אַזוי זעלטן אין שטוב:

דאָ מציל זיין פֿון קאַלך־אויוון, דאָרט פֿון אַ לייבן־גרוב...

און דערביי לערנען: אויף דעם אַ זכות, פֿאַר דעם אַ דין,

בפֿרט, די אייביקע מחלוקת'ן צווישן די צוועלף זין...

הייבט אָן כליפּן

**אסתר:**

דאָס ביסטו די מאַמע וויינענדיקע, דו?

אין די שטילסטע נעכט גיסטו די הימלען נישט קיין רו.

פֿון דיינע בכיות ציטערן די שטערן

און ירמיה לאָזט אונדז דיינע „איכה'ס" הערן?

רחל צעיאָמערט זיך

**שרה:**

נו, קעניגין, זאָל דער בורא דורך דיר היילן ישראל'ס וואונד!

**אַלע דריי:**

זיי שליח'טע, אין גליק, געזונט!

אסתר דערוואַכט. קוקט זיך אַרום: ביי איר בעט פֿוןביידע זייטן דרימלען לאה און תמר.

אַ באַגינען שפּראַצט אַריין, דורך די שטאָרן, די ערשטע שטראַלן. .

**אסתר:**

רייבט זיך די אויגן

די אמהות, עליהן־השלום —

אַ חלום, אַ חלום, אַ חלום...

פֿאָרהאַנג

# פערטער טייל



— וואָס שרייט דאָס המן אין התפעלות ?
— דערציילט פאַר שושן מרדכי׳ס מעלות

י. י. טיסאָ

## בילד נײַנצן

המן און הדאשפּה

אַ זײַטיק צימער אין אחשורושעס פּאַלאַץ. די ווענט טונקל־פּאַרשטויבט, געל, שפּינוועבס אין די ווינקלען פון די געוועלבן...

**המן:**

א חוצפּה. דער טאָג ערשט אָנגעהויבן באַגינען,
פאַרפּירט מיך אין דעם שרעקלעכן אָרט, אָן זינען.

**הדאשפּה:**

פאַרבעטן, מײַן האַר, צו מיר אין דער הייל,
די טירן, זיי פּאַלגן בלויז מײַן באַפעל.
און אומעטום קען אַן אומגעוואונשן אויער — שטערן.

**המן:**

אַזעלכענע סודות האָסטו צו לאָזן הערן?

**הדאשפּה:**

פון אײַערע באַקשישן געהאַט נישט ווייניק נוץ,
זײַט זיכער, האַר, איך צאָל פאַר גוטס מיט גוטס.
געשוואָרן אײַך תמיד אויפריכטיק מודיע צו זײַן
פון אַלעם געהיימען, וואָס דאָ גייט אויס און אײַן;
זײַט וויסן, דעם מלך קווילט אַ שטומער צער.
געהאַט די נאַכט אַ שרעקלעכן חלום־קאָשמאַר.
ווען אַלץ איז דאָ געשלאָפן פרידלעך, שטיל,
האָט זײַן קול זיך צעבלאָנדזשעט אין אימה־געשריי.
כ'בין געקומען צו לויפן. אַ מאָדנע געפיל
האָט מיך אַרומגעכאַפּט.
ער רעדט צערודערט — אָך און ווײ...
ער רעדט פון סכנות, וואָס האַלטן אים אין שרעק;
פון עפּעס שונאים... שפּיאָנירן זײַנע טריט.
אפילו אסתרס נאָמען דערמאָנט, רעדנדיק פון וועג...
אַ גאַנצע נאַכט געציטערט, ווי אין היץ געגליט.

פאַרמאַטערט בחנם צו רופן אַנטלויפנדיקן שלאָף,
האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען דעם פנקס, לסוף;
דעם ספר־הימים, וואו געניי זיינען אויפגעקליבן
און מיט געטרייע הענט אַריינגעשריבן
די וויכטיקסטע פּאַסירונגען פון זיינע מלכות־טעג.

פאַרשריבן זענען דאָרט פאַרדינסטן און חטאים,
די מאָנומענטן אייביקע פון ליבע און נקמה.
דאָס האָט באַרואיקט דעם מלך... און פלאַי־פלאַים,
געמורמלט האָט ער, דער מלך: „באַפרידיקט — מסתמא..."
און אויסגעהערט געדולדיק אַלץ וואָס ווערט דערציילט.

המן:
און וועלכע צייטן אין דעם פנקס האָט ער אויסגעוויילט?

הדאשפה:
געהייסן לייענען די צייטן פון נצחון:
פון יענעם טאָג, ווען אויפן טראָן פון כורש,
דאָס מזל האָט אַרויפגעזעצט אים — גליקלעכן אחשורוש.

המן:
דער חלום, הדאשפה, האָט פון זיין דמיון אַרויסגעבראָכן?

הדאשפה:
די געטלעכע חכמים פון כשדי־לאַנד,
וואָס קענען פּותר זיין די טונקעלע חלומות,
האָט אחשורוש באַפוילן צו פאַרזאַמלען.
גערעדט מיט האַלבע ווערטער... אַ מין שטאַמלען —
דעם סצעפּטער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט,
מען זאָל אים אויפדעקן דעם הימלס טונקעלן רצון.

פויזע

וואָס זענט איר, האַר מיינער, פלוצלינג אַזוי צעטראָגן?
צי האָט אייך מיין סיפור אַזוי די רעיונות צעשלאָגן?
צי פילט איר עפּעס אַ סכנה פון דאַנען שפּראָצן?



דעם מלך׳ס שלאָפלאָזע נאַכט אויל־בילד י. י. טיסאָ

**המן :**

אויף דעם הויכן פּאָסטן, וואָס איך פאַרנעם,
די שרעק און קנאה און שנאה מער באַלעסטיקט,
ווי איך — מיינע באַאַמטע אין קלעם.

**הדאשפּה :**

מיין האַר, ווען מען פּאָסטן איז פעסטער באַפעסטיקט ?
דער גאַנצער וועלטאַל פאַלט פאַר אייך כורעים.

**המן :**

דער וועלטאַל ? איין מענטשל, טאָג ביי טאָג... איין שקלאַף

הייבט חוצפהדיק אַנטקעגן מיר דעם שטערן מיט זיין — לאַו!
און אויף אַזאַ אָנשיקעניש נישטאָ קיין דאָקטוירים...

**הדאשפּה:**

וועד איז ער, דער שונא פון מלך און לאַנד?

**המן:**

איז דיר אַזאַ נאָמען — מרדכי — נישט באַקאַנט?

**הדאשפּה:**

דער — אָ — דער ראש פון דער שמוציקער ראַסע?
זיין פּרצוף מאַכט אייער פּנים אַזוי בלאַס... ע?

**המן:**

יאָ, ער בכבודו ובעצמו...

**הדאשפּה:**

ע, מיין האַר, כ'לעבן —
אַזאַ גאָרנישט צעטרעט די רו פון אייער לעבן?

**המן:**

בחנם האָט די גינציקייט צו מיר פון גרעסטן מאָנאַרך
געשטעלט אויף די קני די פּני, דעם בחיר, דעם מאַרך
פון לאַנד, דעם דורכגעדרונגענעם מיט הויכן רעספּעקט,
אַז קיינער צו הייבן דעם שטערן פון דר'ערד נישט דערוועגט, —
און ער בלייבט אַ שטאָלצער זיך זיצן, דעם קאָפּ נישט קיין ריר,
און ווי אויף להכעיס ביים פּאַלאַץ, ביי מלכות-טיר...
ער זיצט משה-גרויס, אומבאַוועגלעך דעם קאָפּ,
באַטראַכט די האָנאָרן פאַר קנעכטישן טראָפּ,
שטעלט אויס קעגן מיר דעם שטערן מיט העזה,
אַז קענסט גאָרנישט זאָגן — האָט ער אַזאַ פּאַזע.
זאָל טאָן כאָטש אַ פּינטל מיט אויג, צי מיט ברעם —
אַזאַ אומפאַרשעמטקייט — איך אַליין זיך פאַרשעם.
באַלאַגערט אָן אויפהער די טיר פון פּאַליי.
אַז ווען זאָלסט נישט קומען, אין וועלכער מין שעה,
זיין עקלדיק פּנים — מור-דרור איז דאָ!
ער מאַכט מיך מבלבל. ביי נאַכט אויך — איך זע...

אַט היינט — זיך מקדים, דעם טאָג איך פאַרלויף,
און, סקאַנדאַל־קומט! מרדכי ביים טויער פון הויף
אין לאַכעס, באַשאָטן מיט שרעקלעכן שטויב
און שטאָלץ, ווי אַ פּרינץ פון געיעג מיט זיין רויב.

**הדאשפה:**

איר ווייסט ווען מרדכי האָט מציל געווען?
דער ייד, אָט דער קניר, ער מוז אַלעם דערזען.
דער מלך האָט צוגעזאָגט אים צו פאַרגעלטן,
פאַרגעסן... נו, דאַרף מען אים צו פיל נישט שעלטן...

**המן:**

אוודאי, דו מיינסט — עס וואָלט זיין אַ גרוים יושר
די מאַסקע אַראָפּרייסן... אין שעת־הכושר...

**הדאשפה:**

אַזוי שווער, מיין האַר, אים צו פּטרן? כ׳לעבן,
אַ פּיפּס טאָן דעם מלך — ער וועט אים אייך געבן..

**המן:**

איך קום טאַקע אויסשפּייען אַ רגע אַ גינציקע.
צום מלך, ווי דו ווייסט, דאַרף מען דרכים
גאַנץ קינציקע,
מיט אים מוז מען זיין דיפּלאָמאַטיש, גאַנץ סובטיל.
עס איז אָפּט אַ פראַגע ביי אים פון געפיל...

**הדאשפה:**

וואָס זשע זוימט איר? וואָס מאַכט איר די שהייות? גייט שנעל —
דער מלאך הדומה דערוואַרט שוין מרדכי׳ס זעל...

**המן:**

איך וואַרט אַ געררויש. איך קום אויב מען רופט...

פאָרהאַנג

## בילד צוואַנציק

אין טראָן־זאַל.

אחשורוש, חרבונה, הדאשפה, המן — אחשורושעס סויטע

**אחשורוש:**

אַזוי? ... געהאָנגען געפּאַר אין דער לופט?
ווען נישט דאָס וואָרנען פון בירגער געטרייע ...
אוי, וואָלט איר געהאַט אַ גרויסע לוויה:
די צוויי פאַרעטער וואָלטן אחשורושן דערוואָרגן
אין גאָלדענעם בעט ... ווי וואָלט איר אויסגעזען דעם מאָרגן?

די לעצטע נאַכט־שאָטנס פאַרשווינדן. איר קענט גיין —
און דו, חרבונה, בלייב, פאַרבלייב מיט מיר אַליין.

אחשורוש זיצט אויפן טראָן, חרבונה שטייט נעבן אים

כ'בין מודה, דאָס צביעותדיקע פּאָרל אַראָפּ פון רעיון.
אַפּנים, געוואָלט זיך פון יענע מחשבות באַפרייען,
וואָס האָבן ביים הערן מיך צוויי מאָל בלייך געמאַכט.
באַטראַכט, ווען זיי וואָלטן, חלילה, מיך אומגעבראַכט —
די ווירקונג אויפן לאַנד פון דעם אַטענטאַט —
דאָך עקלדיקע פאַרעטער קומען אום פון פאַרראַט!

הפסקה

דער געטרייער בירגער מיטן אויג דעם פיינעם,
וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן לעבן מיינעם,
און נאָכגעשפּירט דעם שוואַרצן פאָדעם פון „קאָמפּלאָט",
מיר אָנגעוויזן די אויפגעהויבענע רוצחים־האַנט
אַריבער מיין קאָפּ, צי וואוינט ער אין שושן דער שטאָט?
און וואָס איז געווען דעם איידעלן בירגערס פיינער לוין
פאַר מציל זיין דאָס פּערסישע לאַנד און אחשורושעס קרוין?

חרבונה:

צוגעזאָגט אַ סך. צי עפּעס געגעבן?
דאָס דאַרף מען זיך דערוויסן, כ'לעבן.

אחשורוש:

אַזוי אַריינגעטראָפן —
דער קאַטאַסטראָפע דעם וועג פאַרלאָפן...
שיכחה אַ פאַרברעכן!
די אומפאַרמיידלעכע מניעות פון טראָן באַרעכן;
אַרומגערינגלט מיט טומלדיקן הבל הבלים,
צו נייע פּאַסירונגען, וואָס רופן אָן אַ צאָל אים,
געדאַנק געווענדט. עתיד באומרואיקט, הווה —
די לויפנדיקע נויטווענדיקייטן — קוים עס קלאַפּט. —
און שנעלער פון בליץ ווערט דער עבר אַוועקגעכאַפּט
און נעלם. פאַרגעסט מען געטרייענס אַ טובה...
עס פעלן נישט קיין חונפים, אונטערלעקער, אונטערקריכער,
פאַלשע נביאים, צבועקעס, חטאים־זיכער.

אַזוי פיל שטערבלעכע טאָג טעגלעך דעם קאָפּ פאַרדרייען
און פון קיין איינעם איז נישט געווען צו זעען
אָן אינערלעכע איבערגעגעבנקייט צום מלך זאָל באַרירן,
דער גורל פון די שטאַטן זאָל אינטערעסירן.

געטרייען בירגער מוז מיין רום באַשטראַלן —
אָ, ווער וועט אַנדערש אין דער מלוכה זיין אַ בעלן
פאַרן כבוד פון טראָן — אַ קרבן צו פאַלן...
ער לעבט נאָך דער בירגער געטרייער?
למאי נישט פאַרלאַנגט פון מלך יושרדיקן שכר?

חרבונה:

מיין האַר, נישט מאָנען קיין שכר איז נישט קיין חטא,
באַצאָלן חובות צו געטרייע איז קיינמאָל נישט שפעט.

**אחשורוש:**

און וועלכע מרחקים פאַרבאָרגן אים פון מיינע גונסטן?

**חרבונה:**

ער זיצט ביים טויער פון מלך׳ס פאַלאַץ מלא צער,
באַקלאָגט זיך נישט — און פרעמד פון גדלות-קונסטן —
ער שלעפט אין טרויער דעם יאָך פון אָרעם לעבן.

**אחשורוש:**

געטריישאַפט פאַרדינט מען זאָל אָן איר געדענקען, כ׳לעבן,
ווען זי פאַרגעסט אָן זיך אַליין... ווי הייסט ער, זאָגסטו... זיין נאָמען?

**חרבונה:**

מרדכי... אין ספר הזכרונות דערמאָנט.

**אחשורוש:**

זיין לאַנד?

**חרבונה:**

אַז איר פרעגט, מאַיעסטעט, מוז איך זאָגן:
דעם טרויעריקן גורל, דעם חורבן... ס׳איז נאָר צו באַקלאָגן...
צו אונדזער עגמת-נפש... ישראלם זאָמען...
פון די געבראַכטע פון ירדנס ברעגן, צום חדקל.

**אחשורוש:**

אַזוי — אַ ייד? אָ, הימל. ס׳אַראַ פאַרוויקלט פעקל.
אַ ייד זאָל מציל זיין מיין לעבן פון פערסישע הענט?
געקרוינטע קאָפּ! — אויב זייער שווערד האָט דיך נישט געשענדט —
נישט מיינע דינער... אַ יידן האָסטו צו פאַרדאַנקען
פאַר בלייבן אויף דעם קאַרק און טראָגן די קרוין —
ניין, ווער עס זאָל נישט זיין, על פי יושר צאָל זיין לוין.

סאַלאַם! עמיץ קומט.

**הדשפה:**

מיין האַר!

**אחשורוש:**

וואַרף אַ בליק צו דער טיר —
אויב עמיץ פון די גראַנדן פון הויף, וואָס ברענגט ער פאַר מיר?

**הדאשפּה:**

צו אייער טיר האָט המן זיך געפּעדערט היינט פאַרטאָג.

**אחשורוש:**

ער — לאָז אים, ס'קען עפּעס באַלייכטן זיינס אַ זאָג.

המן קומט אַריין

**אחשורוש:**

צו המנען

גענען, דו, גליקלעכער אַנשפּאַר פון טראָן פון דיין האַר.
נשמה פון מיינע אסיפות, בעל־יועץ אין געפאַר.
דו האָסט פיל מאָל אין מיין האַנט לייכטער געמאַכט די וואָג
פון מיין סצעפּטער. געהיימע חרטה מאַטערט מיין זעל.
איך ווייס: דיינע כוונות זיינען תמיד ריין און העל.
דער שקר האָט קיינמאָל נישט קיין צוטריט צו דיין זאָג.
דו האָסט נאָר מיך אין זינען אין דיין יעדן גאַנג,
זאָג־זשע, וואָס דאַרף טאָן דער העכסטער פּרינץ, לויט דיין
גערדאַנק,
ווען ער וויל באַדעקן מיט כבוד אַ בירגער, וואָס ער שעצט;
ווי ער באַצאָלן זאָל פאַר פליים און געטריישאַפט, צולעצט;
די קוואַלן פון מיין דאַנקבאַרקייט אין גדר נישט פאַרפרעסט —
דו מעסט לויט מיין אַלמעכטיקייט דיין עצה, דיין פאַרמעסט.

**המן:**

צו זיך

פאַר דיר אַליין, המן, די עצה, וואָס דו גיסט —
ווער איז פון מלך מער באַליבט, ווי דו ביסט?

**אחשורוש:**

וואָס מיינסטו?

**המן:**

מיין איבערהאַר, איך זוך, איך באַטראַכט —
צי האָט זיך די פּערסישע מאַנאַרכן אַזאַ מין פאַל געמאַכט?
די זיטן, מנהגים זיך צו דערמאָנען כאָטש פון איינעם;
בחנם, אייער ווילן נישט צו פאַרגלייכן מיט קיינעם.
צו קומנדיקע דורות דאַרפט איר אַ משל זיין:
דעם גליקלעכסטן באַלייכטן מיט אייער אינטימסטן שיין.
אויף כבוד קוקט אוים יעדער דינער, וואָס איז אייך געטריי.
איר וואָלט אים אין פורפור קליידן גערדאַרפט, ווי זיך אַליין;
און פון זיין ליכטיקן שטערן וואָלט איך זען געוואָלט
אַראָפּשיינען דעם געהייליקטן דיאַדעם פון גאָלד.
און אויף איינעם פון אייערע שטאָלצעסטע פערד, פייערלעך באַצירט;
פאַר די אויגן פון אַלע תושבים פון שושן מיט כבוד געפירט.
כדי צו פאַרמערן פון זיין רום דעם אָרעאָל, וואָלט זיין כדאי
אַ הויכער שר, אַ חשוב, אַן עשיר, באַהאַנגען מיט פּראַכט,
וואָס שטייט אין אייער אימפּעריע דער צווייטער צו אייער מאַכט,
זאָל האַלטן ביים צוים און פירן דעם אַל־העכסטן פערד;
דער שר זאָל שעמערירן אין בגדי־מלכות געקליידט,
און רופן זאָל ער אין רשות־הרבים די דאָזיקע רייד:
— פאָלט כורעים שטערבלעכע... דאָס איז דעם מלך׳ס שכר
צו זיין געטרייסטן דינער, פאַר מציל זיין אים פון געפאַר.

**אחשורוש:**

איך זע, די חכמה אַליין רעדט אַרוים פון דיין מויל,
לחלוטין אין הסכם מיט מיין רצון און מיין געפיל,
צו דעם, וואָס האָט זיך מיט טריישאַפט געפּלייסט. לויף,
נישט פויל!
אות ביי־אות זיי מקיים דעם באַשלוס, ווי איך וויל:
אין טויער פון פּאַלאַץ גיי, נעם מרדכי, דעם ייד;
דאָס איז דער, וועמען איך מיט כבודים באַשיט.
פאַראָרדן פּאַראַד, פאָרוים פאַר אים שפּרייז;

צעקלינג מיט דיין קול איבער שושן דאָס נייס,
אַזוי, אַז פּאַר אים זאָל מען שטיין אויף די קני!
זיי מקיים מיין ווילן... אייל, לויף, שנעלער — פלי!
פאַרלאָזט מיך אַלע...

**המן:**

גערטער...

אַלע אָפּ

**אחשורוש:**

בלי־ספק, אַן אומדערהערטער שכר.
אין מיין מדינה האָט נאָך קיין בירגער נישט געהאַט אַזאַ „בום".
דאָך, וואָס העלער און גלאַררייכער עס וועט שמ'ען דער רום
פון דעם יידן, זיין אומה פאַרשאַפט אַלץ מער עקל און צער.
אגב, איך פאַרזיכער מיין לעבן, מאַכנדיק אים דעם פּאַראַד:
מדינה וועט וויסן, אחשורוש פאַרלאָזט נישט סתם, גלאַט
אַ תושב'ס געטריישאַפט. אחשורוש דעם חילוק ווייסט
צו אונטערשיידן צווישן אומשולד און שולד... מדינה,
פאַרשטייסט?

פאָרהאַנג



המן אין אומחן... רעמבראַנדט — 1665



אסתר חלשט — לעקלערק — 1671

אין טראָן־זאַל — אחשורוש, אסתר, לאה, דער כאָר

אסתר אויפן שוועל זיך אָנשפּאַרנדיק אָן לאה'ן. פיר מיידלעך האַלטן אונטער די שלעפּע פון איר קלייד

**אחשורוש:**

דאָ קומען טריט אָן מיין באַפעל.

אַ בעלנות פון אַ שטערבלעכן איינצושטעלן זיין קאָפּ?

מיינע וואכן... וואָס? איר, אסתר? ווי פון הימל אַראָפּ?

**אסתר:**

מיידלעך מיינע, האַלט אונטער אייער קעניגין... אַנטלויף

נישט זעל.

די נשמה פאַלט אַרויס...

פאַלט אין חלשות

**אחשורוש:**

אַלמעכטיקער! ווי מאָדנע פאַרבלייכט.

קאַלירן פאַרלאָרן... נשמה שיעור אַרויסגעהויכט.
אסתר, וואָס שרעקט איר זיך, וואָס? ווי פאַר פייער —
בין איך נישט אייער בעסטער פריינט? אַ ברודער אַ געטרייער?
די שטרענגע פאַראָרדנונג — איז דאָס נישט אייך צוליב?
נעמט אסתר, דעם גאָלדענעם סצעפּטער, וואָס מיט חסד איך גיב,
דאָס איז די ערבות פון גוטוויל, דעם מלך'ס... קומט פריי!

**אסתר:**

אַזאַ איידל קול דאָס האַרץ מיינס באַזעלט;
אַזאַ היילנדע שטים צו לעבן באַפעלט!

**אחשורוש:**

דערלאַנגט איר דעם בעכער

איר דערקענט נישט די שטים פון אייער מאַן? דאָס בין איך —
איך — אחשורוש. נאָך אַ שלוק! לעבט אויף! קומט צו זיך!

**אסתר:**

מיין האַר, כ'האָב תמיד מיט יראת־הרוממות באַטראַכט
ווי ס'צייכנט די העכסטע מאַיעסטעט אויף אייער שטערן
איר מאַכט.

דער געדאַנק — אָט דעם שטערן צו קנייטשן, דאָס מאַכט מיין
נשמה ציטערן.

פון טראָן דעם געהייליקטן, וואָס דונער פאַרהילט,
האָט, געדוכט מיר, אַ בליץ אין מיין שטויביקייט צילט.
און וועלכעס האַרץ וואָלט דאָ די דרייסטקייט געהאַט,
פאַר בליץ פון אייער אויג נישט צו ציטערן, ווי בלאַט.

אַזוי פינקלט דער צאָרן אין אויג פון אל־חי.
וועלכער בן־אָדם קען זען גאָט — און נישט זיין פאַרביי?

**אחשורוש:**

איך קען נישט צוקוקן אָן פּיין דעם פּאַרכט און שווידער.
באַרואיקט אייך, קעניגין, כ׳פאַרזיכער אייך, בלי נדר —
כ׳וועל ווייטער מאַכן די האַרבקייט פון מינהג,
איר זאָלט, טייערע, אָפט קענען קומען צום קעניג.
צו אייך מיין געפיל איז העכער פון נסיון
איך וויל אייך מיין האַלבע מלוכה פאַרטרויען —
א האַלבע מלוכה... אָט זע, דאָ די קאַרטע —

באַצייכנט מיטן סצעפּטער אויף אַ וואַנט־מאַפּע

א שטיקעלע קרייד... אסתרל... וואַרט — ע...

**אסתר:**

צי חלום, צי וואָר? א קיסר, דער פּחד פון דער ערד,
פאַר וועמען אַלץ בוקט זיך און קושט זיין שטויב;
זאָל קוקן אויף זיין שקלאַפין מיט בליקן פון אַ טויב —
איר אָנבאָטן האַרץ און העכסטע מאַכט... אומדערהערט.

**אחשורוש:**

גלויבט מיר, אסתר טייערע, עס טרעפט נישט זעלטן —
אימפּעריע... און סצעפּטער... וואָס מאַכט טרייסלען וועלטן —
דער גרויסער רעספּעקט, וואָס מאַכט פעלקער צום ציטערן,
דאָס טוט אָפט די מושלים דאָס לעבן פאַרביטערן.
נאָך מיליטערישע פּאַראַדן, נאָך געפּאַנצערטער האַרטקייט.
די מעכטיקסטע מושלים — בענקען אַביסעלע צאַרטקייט.

טרינקט וויין און זינגט זיך פונאַנדער

אין אייך געפין איך יענע אומבאַשטימטע חנען,
וואָס כישופן הייליק און מאַכן נישט מיד.
א שיינקייט, וואָס לאָזט נישט דאָס לעבן פאַרניינען —
פון אסתרן אָטעמט מיט אומשולד און פריד.

די אַלטע זינד, וואָס אויף נשמה לאַסטן;
דער פרישער חטא, וואָס נעפּלט גאָלדן־שטויב;
זכרונות שוואַרצע פון אַ טאָג פאַרהאַסטן,
צי העלדישקייט פאַראומווירדיקט אין רויב...

דער אַלטער שאָטן, וואָס בייסט מיר נאָך די ליפּן,
וואָס קאַרטשעט איין דאָס האַרץ, צעבּרעכט געמיט,
און ווייטע שטערן, ווי אומשולד־קינדער, כליפּען,
פאַרשווינדן פאַרן שאָרך פון אסתּרס טריט.

איר צינדט אָן אין מיין קרוין אַ שיין אַ מיסטעריעזן,
פון יעדן בריליאַנט קוקט אייערם אַ חנדל אַרויס;
אבנים טובות, מרגליות — עס ציטערט ווי לעבעדיק וועזן
אין אייער אָפּשיין. גאָטס כּבוד שמייכלט, רויז!

איר זענט דאָך, מסתּמא, נאָך עפּעס געקומען —
וואָס פאַרלאַנגט איר?
רעדט אָפּ זיך פון האַרצן. אין פּשוטע ווערטער דערציילט.
ס'האָט, זיכער, אַ וויכטיקער ענין געבראַכט אייך —
וואָס שווייגט איר?
וואָס דרינגט אייך? וואָס האָט אייך אין מלכות פאַרפעלט?

איך זע, אַז איר הערט מיך, די אויגן צום הימל געווענדט,
הגם אין הכנעה געבויגען דעם קאָפּ, דעם געניק.
איך זע, אַז איר הערט מיך — פון עפּעס געבלינדט און געבלענדט,
דערציילט: וועלכער וויכטיקער פּערל פעלט אויס אייך
צום גליק...

אַ קאַפּיטשקע דרייסטקייט. אַביסעלע חוצפּה צום לעבן,
אַ טראָפּנדל העזה.
וואָס האָט אייער האַרץ די צעזוניקטע ליפּן פאַרקלעמט?
וואָס זשע שווייגט איר? אייערע פאַרלאַנגען, צאַרטע מימאָזע?

אויב אייער בקשה איז געווענדט פון שטערבלעכע — פון וועם?

אַחשורוש גייט אַראָפּ פון טראָן: אין איין האַנט דעם סצעפּטער, אין דער צווייטער האַנט אַ בעכער ווײַן אין אַ בגילופנדיקער פּאָזע, זינגט.

וואָס-זשע שווייגסטו אַזוי שפּל?
וואָס פאַרטונקלט דיר דעם זינען?
כ׳גיב דיר גאָלדענע פּאַנטאָפל,
פון לבנה-ליכט צו שפּינען,
היינט באַפוילן, זילבער-זאַקן —
וואָס-זשע קוקסטו אַזוי צעשראָקן?
איז דער פּורפּור אוים דער מאָדע?
די זון, דער שטערן-קאַראַהאָד... ע? —
ווילן נישט דער מלכה לייכטן —
וואָס די אייגעלעך זיך פייכטן,
וואָס די גרויסע, שוואַרצע אַפּלען
אונטער לאַנגע ברעמען צאַפּלען?

ס׳קרישלען זיך מאַרמאָרן ראָזע...
צי אַ דינסט באַקומען העזה?
קריגסט פון מיר אַ האַלבע מדינה
פאַריאָג פון זיך די טרויער מינע.

**אסתר:**

די גוטסקייט מאַכט מיך דרייסט, נישט ווייניקער ווי די שבחים
און דער אינטימער וידוי פון מאָנאַרך, דעם גרעסטן;
אַן ענין אַ זייער איילקער געפירט האָט מיינע טריט.
פון אייך ווארט איך מיין גליק, צי סוף פון גליק געשענקטען;
און מיינע וואונטשן, מלך, צו אייער רצון געשטימט.
איין וואָרט פון אייער מויל, מיין האר, פאַרענדיקט מיינע פּיינען;
און אסתר קען די גליקלעכסטע פון אַלע מלכה׳ס זיין.

איין וואָרט פון אייער מויל, מיין האר, מיין מזל זאָל צעשיינען;
איך מוז מיט מיין בקשה נאָך איינגעהאַלטן זיין.

**אחשורוש:**

ווי איר צעפּלאָמט אין מיר, מלכה, די נייגיר, די קוריאָזע —

**אסתר:**

דערלויבט פון דרייסטקייטן געניסן אַ קליינע דאָזע —
אויב גינציקייט באַגנעדיקט מיין באַגער.
פאַרבעטן אייער מאַיעסטעט נעמט אסתר זיך די העזה —
צו האָבן ביי איר טיש אַמאָל איר העכסטן הער.
פאַרבעטן דערלויבט אויך המנען צום איבערפלוס פון כבוד,
כ׳וועל פנים אל פנים מיט אים מיין שווייגן איבעררייסן.
כ׳וויל זיין אַנטקעגן גליתן אַ ווייבערישער דוד —
נאָר נישט מיט פייל און בויגן העלדישקייט באַווייזן.

**אחשורוש:**

אַ מאָדנע אומרואיקייט, אסתר, וואַרפן די ווערטער אָן,
דאָך צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט — ס׳וועט זיין געטאָן.

זיך ווענדנדיק צו די קאַמערדינער

און איר זוכט אויף המנען, זייט אים מודיע:
פאַרבעטן צו דער קעניגין, זאָל ער זיך געבן די מי... ע.

**הדראשפּה:**

די חכמים פון כשדי-לאַנד,
פאַררופן אויף אייער באַפעל, מיין האַר,
פאַרזאַמלען זיך,
אייך פותר צו זיין חלום-קאָשמאַר.

**אחשורוש:**

צו אסתרן

אייער האַנט!

נעמט די אונטערן אָרעם

זיי האָבן אויך אייער נאָמען דערמאָנט,
אומרוירדיקע חלומות דראָען אייך, מיר —

נעמט זיי דער וואַטעמאַכער... אַט, די טיר
קומט דאַ, אונטערן פאַרהאַנג, לאָמיר הערן,
אפשר, אייער ליכטיקייט, קען אויך עפּעס דערקלערן.

**אסתּר:**

אַ דאַנק, מיין מאַן, מיין מזג־טוב!
ווי אַזוי זיך אויסצאָלן פון חוב?

פון אונטערן פאַרהאַנג דערהערט זיך אַ קלינגנדיקער קוש

**אסתּר:**

אונטערן פאַרהאַנג

תמר, קומט מיט מיר! און איר, יינגע סטאַדע
און באַשיידענע, פאַרבלייבט אין זאַל פון טראָן!
אין דעם שעלטער, וועט קיינער אייך גאַרנישט טאָן...
אין שאָטן פון די ווענט צו וואַרטן — איז אַ גליק,
כהרף־עין בין איך צוריק.

לאה שטעלט זיך אַריין אין כאָר. אַ טייל פון די לידער דאַרפן געזונגען ווערן און אַ טייל — דעקלאַמירט

**לאה:**

און ווי געפעלט אייך, שוועסטערלעך, די מאָדנע מערכה?
צי אסתּרן, צי המנען וועט העלפן די השגחה?
צי וועט דער חיה־מענטש אונדז אָנטאָן פּיינען,
און אפשר וועט גאָטס רחמים דערשיינען?
צי האָט איר באַמערקט דעם צאָרן, דעם בלינדן
אין מלך׳ס באַסטיקן פּנים צעצינדן?

**איינע:**

יאָ, זיינע צעבליצטע אויגן
זיי האָבן מיין אויג פאַרבלענדט.

**אַ צווייטע:**

איך האָב אין זיין קיל, דעם שרעקלעכן, אַן עכאָ פון דונער דערקענט.

לאה:

ווי אַזוי איז דער דאָזיקער פירכטערלעכער צאָרן,
אין איין ליכטיקער רגע פאַרלאָשן געוואָרן?

איינע:

איין רגע האָט געבויגן קוראַזש אומגעבויגענעם,
אַ שעפּסעלע — דער לייב דער צעברומטער.
ווי גאָט וואָלט אים רופן מיט אַ נאָמען, אַ פאַרצויגענעם;
אַ צאַרטער, אַ פאַראיידלטער, מיט אַ ווייך הארץ קומט ער...

כאָר:

ווי גאָט וואָלט אים רופן מיט אַ נאָמען אַ פאַרצויגענעם,
אַ צאַרטער, אַ פאַראיידלטער, מיט אַ ווייך הארץ קומט ער...

לאה:

טייטלנדיק אויף די באַריעלעפן פון די ווענט
מיך שרעקן, שוועסטערלעך, די בילדער-לוויות,
די אָפּגעטער-פיש, די אָפּגעטער-חיות...

איינע:

די ליימענע געטשן .די פאַרביקע בילדער,
מיט יידישן וואָרט נישט שילדער, נישט שילדער...

אַ צווייטע:

אביסעלע שטילער, מיינע שוועסטערלעך, די שומרים ביי די טירן,
זיי קענען די ווערטער דערהערן און דענאָנסירן.

לאה:

וואָס, אַברהם׳ס טאָכטער, זיין נאָמענס היטערין,
פון וואַנען די טויטשרעק... וואָס הייסט דאָס ציטערן,
און אויב מיט זיין רוצחים-האַנט וואָלט דער טמא׳ר המן
געפּאַכעט פאַר אייערע אויגן — אַ שווערד צעגלאַנצט —
דער טויט וואָלט איבער אייערע קעפּ געטאַנצט,
וואָלט איר מיט אייערע תמימותדיקע מיילעכלעך געלעסטערט
גאָטס נאָמען?

**איינע:**

די שעה זאָל נישט באַשעה'ען, חלילה וחס,
אחשורושן זאָל באַפאַלן אַזאַ משוגעת —
אין אַ מטורעפער רגע — באַפעלן, מיר זאָלן
זיך בוקן צו זיינע שטומע אידאָלן,
אַזיסטן וועט ער אונדז דערשטיקן, ווי טויבן —
צי וואָלט איר, שוועסטערלעך, מחלל געווען אונדזער גלויבן?

**די יינגסטע:**

וואָס, איך יתומה, זאָל מיין גאָט פאַראַטן?
דעם, וואָס איך ליב נאָך מער ווי מיין טאַטן —
כ'זאָל קניען צו געטער האַרצלאָזע, אָן יושר —
געשניצטע פון בוימער, וואָס ווינטן צעברעכן,
ניין, איך מאַך נישט אַזאַ טויש — איך...

**איינע:**

געטער אוממעכטיקע, געטער שטומע, שוועסטער, באַרעכן:
וויפיל אומזיסטע מענטשלעכע טרערן?
די, וואָס בעטן צו זיי, וועלן קיינמאָל דערהערט נישט ווערן —

**אַ צווייטע:**

מיט מיין מויל, מיט מיין האַרץ, מיט מיין גאַנצן מהות,
וועל איך דינען מיין גאָט — ס'איז מיין גרעסטער געווינס!
דעם גאָט, וואָס געשאָנקען ער האָט מיר מיין לעבן;
פאַר אים בין איך מוכן מיין איך אָפּצוגעבן...

**אַ דריטע:**

אין די דאגות, אין די נויטן, אין די שווערסטע זאָרגן
בין איך גרייט מיין נשמה אונטער זיינע פליגל צו פאַרבאָרגן.

**כאָר:**

מיין נשמה אונטער זיינע פליגל פאַרבאָרגן...

פאָרהאַנג

## בילד צוויי און צוואַנציק

מרדכי און המן. אסתר און זרש. דער המון.

אויפן קאמביזע־פּלאַץ. אין פּערספּעקטיוו דער טויער פון אחשורוש־פּאַלאַץ. מען גראָבט אַ גרוב. מען וואַרפט אַרויס די ערד, מען שטעלט אַ זייער הויכן סלופּ מיט אַ ברייטן דראָנג — אַ תליה.

ביי דער זייט פון פּלאַץ — שילדן, גרויסע געשעפטן. איין שילד שטעלט פאָר אַ גרופּע טרינקער: אין די הענט פלעשלעך איבערגעקערט די העלדזלעך אין מויל אַריין. הינטערן שילד ביי די טירן אַ לאַנגע רייע מענטשן אָנגעטאָן אין פאַרשידענע, אָפּגעריסענע, אָפּגעריבענע מלבושים.

**איינער:**

נישטאָ די שפע פון אַמאָל.

**אַן אַנדערער:**

פאַרוואָס? בראָנפן בזיל־הזול.

**אַן אַנדערער:**

אַ משקה של חול.

**אַן אַנדערער:**

מען שלאָגט זיך ביים טיר פון מאָנאָפּאָל.

**אַן אַנדערער:**

המן שפּייזט דאָס פאָלק מיט אַלקאָהאָל...

**דער ערשטער:**

און מיט אָפּיום — אָנשטאָט ברויט.

**דער צווייטער:**

שטאַמט, אַפּנים, פון אַלטן לוט.

**דער דריטער:**

אַזאַ יקרות, מען שינדט די הויט!

אַן אַנדערער:

באַצאָלט אַ האַלבן דרכמונא פאַר אַ פּלעצל —
די גרויס ווי אַ קרעצל.

אַן אַנדערער:

אַ זעמל גרויס ווי אַ בלאָטער.

אַן אַנדערער:

און פון שטייערן נישט פּטור.

אַן אַנדערער:

אַוועקגענומען פון אונטערן קאָפּ דעם קישן.

דער ערשטער:

די אייביקע פּערסישע קללה — באַקשישן.

אַן אַנדערער:

אַ נישקשה׳דיקער מאָגן — דער שטאַאַט,
ווערט קיינמאָל נישט זאַט.

אַן אַנדערער:

וואָס שטייט מען דאָרט ביים גרויסן פענצטער?

אַן אַנדערער:

דער אייביקער הונגער-געשפּענסטער:
אַחשורוש-פּאָרטרעט
און המנס דעקרעט
און אין זאַק
אַ מאכל-געשמאַק —
אַרבעס מיט לעבעדיק, צאַפּלדיק בשר...

אייניקע צוזאַמען:

וואָס, פריש פליישׁ?

**דער פריערדיקער:**

אָסר,
גרויסע אַרבעס און נאָך גרעסערע ווערים,
פון יעדן אַרבעס שטעקט אַרוים אַ קאָפּ פון אַ קאַלב.

**אַן אַנדערער:**

נישט פאַר מיינע געדערים.

**אַן אַנדערער:**

נעכטן געכאַפּט אַ שוואַלב —
אָפּגעבראָטן פאַרן קינד.

**אַן אַנדערער:**

מען גייט אַרום אין הינער־בלעט.
קיין פיצל פערד־פלייש, קיין הינט־קאָטלעט,
קיין פיצל פרישע קאַץ.

**אַן אַנדערער:**

דאָס אַלץ פאַרנוצט מען אין פּאַלאַץ?
איך קען דאָס נישט גלויבן —
דאָרט עסט מען דאָך געבראָטענע טויבן.

**אַן אַנדערער:**

און המן? געהער אויך צו דער קליקע?

**אַן אַנדערער:**

זיי מאַכן צוזאַמען די חלוקה מיטן פאָלקס־פאַרמעגן.

**איינער:**

זיי זשויבן.

**אַ צווייטער:**

זיי רויבן...

**אַן אַנדערער:**

גלייבער נישט צו רעדן דערוועגן —
פאַר וועמען איז אַ תליה אויפגעשטעלט?

**אַן אַנדערער:**

פאַר וועמען המנען געפּעלט.

**אַן אַנדערער:**

אַזוי הויך — מען זאָל זען פון אַלע הויפן?

**אַן אַנדערער:**

פּופּציק איילן די הויך,
פון איר וועט קיינער נישט אַנטלויפן.

אַ פאַר־פאָלק רעדט צווישן זיך

**דער מאַן:**

איך בין מרדכי'ן נישט מקנא.

**דאָס ווייב:**

אַז די געטער ווילן, זענען זיי אַלץ משנה.

**דער מאַן:**

דו מוזט תמיד זאָגן קאַפּויר!

**דאָס ווייב:**

דו זעסט דאָך ווי רואיק ער זיצט אין טויער.

דער עולם קערט זיך אום מיטן פּנים צום טויער פון פּאַלאַץ. עס זיצן, אויף אויסגעשפּרייטע טעפּיכלעך, די פּיס הינטער זיך, חלפנים. אויף קליינע בענקעלעך — בערגעלעך מטבעות. דערנעבן ביי ענליכע קליינע טישלעך, אויף וועלכע עס געפינען זיך פּאַרמעטן, פּאַפּירוסן, שיסעלעך טינט — זיצן סופרים מיט געגנדזענע פעדערן אונטער די אויערן; טייל באַדינען קליענטן, אַנדערע זענען מעיין אין כתב־ידן. עס דרייען זיך אַרום פאַרשידענע הענדלער מיט אַלטוואַרג. ביי די ווענט שטייען וואַכן. מרדכי זיצט אויף אַ בענקעלע, פאַר אים שטייט אַ שטענדערל מיט אַ צעוויקלטן ספר, ער שאָקלט זיך און לערנט, צווישן עולם ווערט פּלוצלינג אַ באַוועגונג.

**שטימען:**

— ער גייט, ער גייט...



„פרייהייט פון גלויבן — איך לערן״. מיניאַטור פון בעהזאַד

דער עולם פאַלט אויף די קני, די פּנימער צו דער ערד. מרדכי בלייבט זיצן, שאָקלט זיך איבערן ספר, פאַרקוקט אין זיך, ווי ער וואָלט דעם גאַנצן אַרום נישט באַמערקט. אַ שכן דערנעבן רעדט צו מרדכין.

**דער שכן:**

שכן מיינער, המן גייט, קני אַנידער.

**מרדכי:**

איך קני נישט פאַר קיין מענטשן, ברידער.

**דער שכן:**

דער מלך האָט אַזאַ באַפעל געגעבן.

**מרדכי:**

איך בוק זיך נאָר צו גאָט, וואָס גיט דאָס לעבן;
באַשאַפער פון ערד און הימל, זון און שטערן.

**דער שכן:**

רעד שטילער, מרדכי, מען קען אונדז נאָך דערהערן.

**מרדכי:**

צעשאָקלט זיך

פרייהייט פון גלויבן — איך לערן:
„ער איז דאָס פייער, וואָס פאַרברענט אַלע פייערן,
„ער איז דאָס וואַסער, וואָס פאַרפלייצט אַלע וואַסערן,
„ער איז דער אָטעם, די ווינטן צעשטאָרעמט ער,
„ער איז דער מקום, כל־היקום... דאָס פאָרעמט ער"!

המן מיט זיין סוויטע קומען אַלץ נענטער. פאַר אים טראָגן צוויי קנעכט אַ גרויסן זון־שירעם. ער גייט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן פירנדיק פאַרן צוים דאָס פערד פּירגאָס, וואָס דער מלך האָט געריטן אויף אים אין ערשטן טאָג פון דער קרוינונג. דאָס פערד איז אויסגעפּוצט אין גאָלד, פּורפּור און בלומען. אַנדערע קנעכט טראָגן אַ גרויסע גאָלדענע קרוין, אַ לאַנגע שווערד אין אַ זילבערנער שייד, אַ גלאַנציקן פּאַנצער, אַ זיידענעם קאָלירטן אַבאַיע, באַ־האָפטן מיט דימענטן און בריליאַנטן, די זוים באַנייט מיט קלינגענדיקע גלעקעלעך. איין דינער טראָגט דעם פּורפּורנעם מלכות־מאַנטל, וואָס שפּיגלט מיט גאָלד אין זון־שיין. דער עולם אויפן פּלאַץ דריקט פעסטער די שטערנס צו דער ערד.

המן שטעלט זיך אָפּ מיטן פערד און מיט דער סוויטע נעבן מרדכין.

**המן:**

שטיי אויף, מרדכי, דו צדיק תמיד פאַרקלערטער,
געליבטער פון גאָט און פון מלך באַערטער,
טרייסל אַראָפּ פון זיך דעם אַש און די שטויבן,
דער מלך אַחשורוש וויל דיין כבוד דערהויבן —

ער וויל דיך באַשיטן מיט זיינע חסדים,
ער האָט דיר געשיקט די טייערסטע בגדים:
דעם קרוינונגס-פערד, נצחון-שווערט —
ער וויל דיך באַלוינען ווי דו ביסט ווערט.

**מרדכי:**

דו, רשע בן-רשע פון רשעים שטאַם,
צו תליה ברענגסטו מיר דעם חוזק-קראַם;
דו האָסט קיין דרך ארץ נישט פאַרן טויט,
וואַרט, לאָז צעקייען אַ כזית׳ל ברויט,
לאָז טרינקען דאָס ביטערע וואַסער פון קרוג,
נאָך דריי-טאָגיקן תענית — אַ לעצטן שלוק!

**המן:**

שטיי אויף, מרדכי צדיק, תמיד פאַרקלערטער,
געליבטער פון גאָט און פון מלך באַערטער;
איך בין נאָר מקיים דעם מלך׳ס ווערטער —
עס איז נישט קיין צייט פאַר מיר חוזקן, שפּאָטן,
שטיי אויף, טו זיך אָן, ווי דער מלך האָט געבאָטן.

**מרדכי:**

דיין שליחות איז, המן, מיר צוקער-זיס,
דאָך בין איך נאָך תענית — און קוים אויף די פיס.
איך בין נישט געוואַשן אָן ערך דריי טאָג,
ווי קאָן איך די קליידער זיך אָנטאָן, זאָג.

**המן:**

איך מוז דיך אָנטאָן, וואַשן, באַקרוינען —
און שרייען: — אַזוי טוט דער מלך באַלוינען.

**מרדכי:**

און די תליה פאַר וועמען?

**המן:**

נו, מילא... הייסן צענעמען.

**מרדכי:**

למאי אזא תליה פארשעמען?
פאר דיין קאָפּ וועט דער שטריק זיך פּאסן.

**המן:**

אזא מין יידיש האסן,
אזא מין שנאה אונטער די גערדיכטע ברעמען —

**מרדכי:**

און פון דיינע אויגן
דאָס מענטשלעכע — שוין לאנג פארפלויגן.

**שטימען פון פאָלק:**

ער מוז מרדכין וואשן... אראָפּבארשטן די אש...

**איינער:**

ער מוז מרדכין שערן...

**אַן אַנדערער:**

ער מוז מרדכי׳ס קנעכט ווערן.

**איינער:**

וואָס שרייט דאָס המן אין התפעלות?

**אַ צווייטער:**

דערציילט פאר שושן מרדכי׳ס מעלות.

**המן:**

פאַרקנעפּלענדיק מרדכין דעם פּורפּור־מאַנטל, אויסגלייכנדיק אויף מרדכיס קאָפּ דעם דיאַדעם.

נו, פּרינץ, ארויף אויפן פערד.

**מרדכי:**

אזוי הויך —
נאָך א תענית, ווער האָט כוח?

**המן:**

דעם מלך׳ס באַפעלן —
כ׳וועל דעם רוקן אונטערשטעלן.

דאָס פערד קניט אַנידער ליגט זיך אַוועק פאַר מרדכיס טריט

**מרדכי:**

א פערד — קניט.

**המן:**

צום פערד

פירגאָס, דו בוקסט זיך פאַר א ייד?

מרדכי צעזעצט זיך ברייט אין זאָטל

**איינער:**

מרדכי קען די קינץ!

**אַן אַנדערער:**

א געבוירענער פּרינץ!

אויפן פלאַץ, פון צוויי־שטאָקיגן הויז זעען זיך צוויי באַלקאָנדלעך: אויף איינעם זעט מען אסתר, לאה, תמר און מיידלעך פון כאָר; אויפן צווייטן באַל־קאָנדל: זרש מיט אירע קינדער און פריינט.

**זרש:**

פון באַלקאָנדל

דאָס האָט דער מלך אחשורוש געטאָן מיין מאַן באקרוינען!

**אסתר:**

פון צווייטן באַלקאָנדל

דאָס האָט מלך מלכי המלכים געטאָן מרדכי באלוינען!

**המן:**

פירנדיק פירגאָסן פאַרן צוים, שרייט

אַזוי צאָלט דער מלך שכר זיין געטרייען!

**מרדכי:**

צו המנען

האָסט נאָך חשק צו זיין א קין?

דאָס פערד צעהירזשעט זיך

**זרש:**

הערט נאָר ווי מרדכי שרייט אויף די ציין.

**אסתר:**

אַוודאי, דאָס שרייט טאַקע המן אַליין!



מרדכי׳ס טריאומף

לעקלערק — 1671

**זרש:**

**אראפוווארפן מרדכין דעם בשמים-טאָפּ!**

וואַרפט אַראָפּ אַ נאַכט־טאָפּ און טרעפט המנען

**אסתר:**

**אָנגעטאָן אַ טאָפּ דעם מאַן אויפן קאָפּ!**

דער עולם לאַכט, דאָס פערד הירזשעט

**מרדכי:**

צו המנען

**מען לאַכט פון דיין קאָפּ.**

פאַרהאַנג. עס הערן זיך עכאָס פון געלעכטער און שטימען פון פאָלק:
אָנגעטאָן אַ טאָפּ דעם מאַן אויפן קאָפּ,

אויפן קאָפּ... קאָפּ... טאָפּ...

# פינפטער טייל



דניאל—ממוכן

ג. דאָרע

## בילד דריי און צוואַנציק

„אונטערגרונט״: ממוכן און זיינע אַדיוטאַנטן.

פּאַרנאַכטצו. אַ שטילער, ראַזלעכער בין־השמשות טונקלט זיך איבער אַ גרינעם וואַלד־באַרג. אויפן שפּיץ באַרג באַוועגן זיך זעלנער אַהין און צוריק. עס צינדן זיך פּאַקלען, וואָס וואַרפן פון צייט צו צייט אַ שיין אין שאָטנדיקן וואַלד אַריין. עס הערט זיך אַ זיס געזאַנג, ווי אַ הפטורה־ניגון.

**אַ שטימע:**

**„אויף די שפּיצן פון די בערג האָב איך מיינע וואַכן צעשטעלט,**
**צו באַשיצן מיין פאָלק אין דער רוצחישער וועלט...״**

דער באַרג ווערט נידריקער און נידריקער, מען זעט אַ וועלדליק פלאַכלאַנד. צווישן די ביימלעך — ליגנדיקע זעלנער פון פאַראייניקטע ... דאַנעבן — צוגעבונדענע פערד, ... קעמלען. עס שפּאַצירן אַרום אַ סך טויבן, לויפן, שפּרינגען, פליען און וואָרקען: גרו... גרו... גרו... גרו... גרו... באַזייט, אין אַ שטיק צעבראָכענעם פעלדז צערוקן זיך, ווי שוואַרצע פעלן, צוויי טירן, אַ לאַנגער, באַלויכטענער צימער. רעכטס פון אַריינגאַנג די וואַנט באַהאַנגען מיט לאַנדקאַרטן פון פאַרשידענע פּערסישע געגנטן און מדינות.

נישט ווייט פון דער וואַנט: אַ טישל, אַ שטול. עס זיצט ממוכן מיט צעקאַשמעטע גרויע האָר. שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן בלאַנדזשען איבערן טיש אויף אַ מאַפּע, אין פאַרשידענע פונקטן פון דער מאַפּע: גרויסע, גלאַנציקע שפּילקעס. אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט — אַן אַסטראָלאָגישע הימל־קאַרטע, זון־קאָנסטעלאַציעס, צעשטערנטע מילך־וועגן, מזלות אין געשטאַלט פון פייגל, בהמות, חיות און טאַנצנדיקע מענטשעלעך. אַנטקעגנאיבער דעם אַריינגאַנג אין מזרח־וואַנט אַ גרויסע, ארץ־ישראל מאַפּע, אַ מנורה, אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר דעם ערשטן בית־המקדש. ממוכן הייבט אָן צו ברומען אַ ניגון אונטער דער נאָז.

**מבוכן:**

פיאַ, פיאַ, פיאַ... ציף, ציף, ציף...
פלאַטער, שוואַלב, אין בלויען טיף —

גרו, גרו, גרו — גרו, גרו, גרו —
טויבן — לויבן: — ברוך הוא.

ברוך הוא וברוך שמו,
זינגט די גאַנצע וועלט אַזוי:

מלך דו — מלכה — וואו?
שטילע טויב — אין נעסטן־רו.

וואו זי גייט און וואו זי שטייט,
הוד והדר — אויסגעשפּרייט.

שכינה קומט צו איר צו גיין,
ברענגט איר שמייכל, ברענגט איר חן,

ברענגט אַ גרוס פון זיין גענאָד,
רימט די מלכה צו אחד.

שטעלט זיך אויף צעשפּרייטנדיק די הענט אין דער הויך.

אין אַריינגאַנג באַווייזן זיך דריי אָפיצירן. מאַרשירן מיט ריטמישע טריט צום טישל. זייערע פּנימער באַלויכטן פון זונאונטערגאַנג. די שײַן שעמערירט אַן ענלעכקייט צו אסתרס פּנים.

**איין אָפיציר:**

שר — קאָמענדאַנט!
די לאַגע — געשפּאַנט.
פון ווייטן האָריזאָנט,

פון נאָנטן פראָנט
די טויבן געבראַכט
ידיעות פון שלאַכט.

**דער צווייטער:**

איין טויב מיט בלוט אין די פליגל,
פון פייל דורכגעשאָסן.

**דער דריטער:**

פּאַפּירוס מיט בלוט פאַרגאָסן,
נישט צו דערקענען דעם זיגל...
און דוכט זיך פון ירושלים...

**ממוכן:**

פאַרדבוק׳עט

... ורב ח־ס־ד ו־א־מ־ת...
אַן אָרעמע טויב מיט אַ בלוטיקן רמז!

**איין אָפיציר:**

שר — קאָמענדאַנט,
פונאַנדערשיפרירט די גמטריאות,
און, דוכט זיך, אָן אַ טעות.

דערלאַנגט פאַרוויקלטע פּאַפּירוסן. ממוכן זעצט זיך צוריק צום טישל.

**ממוכן:**

לייענט

ירושלים, עיר הקודש, יום א׳ לחודש —
מיר אַרבעטן ביים בויען דעם מקדש נאַכט ביי נאַכט
אין ליכט פון לבנה און שטערן... קינד און קייט וואַכט —
און חגי און מלאכי פאַרשאַפן אונדז האָפנונג און פרייד
מיט זייער געטלעכן באַשייד;
יאָ, אונטער די האָגלען פון פיינטלעכע פיילן:
אין איין האַנט די קעלניע אין צווייטער — אַ שווערד...

עס הייבן זיך העכער און העכער ארויס פון דער ערד
די ערשטע זיילן.
געפאַלן נעכטן קרבנות דריי,
דער שונא געמיינער!
דאָך שרעקט זיך נישט קיינער,
מען פילט זיך פריי.
בשתיקה אויפן הר־הזיתים
מקבר געווען די מתים;
אָפּגעגעבן דער הייליקער ערד —
און ווייטער — צו האַמער און שווערד!
אונטערגעצייכנטע פּאַראָלע:
„המנם מפלה" —
אַפּנים, זרובבל —

**איין אָפּיציר:**

אַ באַריכט, ווי אַ געזאַנג.

**ממוכן:**

שיקן אַ טרייסט און אַ דאַנק!
פאַרצייכן אויף ליימענעם טאָוול:
די עקלדיקע אדומים צו דערשטיקן,
אַ פּאָר טויזנט זעלנער, אנשי־חייל,
תיכּף נאָכן פערצנטן אדר צו שיקן.
לעת עתה, קאַרגן אַ פייל...

גיט איבער די באַריכטן צו לייענען איינעם פון די אָפּיצירן

חנניה, גענען און לייען!

**אָפּיציר:**

לייענט

המנשטאָט. קאַמביז־פּלאַץ. דאָ.
אין פאַרנאַכטיקער שעה
פון המנס שטוב אַרויסגעגאַנגען
צוויי גרעניץ־שמוגלער, מאַכערם.
געציילט געלט און גערעדט פריילעך...

**ממוכן:**

א בלאָפּער פון פאַך, ער
און זרש, די פרוי...
בלאָפּט דעם מלך!
אַרום הויז פון ימח שמו
צעשטעלן וואַכן.
צו חצות — אַן אויסזוכונג מאַכן!

**אָפּיציר:**

לייענט

עקבאַטאַן. באַוואָפנטע מחנות צעהיצטע כשדים
די יידישע געגנט באַפאַלן.
פאַרטריבן — פאַר זיי מיט פאַרלוסטן.

**ממוכן:**

לאָז זיך די רוצחים נישט גלוסטן!

**אָפּיציר:**

לייענט

אין אויסערן־מיניסטעריום אָנגעקומען
פון שומרון, אַ מסירה —
אונדזער אינערלעכע שמירה
האָט דעם כתב־יד געלקחנט...
קאָמענדאַנט קען דאָס זען,
צו המנען וועט ער שוין נישט דערגיין.

ווייזט דאָס פּאַפּירוס, לייענט

**אָפּיציר:**

„אַ מורדים־פאַרמעסטונג:
די יידן בויען אַ פעסטונג.
אַן אויפשטאַנד זיינען זיי אויסן
אַנטקעגן דעם מלך דעם גרויסן..."

**ממוכן:**

גענוג... די הינטישע זין!
אריינגעשריבן אַ שענדלעך בלאַט,
אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן מין,
דער סנבלט.

**אָפּיציר:**

לייענט

מעשעט, פּערסיע.
אַ גרויסער המון המניסטן
די יידישע געגנט באַפאַלן —
און מער נישט זיין דערצו קיין בעלן:
ס'האָט אונדזער „עמך" קצבים, טרעגער,
מיט העק און לאָמען... פּגר נאָך פּגר
געלאָזן אין מאַרק...
המון דערזען מיר זיינען שטאַרק,
זיך צעלאָפן,
געשריגן: — די פּירער בלאָפן!

**ממוכן:**

פאַרלאַנגען — מלכות זאָל באַשטראָפן.

**אָפּיציר:**

לייענט

בבל — די שטאָט.
גרויסע געשלעגן צווישן כשדים און יידן.
מיט פיילן גערעגנט,
כשדים פאַרטריבן פון יידישער געגנט...
אונטערגעצונדן הייזער, גאַסן פאַרברענט.
פרויען געשענדט...

**ממוכן:**

מטמא געווען יידיש בלוט,
זייער, זייער נישט גוט,
זייער נישט גוט!

**צווייטער אַפּיציר:**

לייענט

ייב — אַגוראַ (בית-המקדש) — מצרים.
אומגעקומען אין מדבר אַ גרויסער קעמל-קאַראַוואַן,
מיט קאַסטנס קליידער און שפּייז, געצויגן האָט ער
קיין ארץ צו שטאַרקן די עולים. בעדואינער
באַפאַלן. קעמל-טרייבער — געבונדן.
באַגאָסן מיט סמאָלע, אונטערגעצונדן און פאַרברענט.
די אַראַבישע קעמל-טרייבער — אַנטלאָפן.
ווי אַזוי באַשטראָפן?

**ממוכן:**

דעם מענטשלעכן מין געשענדט.

**אַפּיציר:**

לייענט

אַ צענדליק סקעלעטן געפונען אין בערגלעך אַש.

**ממוכן:**

שרעקלעך.

**אַפּיציר:**

לייענט

אָן רעש... מקבר געווען אין זעקלעך.

**ממוכן:**

אויסשטאַטן אַ צווייטן קעמל-קאַראַוואַן,
געפירט פון העלדן — מאַן ביי מאַן —
און דאָרט, וואו מען האָט די קדושים-סקעלעטן געפונען,
פאַרברענען הונדערט בעדואינען.

**איין אַפּיציר:**

וואו נעמט מען אַזוי פיל צאָרן?

**ממוכן :**

אַריינפאַלנדיק אין התפּעלות

טאָג ביי טאָג — נייע רוצחים געבאָרן !

„איך האָב געזען אין מיין זעאונג ביינאַכט, ערשט די פיר ווינטן פון הימל האָבן אויסגעבראָכן אויפן גרויסן ים. און פיר גרויסע חיות זיינען אַרויסגעקומען פון ים, איינע אַנדערש פון דער אַנדערער. די ערשטע איז געווען אַזוי ווי אַ לייב, און פליגלען פון אַן אָדלער האָט זי געהאַט; איך האָב געקוקט ביז אירע פליגלען זיינען אויסגעפליקט געוואָרן, און זי איז אויפגע־הויבן געוואָרן פון דער ערד און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף צוויי פיס אַזוי ווי אַ מענטש, און אַ האַרץ פון אַ מענטשן איז איר געגעבן געוואָרן. און זע, אַן אַנדער חיה, אַ צווייטע, איי געווען געגליכן צו אַ בער, און זי איז געשטעלט געוואָרן אויף איין זייט, און דריי ריפּן זיינען געווען אין איר מויל צווישן אירע ציינער; און אַזוי האָט מען צו איר געזאָגט: — שטיי אויף, עס פלייש אַ סך. דערנאָך האָב איך געזען, ערשט אַן אַנדערע, אַזוי ווי אַ לעמפּערט; און זי האָט געהאַט פיר פליגלען פון אַ פויגל אויף איר רוקן, און פיר קעפּ האָט די חיה געהאַט; און געוועל־טיקייט איז איר געגעבן געוואָרן. דערנאָך האָב איך געזען אין די זעאונגען פון דער נאַכט, ערשט אַ פערטע חיה, שרעקלעך און מורא׳דיק, און געוואַלטיק שטאַרק; און גרויסע אייזערנע ציינער האָט זי געהאַט; זי האָט געגעסן און צעמאָלן, און דעם רעשט האָט זי צעטראָטן מיט אירע פיס; און זי איז געווען אַנדערש פון אַלע חיות וואָס פאַר איר, און צען הערנער האָט זי געהאַט. האָב איך באַטראַכט די הערנער, ערשט אַן אַנדער האָרן, אַ קליינער, איז אַרויסגעוואַקסן צווישן זיי, און דריי פון די פאָדערשטע הערנער זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון פאַר אים; און זע, אויגן אַזוי ווי די אויגן פון אַ מענטשן זיינען געווען אין דעמדאָזיקן האָרן, און אַ מויל וואָס האָט גערעדט גרויס".

**דער צווייטער :**

געפערלעך דער מענטש מיטן האָרן...

**ממוכן:**

אַראָפּרייסן וועט בן־דוד פון הימל־פענצטער די שטערן,
אַרויסרייסן פון די מזלות דעם שלימזלדיקן מלחמה־שטערן,
און דער מענטש אויף דער ערד וועט אַנדערש ווערן...
„טראָגנען האָט מען אויפגעשטעלט,
און דער עתיק־יומין האָט זיך אויף זיי געזעצט;
זיין קלייד איז געווען ווי ווייסער שניי,
און די האָר פון זיין קאָפּ ווי לויטערע וואָל;
זיין כסא־הכבוד — פלאַם און פייער.
די גלגלים — ברענענדיק פייער.
אַ טייך פייער האָט אַרויסגעשטראָמט,
און אַרויסגעפלייצט פון פאַר אים;
טויזנט מאָל טויזנט האָבן אים באַדינט,
און צען מאָל צען טויזנט זיינען פאַר אים געשטאַנען;
אַ בית־דין איז געזעסן,
און ביכער זיינען געווען געעפנט".

„איך האָב געזען אין זעאונג פון דער נאַכט:
ערשט אויף וואָלקנס פון הימל
איז אָנגעקומען אַזוי ווי אַ מענטשנקינד,
און ביז דעם עלטסטן פון די טעג האָט ער דערגרייכט,
און מען האָט אים געבראַכט פאַר אים.
און אים איז געגעבן געוואָרן געוועלטיקייט,
און כבוד, און מלוכה,
און אַלע פעלקער, אומות, און לשונות,
זאָלן דינען צו אים;
זיין געוועלטיקייט אַן אייביקע געוועלטיקייט,
וואָס פאַרגייט נית,
און זיין מלוכה, אַזאַ וואָס ווערט נישט צעשטערט".

**אַפּיצירן:**

אַן אַנדער הימל, אַן אַנדער ערד,
אַן אַנדער כוח פון וואָרט!

**ממוכן:**

קומענדיק צו זיך

פאַר היינט גענוג ראַפּאָרט.

און וואָס מכוח רעקרוטן?

**אָפּיציר:**

דאָס יידישע שושן האָט נישט קיין חשק צו בלוטן

אין אזא עת-צרה...

**ממוכן:**

געווען א גרויסע „רייע״?

וויפל פאַרשריבן?

**אָפּיציר:**

מיר האָבן אויסגעקליבן

סך-הכל איין מאה.

**ממוכן:**

אָן עין-הרע!

זיך נישט צו באַקלאָגן.

עס שטייט געשריבן:

„און איינער פון אייך וועט טויזנט פאַריאָגן!״

אַרומקוקנדיק דאָס צימער

און די פעלדזן-ווענט,

די שווייגנדיקע, שטילע,

לאָמיר הייליקן מיט אַ תפילה —

צום זכר פון קדושים וטהורים:

חנניה, מישאל ועזריה —

כורעים!

אַלע קניען קעגן מזרח און בעטן שטיל

**אַלע:**

ומשתחוים ומודים לפני מלך מלכי

המלכים

הקדוש ברוך הוא.

פאַר הייליקע נשמות — אייביקע רו.

פאָרהאַנג

## בילד פיר און צוואַנציק

מרדכי. ממוכן מיט זיינע אַדיוטאַנטן — אין שול. גבאים, חזן, עולם.

אַ גרויסע שול אין שושן. דורך די פענצטער לייכט זיך אַריין קאַלירט גלימערן פון אַ זון־פאַרגאַנג. ביים עמוד שטייט אַ חזן געהילט אין אַ טלית. ס'צאַנקט אַ גרויסע מנורה. אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן אויף אַ גרויסן: „שויתי״. ביי די זייטן פון די ווענט טוקן זיך אין בוימאייל־לעמפּלעך אַ סך רויטע פייערלעך, צווישן שאָטנס. אין האַלבטונקל, נידריק, אויף דער ערד, אויף טעפּיכלעך און קליינע בענקעלעך זיצן יידן אין טליתים, פאַרכמורעטע, אין תענית אויסגעהונגערטע, זיפצן און קרעכצן. טייל זאָגן תהלים, אַנדערע רעדן צווישן זיך. די פאַרשידענע, פאַנטאַסטישע הירשן, לייבן, טויבן און אַנדערע געמאָלטע באַשעפענישן. די ווענט וואַקסן צוזאַמען סילועטיש טיילווייז מיטן זונפאַרגאַנג, טיילווייז מיט דער טונקלקייט.

**דער חזן:**

למה רגשו גוים, ולאומים יהגו ריק —

**שטימען:**

אַז אַלעם מוז חרוב ווערן: צום תוהו ובהו צוריק.

**דער חזן:**

פאַרזאַמלט אייך, אַלע מלכים,\
און מושלים קומט אַהער.

**שטימען:**

צום קאַמף קעגן גאָט און משיח —\
און ווער איז דער שטאַרקערער, ווער?

**איינער:**

די נייעס געהערט?

**אַן אַנדערער:**

אונדזער גבאי אויפן מלך'ס פערד.\
אפשר וועט דאָס האָבן אַ פעולה.

**דער ערשטער:**

ניש͏ט אזוי קומט די גאולה.

**דער חזן:**

ער פּענטעט אײך מיט זײַנע קײטן —
און װער פון אײך איז אזוי דרײסט?

**שטימען:**

איר אַלע, װאָס ליאַרעמט: — נגתקה! —
דעם אײבערשטנס קײטן צערײסט.

**אַ פּריערדיקער:**

אַן עני ורוכב על החמור.

**אַן אַנדערער:**

אװדאי, ס׳איז פּונקט קאַפּױער:
נישט קײן אײזעלע... אין אַ מלכות־קלײד
און דער רשע פּאַר אים גײט!

**אַן אַנדערער:**

דער גבאי אלײן גײט געבן באַשײד.

אויפן בעלעמער שטעלט זיך אויף מרדכי, אַרומגערינגלט פון אַ פּאָר עלטערע ײדן, גבאים. אין טיר פון דער שול באַװײזט זיך ממוכן מיט אַ גרופּע אָפיצירן מיט גאָלדענע קנעפּ, גאָלדענע שליפּעס, די טורבאַנס באַזוימט מיט גלאַנציקן גאָלדהאַפּט. זײ דערנענטערן זיך צום בעלעמער. בעת דער שמש פירט די גרופּע אַרויף צו מרדכי׳ן, רעדט דער עולם פּאַרװאונדערט, צװישן זיך.

**אײנער:**

אַ גענעראַל!

**אַ צװײטער:**

אַ פעלדמאַרשאַל!

**אַ דריטער:**

און די אָפּיצירן — אויך מאחינו?

**פון עזרת-נשים:**

יידן אין גאָלד, אַזעלכע שיינע...

**מרדכי:**

נעמט אויף, פאַר דער צייט, די חשובע געסט, ווייזט זייער אָרט אויפן בעלעמער, ווענדעט זיך צום עולם

טייערע ברידער און שוועסטער אין צער,
דערלויבט מיר צו באַגריסן דעם הויכן שר,
און אויך די יינגע אָפּיצירן, וואָס אים באַלייטן.
מסתמא, געקומען אַהער — אין תענית — צו בעטן.

**ממוכן:**

רבותי! איך בין נישט אַזוי גרויס,
איך זאָל אייך לערנען תורה אין גאָטס הויז!
איין ווינקל פון וועלטאַל, זיין חסד, באַשטראַל איך:
אַ פּאָר געשיכטלעכע טריט אין אומענדלעכן מהלך
פון אונטער די נעפּלען אַפּער, פון בראשית-ווייטן,
אין בלענד-ווערק פון צייטן.

נעמט פון בעלעמער אַ טלית, טוט אים אָן איבערן קאָפּ, הייבט אויף די הענט אין דער הייך און בעט

אָ, שיק פון די בלויע בלי-מה'ען
אויף מיכאלס פליגל,
בארמהארציקער, דיין רחמים;
און דיין אַלמעכטיקייט שפּיגל
אין גלאַנץ פון גבריאלס כלי-זין.
גיב כוח פון טומאה און קליפּה זיך צו באַפרייען:
שפּאַן-אוים פון דיין מרכבה די באַפליגלטע אָקסן,
דעם כלאַים פון בהמה-און-מענטש פאַרוואָקסן

וואָרצל אוים אין די יורשים פון אדם'ס געביין.
באַפליגלטע לייבן, בערן, לעמפּערטן —
צעברעך זיי די אייזערנע נעגל און די קופּערנע ציין.
באַפעל דיין השמאל צו באַוועגן די גלגלים שנעל,
אין צעשוימטע שטורעמס צעדרעשן די וועל
פון חומר-זריעה...

**עטלעכע יידן:**

ני-אָ!.. ני-אָ!.. ני-אָ!..

**אַנדערע:**

אַ תפילה — אַ פּליאָה!

**מרדכי:**

מיר האַלטן פאַר נעילה. עס פינקלען שוין שטערן.
זייט מוחל, בקיצור, וואָס לאָזט איר אונדז הערן?

**ממוכן:**

אַרויסגעריסן פון עקסטאַז

איך וויל אייך אין נאָמען פון אונדזער שטאָב באַגריסן:
ללמד בני יהודה קשת — און לערנען אייך, ברידער, שיסן!
און וואָס פאַר אַ ישועה דער ראש-הקהל, מרדכי, און אסתר,
די קעניגין, זיי זאָלן נישט ברענגען;
אפילו מען זאָל המנען אויף דער תליה הענגען,
בלייבן נאָך המנדלעך קליינע, נשמה'לעך געמיינע,
און צו אונדזער גרויסן צער, אפילו מאחינו...

אַ געמורמל צווישן עולם

**מרדכי:**

מיר זיינען ביי גאָט אין דער האַנט!

**שטימען:**

זיך שלאָגן קעגן פּערסישן לאַנד?

ממוכן:

יעדער ייד מוז זיך קענען פאַרטיידיקן —
און פעכטן מיט אַ שווערד אין דער האַנט.
קיין פיינט זאָל מער נישט זיין קיין בעלן,
קיין המנען זאָל מער דער געדאַנק נישט באַפאַלן
אונדז צו ווערן באַליידיקן...

מרדכי:

איך בין ביי מלכות־שמים אַ פּראָסטער סאָלדאַט.

איינער:

אונדזער פירשפּרעכער...

אַן אַנדערער:

אונדזער אַדוואָקאַט...

מרדכי:

די תורה מוז איך לערנען, קודם, על־פּי־פּשט.
און וואָס גמטריאות זאָלן נישט באַהאַלטן,
איך לייען צוויי מאָל פּסוק און איינמאָל תרגום קאַלטן:
און נישט מיט קיין שווערד האָט זיך געראַטעוועט נח!

ממוכן:

אין דיין פּשטות, מרדכי, שטעקט אַ גרויסער כוח!
דאָך טאָר זיך נישט אַ פאָלק אויף נסים בלויז פאַרלאָזן,
און גלייך ווי מען קען נישט אַ פאָלק דערנערן מיט ראָזן...

מרדכי:

דו רעדסט מיט משלים, ממוכן,
נסתרות באַהאַלט דיין פּסיידאָנים.
דיין חכמה אין ספר צו זוכן —
און וואו זאָל איך זוכן דיין פּנים?

דיר שמייכלען די וויטעסטע שטערן,
דעם שמייכל פאַרטיילסטו מלכים.

א פשוטע עצה לאָז הערן
דעם פאָלק אין טאָג־טעגלעכע דרכים.

וואָס איז אונדזער דור פאַר אַ פעולה
דעם קץ פון די דורות צו וויסן?
ס׳פאַרלאַנגט יעדע רגע גאולה —
פאַרפייניקט, פאַרבלוטיקט, פאַרשמיסן...

איין רגע פון פיין איז אַ שמיטה,
ווען ס׳פּאָכעט דער חלף — אַ שחיטה,
ווען ס׳ציטערט דאָס הארץ אינם יידן,
די רגע מוז ווערן באַשידן!

**ממוכן:**

כ׳האָב נסים פנים אל פנים געזען —
אין אַ לייבן־גרוב געווען.
די לייבן האָבן איבער מיין קאָפּ הונגעריק געברילט,
אַרויסגעשטאַרצט גרויסע הונגער־אויגן
מיט גרינע און ברוינע פייער־רינגען;
צעעפנט רויטע מיילער — איינצושלינגען.

די ערשטע רגע זיך פאַרלאָרן.
און אין דער רגע גרוי געוואָרן.

און ווי אַ מלאך וואָלט אַ זאָג געטאָן: — ניין!
פאַרדעקן ציטער־ליפן שאַרפע ציין:
דער הונגער איינגעשטילט.

די לייבן צעבייסן די שטריק פון מיינע געבונדענע הענט.
משמעות, אין מיר דעם צער־בעלי־חיים דערקענט.
די לייביכע מיט גאָלדיק־ברוינער, גלאַטער הויט
האָט תאווה׳דיק אַ ברום געטאָן, אַ ציטער;



דניאל אין לייבן־גרוב

דזשאו מאקלאו

האָט לײב אין אײפּערזוכט אַ שפּרונג געטאָן, אַ צעגליטער;
איך האָב דערשפּירט די קעלט פון טויט.
און ווי פּאָר זײַן אײגענער חוצפּה דערשראָקן,
צוריקגעטרעטן, מיך נישט באַרירט.

איך האָב מיט די לײבן אַ פרײַנדשאַפט פאַרפירט.
געגלעט די גזשיוועס, געקעמט די לאָקן,
די קעפּ געקושט,
די בייזע חיה מיט ליבע צעחושט.
געזאָגט מיט זײ תהלים אַ גאַנצענע נאַכט,
און, אַז איך האָב דערוואַכט —

**שטימען:**

אַ קדוש... — אַ צדיק — ... — אַ בעל-נס...

**אײנע:**

נישט געוועזן צו די לײבן קײן פּרעס?

**אַנדערע:**

מיטן מלך פון די חיות אַ בונד געשלאָסן.

**מרדכי:**

צי זײַנען דאָס לײבן געווען, צי ביסטו בטוח,
צי נישט אין לײבן-געשטאַלט עפּעס אַ רוח,
וואָס דו האָסט מיט הײליקן שם-הויה פאַרטריבן?

**ממוכן:**

חלילה, דאָס שטײט אין מײַן ספר פאַרשריבן.
ווען דו וואָלסט אין ספר מעיין געווען,
וואָלסטו שוין פון לאַנג דעם ענטפער געזען...

הפסקה

דאָך בין איך, טײערער, מער נישט קײן בעלן
אין אַ לײבן-גרוב אַרײַנצופאַלן...

**מרדכי:**

מורא נאָך אַמאָל גאָט צו געטרויען?

**ממוכן:**

איך האָב געזען אַ צאָרן אויסגעגאָסן

פון מענטש קעגן מענטש... טייכן בלוט געפלאָסן...

אַ כליפּען פון עזרת־נשים

מען טאָר נישט איינשטעלן אַ פאָלק אויף נסיון.

**איינער:**

אויף דער עלטער זיך לערנען שיסן?

**אַן אַנדערער:**

אַי, דאָס מלכות זאָל, חלילה, זיך נישט דערוויסן.

**מרדכי:**

אחשורוש וועט דערהערן אַ יידישע אַרמיי,

וועט זיין צו אונדז אָך־און־וויי!

**איינער:**

מען דאַרף דאָס אסרן!

**אַ צווייטער:**

נישקשה, דער גבאי ווייסט וואו צו מסרן.

אַ גרופּע זעלנער רינגלט אַרום דעם פאַרשוין, וואָס האָט דאָס געזאָגט.

**זעלנער:**

וואָס, וואָס, וואָס?

**ממוכן:**

לאָזט דאָרט צורו דאָס פאַרטריקנט גראָז!

**מרדכי:**

אַזאַ מאמין און, ליידער, אַ טרוימער.

**ממוכן:**

אין דעם פאַרעקשנטן כוח שטעקן רזין־דרזין —
מען קען דאָך אַ פאָלק אויף הפקר נישט לאָזן!

**מרדכי:**

אַן אָרעם ווינטל קען נישט אויסוואָרצלען טויזנטיעריקע בוימער!

**איינער:**

ער שלאָפט נישט, ער דרימלט נישט, ישראל׳ס שומר.

**דער חזן:**

און איך האָב געזאַלבט מיין קעניג
אויף ציונס הייליקן באַרג.

**שטימען:**

דער מלך מלכי המלכים,
מיין פעסטונג איז ער — און שטאַרק!

**ממוכן:**

חנניה, מישאל, עזריה! דערציילן
דעם פאָלק, דעם האַרציקן, טייערן,
וואָס בעט אויף אַ נס, פאַרהונגערט אַזוי,
פון שדרך, מישך און עבוד־נגו,
ווי זיי זענען אוים נאָך די פייערן —
פון נסים־דורשט דאָס פאָלק צו היילן!

**איין גבאי:**

דער עולם איז הונגעריק. מאַכט עס בקיצור!

**ממוכן:**

פאַרבענקט זיך, נעבאַך, צום שיסעלע גריץ, ער.

**אַ צווייטער גבאי:**

ס׳צעטריפן די ליכט. דער הימל שוין פול מיט שטערן.

**ממוכן :**

נישקשה, פון דער געשיכטע וועט ליכטיקער ווערן.

**מרדכי :**

צום שמש

דערלאַנג דריי טליתים מיט זילבערנע עטרות,

צו די אָפּיצירן

הילט איין אין קדושה די קעפּ, מיינע שררות!

**חנניה :**

דעמאָלט האָט נבוכדנצר מיט כעס און גרימצאָרן
באַפוילן צו ברענגען שדרך, מישך און עבוד-נגו;
די מענער זיינען פאַרן מלך געבראַכט געוואָרן,
האָט זיך אָפּגערופן צו זיי נבוכדנצר און געזאָגט:
„שדרך, מישך און עבוד-נגו! צי דינט איר בכיוון נישט
צו מיין גאָט און בוקט זיך נישט צו דער גילדענער געשטאַלט,
וואָס איך האָב אויפגעשטעלט?" דענסטמאָל האָבן די דריי מענער,
שדרך, מישך און עבוד-נגו, געענטפערט צום מלך און געזאָגט:
„אדוני מלך, אויב אונדזער גאָט וועט באַווילן
אונדז מציל צו זיין, קען ער פון אויוון מיט ברענענדיקן פייער
און פון דיין האַנט, נבוכדנצר, מציל זיין. און, אַז נישט אפילו,
זיי וויסן, מלך, אַז צו דיין גאָט וועלן מיר נישט דינען,
און צו דער גילדענער געשטאַלט, וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט,
וועלן מיר זיך נישט בוקן". מיט גרימצאָרן איז אָנגעגליט
געוואָרן נבוכדנצר און דער אָנבליק פון זיין פנים האָט זיך געביטן
אַנטקעגן שדרך, מישך און עבוד-נגו, האָט ער זיך אָפּגערופן
און באַפוילן אָנצוהייצן דעם קאַלך-אויוון זיבן מאָל אַזוי פיל,
וויפל מען דאַרף אָנהייצן. און עטלעכע גבורים, וואָס אין זיין חייל,
האָט ער באַפוילן צו בינדן שדרך'ן, מישך'ן און עבוד-נגו'ען,
און אַריינצוּוואַרפן אין דעם אויוון מיט ברענענדיקן פייער.

**עזרת נשים:**

אזא רשע! ווער וואָלט עס קענען,
אזעלכענע צדיקים פארברענען?

אַ כליפּען אויפן קול

**מישאל:**

די שייטערס געטונקען אין שוועבל און פּעך,
זיי פלאַקערן הפקרדיק, פרעך.
די פלאַמען מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, ווי זולל וסובות,
פארכאַפּן אין רויטע אָרעמס, קודם, די תלינים;
וויקלען זיך אַרום זיי מיט אַ בייזן צישען פון שלאַנגען.
די תלינים צאַפּלען זיך, ווי פליגן, אין די לאַנגע גאָלד-פינגער
פון שפינען, אין רויטע שפינוועבסן געפאַנגען...
און אין מיטן דעם צישנדיקן רעשן
צעטראָגן די ווינטן די תלינים׳ס אַשן...

**עזריה:**

און איידער די הערצער פון שדרך, מישך און עבוד-נגו
האָבן באַוויזן אַ ציטער צו טאָן, אַ קרעכץ צו טאָן: — אוי!
די פלאַמען, זיי צישען, ווי שלאַנגען, און קרויזן —
ס׳צעבליט זיך אַ גאָרטן — טוליפּאַנען און רויזן.

**עזרת נשים:**

אַרוים פון רשע׳ס הענט?

**אַנדערע:**

גאָט צו דאַנקען, נישט פאַרברענט!

**ממוכן:**

ווענדעט זיך צו די אָפיצירן

שדרך, מישך און עבוד-נגו — גענוג צו זיין באַהאַלטן!
אַנטפּלעקט דעם פאָלק, אייערע וואונדערגעשטאַלטן!



נבוכדנאצר (ירושלים־מוזעאום)

דער עולם הייבט אָן מיט די אויגן אַרומזוכן אין די טונקלקייטן — די דריי אָפּיצירן טועט אַ לעג אָפּ די טליתים, אַ נעם אַראָפּ פון פּנים די מאַסקעס. מען דערזעט אין לעצטן זונשיין דריי לאַנגע, אויסגעקרימטע, צעצויגענע פּנימער: שיקלדיקע אויגן, אויסגעקראַכענע ברעמען, די שטערן צעקאַרבט און צעקנייטשט ווי וועלטשענע ניס. פאַרדרייטע אויערן. די נעזער צעקרומט. די מיילער אויף די זייטן פון פּנים. און אינגאַנצן ווי געטונקען אין אַש. אין עזרת נשים ברעכט אויס אַ מהומה. מענער באַהאַלטן די פּנימער אין טליתים, אַנדערע רופן: — שמע ישראל!

**ממוכן:**

אזוי, רבותי, זעט אוים אַ בר-נש —
ניצול פון פייער און אַש.

**שטימען:**

נישט קיין הייליקע — קאָמעדיאַנטן!

**איינע:**

נישט קיין אויגן — פאַלשע בריליאַנטן!

**אַנדערע:**

נישט קיין שליפעס — פאַפירן גאָלד!

**אַנדערע:**

נישט קיין קדושים...
שרעקן געוואָלט!

**אַנדערע:**

באַקומען דערפאַר געצאָלט!

**עזרת נשים:**

פאַרשטעל די אויגן — מעוברת'ע פרוי!

**אַנדערע:**

נאָך איין רגע אָנקוקן,
ווערט מען אַלט און גרוי...

**דער חזן:**

אשרי תמימי־דרך ההולכים בתורת ה׳!

**מרדכי:**

צו ממוכן

אויסגעפּעלט צום רומל
אַזאַ געטומל?

**ממוכן:**

אַראָפּגייענדיק פון בעלעמער, מורמלט צו די אָפּיצירן

פון הויכן נסים־באַרג
קוקט קוים דאָס לעבן אַרוים;
און זיינע וואונדער, ווי שטאַרק —
און זיינע צייכנס, ווי גרוים!

פון די טונקעלע שאָטנס פון צווישן די קרעכצנדיקע יידן רוקן זיך אַרוים יינגעלייט און גייען נאָך ממוכנען און זיין גרופּע. דער פאַרהאַנג פאַלט ביס־לעכווייז. מען הערט פון אונטערן פאַרהאַנג שטימען פון דער ייגענט.

**שטימען:**

געקומען צום בית־מדרש אויף פערד!

**אַנדערע:**

עס בליצט מיט גאָלד זיין שווערד!

**אַנדערע:**

עס שאָלט אונטער זיי די ערד!

**אַנדערע:**

ס׳אַראַ גלאַנץ, ס׳אַראַ בלאַנק!

**אַנדערע:**

זע, זע — זיי רייטן אַריין אין וואָלקן, אין זונפאַרגאַנג.

## בילד פינף און צוואַנציק

אַ גרויסער אויפנעמצימער ביי המנען. נייע, גלאַנצנדיקע, ברוין־פּאָלירטע טישן, געדעקט מיט נייע טישטיכער. אָנגעשטעלט מיט ניי געפעס. גאָלדענע, זילבערנע, עמאַלירטע בעכערס, ווי נאָר וואָס פון געשעפט אַרויס. די ווענט באַהאַנגען מיט נייע שאַרסטקע גאָבעלינען. נעבן די ווענט ברייטע שענק, אין איין שאַנק גאָלדענע כלים, אין אַן אַנדערן — זילבערנע געפעסן, און אין אַ דריטן — עמאַלירטע וואַזעס, אַ קאָלעקציע ליימענע געטשקעס. מעבל אין מאָדערנסטן, אויסלענדישן סטיל. ביים אַריינגאַנג שטייט דער הויכער המן מיט דער נידריקער זרש און נעמען אויף די געסט.

**זרש:**

רעדט אַרויף צו המנען

פון העכסטן ראַט קיינער נישט געקומען.

**המן:**

זיי זיינען היינט פאַרנומען.

**זרש:**

אויפן אָפּשיידס־אָוונט פאַרן חכם ממוכן?

**המן:**

אויך מיר חכמים — יעוונוכן.

**זרש:**

זייער געזעלשאַפט אַלע זוכן.

**המן:**

איך פאַרשיק דעם חכם אין דער מדבר. זיי אַ כהן־גדול און דוכן —
בענטש די ווינטן, בענטש די זאַמדן,
פאַר שושן ביסטו מיר אַ צו גרויסער למדן.

**זרש:**

צו אַן אַריינקומענדיקן גאַסט
וואָס מאַכט איר, ראַטמאַן פרשאנדותא,
און וואו איז אייער גנעדיקע פרוי?

**פרשאנדותא:**

אַביסל לא-עליכם׳דיק...

**זרש:**

אַזוי?

**המן:**

אין דער שטיל
וויל זיך נישט חברן מיט קיין גוי!

המן און זרש פירן צו עטלעכע חשובע געסט צו די טישן, דער עולם זעצט זיך אוים לויט די באַשטימטע ערטער, קוקן זיך אַרום, באַחידושן די מאָדערנע איינריכטונג

**איין גאַסט:**

צום שכן
אויף וועמענס קאָסטן?

**דער שכן:**

פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן.

**אַן אַנדערער:**

מלוכה איז רייך!

**דער ערשטער:**

עס שעפּט זיך אוים אפילו אַ טייך.

**דער שכן:**

אַן אייביקער קוואַל — יידישע באַקשישן.

**אַן אַנדערער:**

למאי אין פרעמדע עסקים זיך מישן?

**אַן אַנדערער:**

אַזאַ מאָדערנער אויפנעמצימער?

**אַן אַנדערער:**

אַן אויפגעקומענער — אַ באַרימער.

**איינער:**

צו המנען

איר זענט ווערט נאָך אַ שליפּע.

**המן:**

אַ דאַנק פאַר דער חניפה.
וואו נעמט מען אַן אַקסל, אַ דריטן?

**איינער:**

שטיל, אָבער אַלע הערן

נישקשה, מרדכי — היינט פיין געריטן...

**המן:**

שטייט אויף און הייבט אָן דרשה׳נען

איך האָב אין פּערסיען וואונדער באַוויזן:
איך האָב פאַרוואַנדלט אַ פּחדנישע אַרמיי אין ריזן.

**אַלע:**

וויכטיק, זייער וויכטיק!

**המן:**

איך האָב איינגעפירט אין פּערסיען די לייבן־בריגאַדע,
אַריבער די קעפּ פון די חכמים.

**איינער:**

און אַלץ לשם אידעאַל?

**המן:**

אוודאי...

**אַלע:**

הכלל, המן איז אַ צדיק תמים!

**המן:**

נישט איין אומרעכט האָב איך שוין פאַרגיטיקט —
איך האָב אין מיין קינדהייט פון גורל געבלוטיקט —
געקויפט מיך אַ פערסער — אַ קינד פון די „גרינע".
אַ דאַנק דעם גאָט אַרמוז — כ׳רעגיר די מדינה.
אין אוצרות וואָלט איך זיך מיט מלך פאַרגליכן —
און בנימלעך האָב איך — אַ גאַנץ צענדליק איכן!

**איינער:**

געקליידט וואָלט צום פנים אַ מלוכה־ריבאָן —

**אַן אַנדערער:**

אוודאי, אויף דער וועלט ווייניק יושר פאַראַן.

**המן:**

די ברוסט מיט מעדאַלן, פאַרגייענדיקער גלאַנץ,
ווי זיסקייט פון בלומען פאַרוועלקטע אַ קראַנץ,
זיי זיינען נישט מער פאַר מיין האַרצן קיין טרייסט.
ווי ווערט מען פון מרדכין אויסגעלייזט?

זיין שאָטן אין טויער פון מלך׳ס פּאַלאַץ
מאַכט טויזנטער וואונדן אין האַרצן — כאָטש פּלאַץ.

מיין גרויסקייט, מיין יש צעברעכן די פּיינען,
כל זמן אָט די זון וועט אַ מרדכין באַשיינען.

**איינער:**

מער ווי צען טעג וועט זיין שאָטן נישט מאַטערן.
דאָס פאָלק זיינס געהער שוין צום שפּאַרבער, צום פּטרן.

**המן:**

די צייט איז צו לאַנג פאַר מיין אומגעדולד.
כ׳קען אייך, פריינט, פאַרטרויען, אַז ער טראָגט די שולד
פאַרן בלוט פון זיין פאָלק, וואָס וועט ווערן צעשמעטערט,

ס׳האָט פּערסיען, דאָס גרויסע, דערהויבן, פאַרגעטערט
מיין כבוד — ער לעסטערט מיט חוצפּה׳דיק קוקן.

**איינער:**

פאַר אַזאַ מאַן, ווי המן, זיך נישט צו בוקן?

**המן:**

דאָס האָט אין מיין האַרצן נקמה געוועקט,
כ׳האָב בלויז זיין צעשויבערטע קאָפּ באַצוועקט,
צו נישטיק וואָלט אָבער געווען דער קרבן:
עס שטילט נישט דאָס בלוט. נישט געלעבט, נישט געשטאָרבן —
אַזאַ מאַן ווי המן — מען טוט אים דערצערנען
ער ווייסט ווי מיט שונאים געשיכטע צו לערנען:
ער מוז אַזוי שטראָפן, די ערד זאָל ציטערן.
עס מוזן די בלוטיקסטע שטורעמס געוויטערן.
און גיין זאָלן פעלקער ביז האַלדז אין די בלוטן
זאָל דור צו דור מורמלען אין פּחד לחלוטין:
— „געפּאַקט זי, די אתה-בחרתנו-ראַסע,
וואָס שפּאַנט אין איר רייטוואָגן פעלקער, ווי פערד.
אַ סוף איז דאָך איינמאָל פאַר אַלעם באַשערט,
געוואַגט האָט אין המן זיין גרויסן כעס... ע?
געקומען אַ מאַן, אַ גרויסער בעל-צאָרן,
פון ישראלס גדלות אַ גאָרנישט געוואָרן..."

**איינער:**

מיין האַר, די שטים פון עמלקס בלוט,
זי טוט אין געהיים צו נקמה דיך רייצן.
עס טוט די אַלטע שנאה אין נייער אַריבערפליצן,
פאַרוואַנדלט דרייסטקייט אין איבערמוט —

**אַ צווייטער:**

עמלק באַדעקט זיך מיט אייביקן גלאַנץ,
אויב אויסראָטן וועסטו ישראל אינגאַנץ...

**המן:**

איך ווייס, אַז, געבאָרן פון דעם אומגליקלעכן בלוט —
מען קען צו זיי נישט בלייבן קאַלטבלוטיק אבסאָלוט,

זיי האָבן געמאַכט אַמאָל פון עמלקן אַ באַרג מיט אַש,
אפילו דאָס שאָף האָט געליטן אין אומווירדיקן רעש.

אַ קליינער באַדויערנסווערטער שריים געבליבן...
אוודאי, איז דאָס אין אונדזערע בלוטן פאַרשריבן,
אַ זייער שטאַרקער ווייטאָק, אַ באַוואוסטער פּזמון,
און ליידער, וואָס מען איז געבאָרן — דאָס איז מען!

**איינער:**

דו קומסט אַרויס, הייסט עס, פון אומגליקלעכע פאַריער?

**המן:**

אַ טעות, פון אַ „הארן־פאָלק": עמלק שטאַמט פון אַריער.

**איינער:**

דו רעדסט, ווי אַן אמתער אַדלמאַן.

**אַ צווייטער:**

און גוט דערצויגן.

**המן:**

נקמה וואָלט איך פּיליכט, געקענט פאַרבויגן —
איז מרדכי שולדיק... אויסוואָרצלען ביז שורש.
איך האָב געוואָרנט קייגן זיי דעם „אַלטן" אחשורוש,
כ'האָב מרדכין געמשלט מעכטיק, רייך, אינטריגעריש,
מיט אונטערגענג, אָנשטעל, מורדיש־קריגעריש...
אפילו זייער גאָט איז אַ שונא צו אַלע אַנדערע געטער,
און ער, אחשורוש, איז דער איינציקער רעטער.

**איינער:**

איך בין אַ ראַסנפאָרשער פון באַרוף, יע,
זיי זיינען נישט קיין פאָלק, אַ געהיימע כנופיה.
אַ געמישטער אָפּשטאַם, פרעמד צו אונדזערע שבטים.

**המן:**

ווי לאַנג נאָך פאַרטראָגן דעם פאַרדאָרבענעם אָטעם?

**איינער:**

באמת, מיין האַר, האָסט וואונדער באַוויזן,
דו גייסט אין די פוסטריט פון גרויסן קאַמביזן,

געוועז, זאגט מען, אפילו א משוגענער כעסן,
געוואוסט ווי ישראל פון וואָרצל צו האסן.

**המן :**

מיר גלויבט אחשורוש — געטרויעט זיין זיגל.

באַווייזט דעם מלך׳ס רינג

דער רינג פון העכסטער מאכט אין מיינע הענט.
דאָס גאָלד און דער גרויסער בריליאַנט — עס ברענט...
„נעם, זאָגט ער, פאַרזיכער דעם פרידן מיין מלוכה,
באַרואיק דעם שלאָף פון דיין מלך. אביסל מנוחה!

הפסקה

פון דער מינוט אַן האָב איך באַקומען פליגל.
דער גורל פון דעם פאָלק אויף אייביק באַשלאָסן:
פון אַלט און יונג, פון קבר ביז צום וויגל!

איך וואָלט די נקמה-פרייד פיין גענאָסן,
כ׳זאָל צען טעג ניט אָנקוקן דעם „מרא-דכיא",
זיין פאַרמעגן בין איך מקריב צו די געטער געטרייע,
זיי זאָלן פאַרברענען צען הימלען אין פלאַמען.
זיין חוצפה זאָל אויפהערן מיך צו פאַרסמען.

**איינער :**

פאַר אייך וועט דער מלך דעם נישטיקן קרבן ברענגען —
די הויכע תליה איז גרייט, — מרדכי וועט הענגען.

**אַלע :**

ריכטיק! הידד!　　　　פאַרהאַנג



(בריטיש מוזעאום)

א גאָלדענער זיגל-רינג —
אשעמעניד-דינאַסטיע

## בילד זעקס און צוואַנציק

המן און זיין פרוי זרש

אסתרס גאָרטן פון דער זייט פון איר פּאַלאַץ. מען זעט דורך די פענצטער צוגרייטן די טישן צום נאַכטמאָל. אויף אַ שטעגל, אין גאָרטן, באַזייט, שפּאַצירן: אַ הויכער עלעגאַנט־געקליידעטער מאַן און אַ נידריקע פרוי, וואָס פּאַרייסט צו אים דעם קאָפּ אַרויפרעדענדיק.

**זרש:**

דאָס איז איר באַרימטער גאָרטן, אסתרס שטאָלץ?
נו, בוימער נישט אַנדערש פון אַנדערע — האָלץ!
אַרומגעשניטן אַליי, ווי גזשיווע פון פערד;
די בלומען, ווי שנאַבלען אין טרוקענער ערד.
קוקט־אָן די רויזן, רויטע פּאַפּוגייען;
די פיסקלעך צעעפנט, פון דורשט צו שרייען...
אַ גייעניש צווישן טאָג און נאַכט —
ווי זעלנערלעך וואָלטן מאַנעווורעס געמאַכט...

**המן:**

קוקט אין ווייטן

לכבוד דעם אָוונט -- פאַרשטאַרקט די וואַך.

**זרש:**

געזאַנג — און נישט אין דער פּערסישער שפּראַך.
און נישט אַראַמעאיש און נישט כאַלדעאיש,
עס קלינגט... עס קלינגט... אַ מין העברעאיש!

**המן:**

פאַרשידענע פעלקער באַוואוינען דאָס לאַנד,
נישט אַלע לשונות זיינען באַקאַנט...

הערן זיך גוט צו צום געזאַנג און קוקן זיך צו צו דער געדיכטעניש
פון די טונקעלע בוימער, וואו עס באַוועגט זיך דער יידישער אונטערגרונט

**המן:**

דאָס גרייט זיך אַוודאי די ייגנט צום גרויסן טאָג,
צו געבן די יידן דעם ריכטיקן יאָג...

עס הערן זיך זעלנער־טריט און אַ העל געזאַנג. ביידע הערן זיך צו

**זעלנער:**

מאַרשירן, זינגענדיק

„טרייסט, טרייסט מיין פאָלק — טוט־זאָגן אייער גאָט —
רעדט צום איידעלען האַרץ — ירושלים דער שטאָט:
ס'איז איבערגעשווימט דער בעכער מיט טרער;
פאַרגעבן די זינד. איך דערמאָן זיי נישט מער.

עס רופט אַ קול אין וויסטעניי:
רוימט־אָפּ אַ וועג, דעם שטעג מאַכט פריי
פאַר גאָט אונדזער האַר — דורך זאַמד און האַמסין
צום לאַנד פון ישראל, ישראלס זין!

**המן:**

וואַקלענדיק מיטן קאָפּ פאַרחידושט

דאָס וואָלט געווען לחלוטין אומדערטרעגלעך.

**זרש:**

נאָך היינטיקן טאָג, איז אַלץ שוין מעגלעך...

בלייבט שטיין הערנדיק פאַרגאַפט

**זעלנער:**

פאַרוואַנדלט דעם טיפן טאָל אין הייך,
דעם פעלדז, זיין גאווה, מאַכט נידעריק ווייך;
פאַרעקשנ'טע האַרצלאָזע שטיינער צעמאָל,
פאַררינגלט זיין פאָלק, ווי פאַנצער פון שטאָל."

**המן:**

פאַרשידענע פויגל פאַרמאָגט אונדזער לאַנד —
דאָס ליד האָט געשריבן אַ געטלעכע האַנט!

**זרש:**

אומבאַקאַנטע מוזיק און — אַ וווייטאָק פאַרטייטשט —
מיך בריט יעדעס וואָרט, ווי אַ שמיץ פון אַ בייטש.

**המן:**

אין דיר האָט זיך, זרש, די שנאה צעגליט;
די קנאה צו אסתר לאָזטו אויס צו דעם ליד,
ס'איז אייפערזיכט נישט אַזאַ איידל געפיל!

**זרש:**

איר הערט נישט, מען גייט: זייט פאַרזיכטיק, שטיל.

עטלעכע מיידלעך שוועבן פאַרביי, ווי שאָטנס, זייך סודלענדיק

**המן:**

עס הענגט שוין אין לופטן געשיכטלעכער שטרייט...
אָט שליסט מען די טיר אויף... אַריינגיין באַלד צייט.

**זרש:**

כל-זמן דער ענגלייכטער פינקלט נישט ליכט,
דערלויבט אייער זרש דערפילן איר פליכט,
דאָס מאָל מעגט איר הערן די עצה פון פרוי.
אַ פאָרגעפיל האָב איך, איך ציטער אַזוי —
היינט אָוונט האַלט אין אייער טעמפּעראַמענט,
מאַסקירט אייער צאָרן, און זייט נישט פאַרבלענדט,
גלייכט אויס אייער שטערן, ר'איז צופיל געקאַרבט.
די זויערע מינע — מען מיינט, אַז איר שטאַרבט!

**המן:**

פאַר קלוגער עצה, מיין זרש, אַ דאַנק.
דאָך גיפטיקט דער היינטיקער טאָג, ווי אַ שלאַנג;

אינגאַנצן צעקלעמט, אַנגעגליט מיט פּראָטעסט:
איך האָב צו זיין שטערן דיאָדעם געפּרעסט ...
אַט די האַנט האָט מרדכי׳ן מיט פּורפּור געהילט —
איך זאָל זיך היינט שטילן? וואָס איך האָב געפילט,
ווען שושן־פאָלק האָט מיין רויטלען באַטראַכט,
פאַרחידושט געקוקט, אין זיך שטיל געלאַכט,
נישט איינער אַ מאַך געטאָן האַנט מיט בטול:
„איי, איי, האָט אים מרדכי אָנגעטאָן ס׳היטל״.
פאַרגעסן די חרפּה, אָ, נישט אַזוי שנעל... איך —
ס׳האָט מיך אַזוי גרויזאַם באַליידיקט דער מלך...

**זרש:**

קוקט זיך אַרום

נאָכמאָל אַזוי אורטיילן דעם מלך? למאי?

**המן:**

צו שווער צו פאַרטראָגן אַזאַ טיראַניי.
ער איז מיר פאַר גרויסקייט אַ גרויסער בעל־חוב,
כ׳האָב אים אונטערטעניקט דאָס פאָלק און דעם הויף...

**זרש:**

קוקט זיך אַרום

רעדט שטילער, פּרינץ, דאָך לאָמיר זיך נישט נאַרן,
צווישן זיך גערעדט, די אַלע גרויסע געפאַרן
מיט וועלכע איר נעמט זיך אַזוי מין גוואַלדיק איבער —
מען דאַרף נישט זיין צו זיי קיין הערקולעס־גבור...
קוקט זיך אַרום

און מרדכי קען זיך אויף אייך... טוט ער אייך טראָצן.
און זאָל אייער שלויקייט פאַר וועלט אַרויסשפּראָצן —
פאַר מלך, פאַר ראַט, פאַר געהויבענע שרים —
שטעלט איר זיך די מהומה פאָר? וועלכן שטורעם

די „לינקע", „ראַדיקאַלן" — „כורש־פּאַרטיי," „יידישע אַגענטן" —
פונאַנדערבלאָזן וועלן... דעם אָנשטעל פון צאָרן צעברענטן!
מיין טייערער מאַן, אייך וועט נישט אויספעלן קיין יסורים,
מען וועט אייך אַרומפירן נישט אויף אַ פערד, נייערט
אויף אַ טורעם!

**אַ בת־קול:**

און זיין וועט אַ נייער יום־טוב: — **פּורים!**

**זרש:**

דערשראָקן, קוקט זיך אַרום

מרדכי געקליידט אין פּורפּור, אַנשטאָט צו פאַלן כורעים —
אָט דאָס איז, מיין מאַן, אייער זרש'עס אומרו גורם:
ס'וואָלט, כ'לעבן, זיין אַ געדאַנק פון דעם צו פּראָפּיטירן,
און המן אליין זאָל פון זיין הויכן פּאָסטן רעזיגנירן.
קאַפּריזנע איז דאָס גליק, וואָס גליטשט זיך באַרג אַראָפּ,
מען מוז פאַרלויפן דעם וועג... באַטראַכט מיט קאָפּ —
ווי הויך קענט איר נאָך שטייגן? עס ווערט מיר ביטער
צו זאָגן נביאות... כ'זע אָפּגרונט... כ'ציטער...
ווייל קוים, מיין מאַן, אָנגעהויבן פאַלן פאַר יידן,
איז אייך שוין דאָס פאַלן, מפּלות באַשידן.
קוקט זיך אַרום
מיין דעה: פאַר כיטרען קלעם פון גורל — זייט עוקר,
דערגרייכט דעם העלעפּפאַנט, די געגנט, וואו איר זייט געבאָרן
און מאַכט שלום מיט די יידן... זייט גוט חוקר
ודורש ביי שטערן־זעער — ווי אַזוי דעם גורל צו פאַרמיידן...

**המן:**

וואָס? גיין אויף פּשרות מיט מרדכין?.. ניין!.. סיידן..

**זרש:**

קוקט זיך אַרום
איך בין אויפן ברעג פון ים געבאָרן.
אין שטורעם פון ים, אין זיין שרעקלעכן גרויל... איך
זע נישט אַזויפיל סכנה, ווי אין מלך'ס צאָרן —

הערט: עמיצער איילט מיט שנעלע טריט. זיין קול... איך דערקען... זיין סאָפּען... געדענקט: כעלות השחר, ווערט צוגעגרייט זיין פאַר אייער „וילך” אַ יידישער „מאַכער”...

**הדאשפה:**

לויפט־אָן פון אַ ווינקל פּאַרסאָפּעט

מען ווארט שוין אויף אייך, מיין האר, איך זוך אייך לאַנג אַרום
דער טיש איז געגרייט. מען זיצט ווי שטום.
בלומען, פיש, וויין —
און איר דאַרפט משמח זיין... אייך צו ברענגען האָט מיך
אחשורוש געשיקט

**המן:**

מרדכין אויך מיט דעם חסד באַגליקט?

**הדאשפה:**

צו אסתרס טיש טראָגט איר אָט די מרה־שחורה?
דער שאָטן פון דעם יידן וואַרפט נאָך אַלץ אָן אַ מורא?
פאַרגינט אים דאָס ביסל הנאה פון זיין נצחון.
קען ער דען אויסמיידן דעם גזר — נישט ווערן צעבראָכן?
געסילוקט פאַר געטריישאַפט, באַשטראָפט מען פאַר פאַרברעכן —
פאַר זיין פאַרבלייבן אַ ייד... און יעצט מיין האַר, באַרעכן,
וויפיל צעבליטע גירלאַנדן וועלן דעם קאָפּ באַשיינען?

**זרש:**

קוקט זיך אַרום

און וויפיל אים דערוואַרטן אומגעריכטע פיינען!

**הדאשפה:**

אין געאייל

כ׳הויל תמיד אייך דינען מיט אַלעם, וואָס איך קאָן —
כ׳האָב אונטערגעהערט באַשייד פון געטלעכע חכמים:
אַ פרעמדע האַנט וויל מקריב זיין אסתרן אויפן טראָן,

די מלכה ברענגען פֿאַר אַ קרבן... אַן עולה־תמים!
נון, ווייסט נישט דער מלך, וואו צו געפינען דעם רוצח געזוכטן,
יאָ, סיידן אין יידישן קהל... אין פֿאָלק דעם פֿאַרפלוכטן...

**המן:**

אוודאי, מיין טייערע, זיי זיינען שרעקלעכע פּראים,
בעריאַקעס אָפּצוטאָן געפערלעכע שפּיצלעך די גויים!

**הדאשפּה:**

אַ שרעק אויף אייער פּנים, חלילה, אַ טרער...
אָט, אסתר׳ס פריינדינס דערנענטערן זיך אַהער,
מסתמא, דער יום־טוב זיך אָנהויבן מיט זייער קאָנצערט.
גייט אַריין, נעמט אויף די כיבודים, וואָס איר זייט ווערט!

פֿאָרהאַנג



המן אין צאָרן — וו. טאָמאַס

## בילד זיבן און צוואַנציק

אסתר, אחשורוש, הגי, המן, כאָר

אַן אויפנעמזאַל אין אסתרס פּאַלאַץ. די ווענט און די ווענט אויסטאַ־פּעטירט מיט טעפּיכער, וואָס שטעלן פאָר פאַרשידענע מאָמענטן פון דער פרס־ומדי־געשיכטע. אַנטקעגנאיבער דעם אַריינגאַנג אויף דער פראָנט־וואַנט אַ גרויסער, קאָלירטער גאָבעלין, וואָס שטעלט פאָר אין לעבעדיקע פאַרבן אחשורושעס מלכות־פּאָרטרעט. אין ביידע זייטן פון פּאָרטרעט צוויי גרויסע פּאַלמען, באַהאָנגען מיט פינקלענדיקע קאָלירטע לעמפּעלעך. אַ גרויסער טיש געגרייט שבתדיק. אַ זילבערנע מנורה, פון וועלכער עס פלעמלט אַרויס גאָל־דיק ליכט. אַ גרויסע מלכותדיקע הסף־בעט. איין אָנלענשטול און אַ סאָפע.

**אסתר:**

פאַרן שפּיגל

איך שטיי פאַר דיר, שפּיגל, באַשייד מיר דאָס רעטעניש,<br>
צי מעג כשר אויג נאָך באַטראַכטן דאָס לייב?<br>
עס מורמלען די ליפּן פאַרשעמטע אַ בעטעניש:<br>
— זיי מוחל אומווירדיקן צייט־פאַרטרייב...

איך טו זיך באַוואונדערן, אַליין זיך פאַראַכטנדיק;<br>
דאָס ראָזע געוועב פון אַ מילכלאָזער ברוסט.<br>
איך שטיי פאַר דיר, שפּיגל, אַ קונסט־ווערק באַטראַכטנדיק;<br>
כ'מאַך לוסטיק דעם מלך — און וואו איז מיין לוסט?

און זיין יפת־תואר... און דאָך נישט קיין מאַמע זיין;<br>
פאַר מלך דעם גוף און פאַר מלאך די זעל.<br>
דעם שפּאַרבער — דער חומר!... און לאָז נישט מטמא זיין<br>
אמהות ירושה... דער העכסטער באַפעל!

צוויי העראָלדן זאָגן־אָן אויף פלייטן אחשורושעס אָנקומען. סריסים גייען נאָך אחשורושן, נעמען אָפּ פון אים דעם פורפור־מאַנטל. אסתר גייט אים מלכותדיק אַנטקעגן. צוויי מיידלעך טראָגן אַ בלומענקראַנץ. אסתר דער־נענטערט זיך צום הסף־בעט, וואו אחשורוש צעזעצט זיך בהרחבה. נאָך דער געווינלעכער, צערעמאָניאַלער באַגריסונג זאָגט זי

**אסתר:**

פון שרון געבראַכט די לעבעדיקע רויזן,
דעם קאָפּ פון מיין מעכטיקן לייב צו באַקרויזן,
געפלאָכטן דעם קראַנץ האָבן מיינע פינגער,
ווען ס'האָבן דיין רום געזונגען די זינגער.
דעם קאָפּ, מיין האַר, צען קרוינען ווייניק,
באַוויליקט דעם קראַנץ, ווי אַ סימבאָל, מיין קעניג!

**אחשורוש:**

קושנדיק אירע פינגער

פיין!.. יעדעס בלעטעלע שמעקט און שיינט און לאַכט
ווי דאָס ליכט פון די פינגער, וואָס האָבן דעם קראַנץ געמאַכט.

אסתר, אַראָפּנעמענדיק פון אחשורושעס קאָפּ דעם טורבאַן, וואָס פינקלט ווי אַ קרוין מיט אבנים־טובות, טוט אָן דעם מלך דעם קראַנץ, גלעטנדיק דאַביי די האָר פון זיין קאָפּ. אחשורוש שמייכלט צופרידן, קוקט זיך אַרום, באַמערקט דעם פּאָרטרעט

נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם פיינעם פּאָרטרעט.

**אסתר:**

אַ קליינע מתנה, פאַר איך, מאַיעסטעט.

**אחשורוש:**

אַ דאַנק, קעניגין, זייער גנעדיק.

צו די סריסים

המנס שטול נאָך אַלץ ליידיק?
לויפט שנעל, ברענגט אים, סריסים!

**הגי:**

שטיל צו חרבונה

מען זאָגט היינט תחנון, צי על־הניסים?

אויפן שוועל באַוויזט זיך המן און הדאשפה. אסתר באַגעגנט אים מיט אַ דיפּלאָמאַטישן שמייכל

**אחשורוש:**

צו המנען

געלאָזט אונדז וואַרטן?

**המן:**

אייער מאַיעסטעט, אויף מיין פּאָסטן, דעם האַרטן.
פאַרהאַלטן מיך האָבן פאַרפּלאָנטערטע עסקים.

**אחשורוש:**

נו, געזונג די ראשי־פּרקים...
איך בין דיר, געטרייער, אַלץ מוחל
און לאָמיר געניסן פון אסתרס אַ שמייכל.

**אסתר:**

צורוקנדיק איר שטול נענטער צו אחשורושן, שטעלט צו נענטער צו אים דעם פולמעס פיש, שמייכלט

די קאַרפּן לעבעדיק געבראַכט פון ירדן.
געקאָכט אין מיטגעבראַכטע, בלויע וואַסערן;
געצוקערט און געפעפערט, ווי דער מלך, האָט זיכער, גערן —
לויטן קאָך־בוך פון משה רבינו.

**המן:**

נישט געווען, דוכט זיך, אַזאַ גרויסער מורינו.

**אסתר:**

שלמה המלך'ס לערער...

**אחשורוש:**

עסט, סמאַקעוועט, באַלעקט זיך

זייער, זייער גוט!
איך הויב אָן ווערן זיין פאַרערער.

**המן:**

מיין זרש וואָלט נאָך צוגעטאָן אַביסעלע בלוט,
ס'וואָלט געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם.

**אסתר:**

בלוט? אַ מאכל פון געמיינעם שטאַם...
פון נחות דרגא.

**אחשורוש:**

אָן איינפאַל אַביסל, די מלכה איז נישט קיין קאַרגע.
אַ חידוש דו ווייסט נישט

וואָס אונדזער אמונה הייסט נישט.
זאָראָאַסטרא זאָגט: גענׅיסן בלוט
מאַכט צו רציחה להוט.

**אסתר:**

מען וואָלט דאָס בפירוש, על פי געזעץ, געדאַרפט פאַרביטן.

**אחשורוש:**

אַז מיר וועלן אַ סוף מאַכן צום אויפשטאַנד פון די סקיתה׳ן!
מען דערציילט וועגן זיי, אַז יעדן הונדערטסטן פון
געפאַנגענעם פרעמדן חייל
זיינען זיי מקריב צו זייערע געטער אויף אַ מערדערלעכן אופן:
מען טרינקט זיין בלוט, מען שינדט זיין הויט
נאָך פאַר זיין טויט,
נישקשה, מיר וועלן פאַר זיי נישט קאַרגן קיין פייל.

**המן:**

די ידיעה קומט, דוכט זיך, פון האַראַדאָטן?

**אחשורוש:**

נאָכשפּייען נאָך מיינע מרגלים... פאַרבאָטן!

**אסתר:**

אדוני מלך, זיי וועלן שוין גענייזיקט ווערן,
לעת-עתה די שמחה זיך נישט פאַרשטערן!

**אחשורוש:**

קוקט אָן המנען אומצופרידן, טוט אַ האַסטיקן זופּ פון בעכער־וויין
ווי פיין און ווי שטאַרק!

**אסתר:**

פון הייליקן כרמל-באַרג,
געקעלטערט אין עין-גדי,
שטאַמט נאָך פון זקן מתושלח.

**אחשורוש:**

וואו געוועזן מלך?

**אסתר:**

כמעט אין גן-עדן
און זיינע יאָר, געזאָגט געוואָרן, אויף אונדזביידן.

**אחשורוש:**

גע־ליבט פרויען און געהאַט אריכת ימים
און וואָס זאָגסטו דערצו, המן?

**המן:**

איך מוז נאָכקאָנטראָלירן
זיינע פּאַפּירן.

**אסתר:**

ס'קלינגט ווי אַ חלום און — היסטאָריש וואָר!
געלעבט ניין הונדערט ניין און זעכציק יאָר
און נאָכדעם שיעור נישט לעבעדיק, ווי חנוך, ארויף אין הימל אריין...

**אחשורוש:**

אַזאַ כוח האָט, אסתרקע, דער וויין?
גלעט איר האַנט

**אסתר:**

בפירוש, אין אַלטע ספרים באַשריבן.

**אחשורוש:**

די געטער זאָלן מיר אַזאַ מתנה געבן —
איך זאָל ניין הונדערט ניין און זעכציק יאָר לעבן,
וועל איך ניין הונדערט ניין און זעכציק יאָר דיך, טייערע, ליבן.

בעת זיי עסן און טרינקען, זינגט דער כאָר.

**איינע:**

זינגט

ווי דאָס פאָלק איז איבער־גליקלעך,
ווען דעם קעניג גייט עס שיקלעך!
פון דער גאַנצער וועלט די שרעק,
וויל ער ליבע אָן אַ ברעג.
צו דער ליבע אָן אַ ברעג —
פאָלק און קעניג
אונטערטעניק.



**אחשורוש און המן ביי אסתרס נאַכטמאָל** רעמבראַנד — 1660 (רומיאַנצעוו־מוזעאום מאָסקווע)

**כאָר:**

אין דער גרויסער מליכה —
מנוחה, מנוחה.

**איינע:**

כ'באַוואונדער דעם זיגרייכן מלך,
ווען ס'ליכט פון זיין חכמה פירט צום נצחון.
ווען אונטער די קלוגע און שטרענגע געזעצן,
פאַרווערט ער דעם שטאַרקן צו פאַנגען אין נעצן
דעם שוואַכן — באַפרייט אים פון תקיף'ס יאָכן!

**כאָר:**

דעם שוואַכן באַפרייט ער פון תקיף'ס יאָכן!

**איינע:**

ווענד אָפּ דו, מלך מעכטיקער, ווענד אָפּ דיין אויער
פון שאַלקהאַפטיקע עצות אין לויער.

**כאַר:**

וועגד אַפּ, דו מלך מעכטיקער, וועגד אַפּ דיין אויער
פון שאַלקהאַפּטיקע עצות אין לויער.

**אחשורוש:**

שמייכלט צום כאַר, ווענדעט זיך צו אסתרן

אַ, אייער מינדעסט וואָרט איז געטונקן אין געהיימען חסד:
די נאָבעלע צניעות אין אַלעם וואָס איר טוט
האָט אַזאַ הויכן ווערט, ניט צו דעקן מיט פּורפּור און גאָלד.
וועלכע סביבה גיט אַרוים פון זיך אַזאַ טייערן אוצר?
אונטערן האַרץ פון וועלכער צדיקות זענט איר געבאָרן?
און וועלכע קלוגע האַנט האָט דערצויגן אייער קינדהייט?

הפסקה

יאָ, אַלע אייערע וואונטשן, אסתר, קענען מקוים ווערן,
ווי איך האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט, אַ האַלבע
אימפּעריע פאַרלאַנגט, אסתר טייערע, און זי וועט זיין אייערע!

**אסתר:**

איך קען מיר נישט פאַרגינען אַזעלכע ברייטע פאַרלאַנגען.

פאַלט אויף די קני פאַרן קיסר

כ'דערלויב זיך אייך צו בעטן: נישט צו פאַרשניידן, ווי זאַנגען,
די טרויעריקע טעג פון אַ פאָלק אין אומגליקן;
און אויך די מלכה, וואָס ווענדעט צו אייך יעצט די בליקן;
מיין אָרעם פאָלק און אַלץ, וואָס טוט פון דעם פאָלק שטאַמען,
קינד־און־קייט, אַלט און יונג — מיט אייער קעניגין צוזאַמען —
וויל אַ פאַרדאָרבענע האַנט אומברענגען דורך אייערן אַ גזר.

**אחשורוש:**

אויפשטעלנדיק אסתרן

וואָס? אומברענגען אייך?.. וועלכעס פאָלק? וואָסער סעקרעט?
המן טוט אַ ציטער

**אסתר:**

געהאַט אַ יידישן טאַטן, מאַיעסטעט!
באַוואוסט איז אייך די האַרבקייט פון אייערע שטרענגע באַפעלן.

**המן:**

אָ, געטער!

**אחשורוש:**

צו המנען מיט חוזק

געטער, געטער,
געשיכטע־בלעטער,
אַלטע פּנקסים,
כתוב וחתום.

צו אסתרן

מיט איין שניט טוט איר מיין האַרץ צעטיילן...
זענט איר די טאָכטער, הייסט עס, פון אַ יידן? מיין איך אינגאַנצן,
און אַלץ וואָס איך האָב ליב... אסתר... די אומשולד אַליין —
די טיפע חכימות, וואָס איך האָב געגלויבט, ווי הימל־ריין;
געשעפּט האָט אירע טעג פון אומריינע קוואַלן... אַ יידישער
פלאַנצן,

דו, אומגליקלעכע...

**אסתר:**

איר קענט אָפּוואַרפן מיין בקשה, מאַיעסטעט,
טוט מיט מיר, אָבער, לעצטן גענאַד, איך בעט,
הערט אויס מיינע רייד, לפּחות, אין דער רגע פון געפאַר,
ס'זאָל המן נישט, חוצפּהדיק, שטערן דאָס וואָרט פון צער...

**אחשורוש:**

נו, רעדט...

**אסתר:**

פּאַרטיליק, גאָט, די חוצפּה, וואָס האַלט זיך אָנגעבלאָזן!

הפסקה

אדוני מלך!

די יידן, וואָס מען וויל זיי אָטעמען נישט לאָזן —
וואָס איר דענקט, אַז זיי זיינען דער אָפּפאַל פון מענטשן־מין —
ווען זיי טוען גאָטס ווילן, זיינען זיי זיינע זין!

אוודאי, מיר זיינען פון שונאים דערנידריקט און שפל;
אָ, וואָלטן נישט די אבות גאָטס דרכים געמאַכט פאַר אַ תפל!
זיי האָבן געהאַט אַ היימלאַנד אַ רייכס, בירגער פרייע —
בעת זיי האָבן געטאָן דעם רצון פון הויה:
דער אייביקער איז זיין נאָמען, די וועלט — זיין שאַפן.

ער פאַרנעמט דאָס זיפצן פון באַליידיקטע שקלאַפן;
ער משפּט אַלע על־פּי גלייכע חוקים. פון די הייליקע הייכן
פון זיין טראָן מאַכט ער די אומגערעכטע מלכים פאַרבלייכן...
דער חורבן און צעפאַל פון די מעכטיקסטע שטאָטן,
נישט מער ווי אַ שטראָף פון זיין רצון פאַר אומווירדיקע טאָטן...
און ער האָט אונדז געשטראָפט — האָט נבוכדנאצר אונדז צעבראָכן,
און אשור האָט אונדז פאַרקנעכטיקט... חורבן און פרעמדע יאָכן —

אסתר זיפצט טיף

און, אל קנא ונוקם, אונדזערע מושלים צו באַשטראָפן
פאַר זייער לוסט אונטערצודריקן און צו פאַרקנעכטן,
האָט צו זיין רצון אויסגעקליבן דעם מאַן, דעם רעכטן.

ער האָט כורשן גערופן אין זיין טאַטנס זאַמען,
און אונטער זיין מוטערס האַרץ — געגעבן אַ נאָמען;
נאָך איידער ער האָט דעם טאָג דערזען — אים אויסדערוויילט,
געלאָזט אַרויסוואַקסן צו פּערסיע אַ העלד —

**אחשורוש:**

באַ, כורש... פּרס אויף אייגענע פיס געשטעלט.
פאַרוואַנדלט אין אנשי־חייל אַ ראַסע־קנעכט,

געפירט צום נצחון אין גרעסטן וועלט-געפעכט.
צעשמעטערט אין מאַרש פון איין נאַכט
בלשאצרס אַל-וועלטלעכע מאַכט.

איך מעסט כורשעס נצחון לויט בבלס היינטיקער העזה:
יאַ, אויפגעבויט געהיים אַ פעסטונג אונטער דיין נאַז... ע?
חדשים לאַנג, ווי איר בויעט אַרום דער פעסטונג שאַנצן,
און בחינם. מיין שווערד מוז נאָך איבער בבלס קאָפּ גלאַנצן.

**אסתר:**

מיט ליכטיקע פינגער צום הימל

ער האָט אים באַשאָנקען מיט זיינע דונערן און בליצן,
ער האָט פאַר אים צעבראָכן גרעניצן און קופּערנע טירן,
די שטאָלצע מלכים פאַרבלענדט — נישט צו וועלן זיך שיצן;
געמאַכט צו כורש'עס רויב — פון מקדש די צעשטערער,
כופלים באַצאָלט פאַר זינד — און כורש דער שטרענגער לערער!

און כורש דער זיגער האָט גאָטס דעקרעט געלאָזט וויסן:
געגעבן די יידן דאָס רעכט פון יידישן רעכט צו געניסן —
צו שטאַרקן און טרייסטן דאָס פאָלק פון אבלים —
צוריקגעבן דעם מקדש טייל הייליקע כלים.

און, ליידער, קאַמביז, דער מטורפער זון פון כורש דעם חכם,
פאַרלאָזט האָט דעם פאָטערס געהויבענע דרכים:
צעשטערט האָט דעם פאָטערס באַפעל אין די הייליקע ענינים;
דאָרט שטייען וואַרטנדיקע, נישט דערבויטע בנינים —

**המן:**

אַ פאַרלייגענער „ענין". בטל מכמה שנים.

**אחשורוש:**

פּויקט מיט די פינגער אין טיש. וויל זיך אָן עפּעס דערמאָנען

קאַמביז... קאַמביז... קאַמביז...
באַצווינגען מצרים — דער ריז.

פאַר העלדישקייטן האָט נאָר דער פאַרשטאַנד,
ווער ס׳האָט אַליין, מיט אייגענער האַנט
געפירט און באַגראָבן אין שטורמישן זאַנד,
אין וויסטעניי — אַ ריזן-אַרמיי...
אַרום אים הילכט איר לעצט געשריי...

**המן:**

דער זיג מאַכט פאַרגעסן די גרוילן פון וועג.
דער עיקר, מיין מלך, איז דאָך דער צוועק.

**אחשורוש:**

דו ביסט מיר היינט, המן, אַ שוואַכער סטראַטעג:
נצחון אַליין, דאָס פירט נישט צום צוועק.
קאַמביז האָט געירשנט די קרוין און דאָס גדלות פון פרעה׳ן
און דאָך צום רעגירן געוועזן צו ווייניק דערפאַרן.
מען פירט נישט מיט רישעות אַ וועלט...
אָ, ניין, מיינע האַרן!

**אסתר:**

אדוני מלך,
די כשדים זיינען נאָך עד-היום מחלל
די הייליקע קונסט-ווערק פון חירם און בצלאל,
דעם גאָלדענעם שולחן, מזבח צעשטראַלטן,
וואָס, אין היפוך צום כורש-דעקרעט, זיי האַלטן
אין זייער טעמפּל צום בעל-געטש, דעם ריזיקן גאָלד-גולם,
די טריפהנע קרבנות צו שעכטן...

**המן:**

זאָל די מלכה נישט נעמען אַלץ צום שלעכטן,
מען קען נישט גיין קעגן ווילן פון אומוויסנדיקן עולם,
וואָס ליבט פאַר גאָלדענע אָפּגעטער באַקשישן צו שפּענדן...
דאָס האָט כורש אויך ניט געקענט פאַרווערן!

**אסתר:**

וואָס? דעם אומוויסנדיקן עולם די אויגן פאַרבלענדן
און אונזערע הייליקטימער אייביק שענדן,
מיין פאָלק זאָל אייביק בחנם בלוטיקן און טרערן?

אחשורוש:

איך באַפעל צום אָנדענק פון זיין גרויסער נשמה צו בויען
אַן אוהל־פּאַליי

און אייביק זאָל פלאַמען איבער כורשעס קבר אַ פייער־מזבח,
אַ נר־תמיד, וואָס זאָל פאַרבינדן די פעלקער און שטאַמען
פון דער גרויסער פרס־מדינה — אין איין אייניקייט:
זיינע גרויסע מעשים זאָלן דאָרט זיין אין פעלדזן אויסגעקריצט,
געציקלט מיט די הענט פון די גרעסטע שטיין־קריצער —
בילדער פון זיינע סכנותדיקע מאַרשן און נצחונ'דיקע
פייער־טעג צו די געטער.

המן:

דאָס וועט די כשדים, סקיתה'ן און גרעקן נאָך גרימיקער ברענען...

אחשורוש:

די מורדים האָבן גענוג באַוויזן וואָס זיי קענען;
אַ צווייט מאָל וועלן זיי שוין סאַרדים נישט פאַרברענען...
איך האָב די גרויזאַמקייטן געדולדיקט יאָרן ושנים,
דו ווייסט: מיין נקמה־אַרמיי איז גרייט זיי צו באַגעגענען
פּנים אל פּנים.

קוקט אָן המנען מיט דורכדרינגנדיקע בליקן

און דו, המן, וואָס שטעלסט זיך אַזוי פאַר מיינע שונאים איין?
אַ מרה־שחורה'דיק פּנים, פאַרסמט די שיין...

המן:

איך באַטראַכט, מאַיעסטעט, ווי אַזוי דעם כורש־אוהל צו בויען
און וועמען די בוי־אַרבעט אָנצופאַרטרויען...

אחשורוש:

קודם פאַרצייכן מיין באַפעל: כורשן אַ פייער־טעמפּל צו שטעלן,
און נאָכדעם, ווי דעם אַל־ליכטיקן וועט געפעלן...
און איך זאָל פון דיר, המן, מער — אָן מיין רשות —
קיין וואָרט נישט הערן!

צו אסתרן מיט אַ שמייכל

נו, רעד, טייערע, רעד —
גיב אויס דאָס איידל האַרץ פאַר דיין מאַיעסטעט.

**אסתר:**

און אין טעג פון נסיון, דעם האַרטן,
פון אייער מילדקייט האָבן מיר געגלויבט אַ סך צו דערוואַרטן:
יידן האָבן אומעטום אייער מלכות באַגעגנט מיט פרייד-געשרייען.
אָ, הימלען, ביי אַזאַ איידעלן מלך זאָל אַזאַ אומרעכט געשעען!

הפסקה

אדוני מלך, דער געלד-גייציקער, פלאַכער געדאַנק
וויל בינדן דעם גורל פון פעלקער
מיט אויבערפלעכלעכן זילבער-געבלאַנק!

ער צאָלט פאַר מיין פאָלק צען טויזנט זילבער טאַלאַנטן,
פאַר אַ פליכטלינג, אַ „גרינעם", אַן אומבאַקאַנטן —
מאַיעסטעט!
אַ פאַרדעכטיקער ביוזשעט!
און וואו האָט ער גענומען אַזאַ ריזיקע סומע?
באַקשישן אויסגעפּרעסט פון מיין אומגליקלעכער אומה
פאַרן רעכט צו העלפן דעם מלך טראָגן דער מענטשהייט
די העכסטע סימבאָלן,
פאַר דעם איידעלן רעכט שוחד צו צאָלן?

אין די טיפענישן פון טראַסיע, אַ באַרבאַר געבאָרן;
געקומען קיין פּערסיע — זיך צעקלינגען מיט שפּאָרן —
אונטערצוצינדן צווישן די פאַראייניקטע פעלקער פעכיקע פייערן;
אַ מיניסטער — אַ שונא פון גרויסן רום, פון אייערן.

**המן:**

פון אייער רום, איך? הימל! ווי קענט איר דאָס גלויבן?
איך, וועלכער האָב קיין אַנדער פאָלק, קיין אַנדערע געטער?
איך, דער איבערגעגעבנסטער דינער פון טראָן... אַ פאַררעטער?

**אחשורוש:**

שוויג! האָסט אַ העזה צו רעדן אָן מיין דערלויבן?

**אסתר:**

יאָ, אונדזער גרויזאַמער שונא האָט זיך אַליין אַרויסגעגעבן.
דאָס איז ער, דער מיניסטער, דער באַרבאַר אומגעטרייער,
אין נישטיקן פליים אייך מיט פאַלשקייטן אַרומצואוועבן,
באַרכילותט ער אונדזער אומשולד... דער גואל, דער באַפרייער!
און נישט קיין אַנדערער ווי ער, אַן אומברחמנות׳דיקער סקיתה,
האָט געהאַט די העזה אייך צו דיקטירן דעם שרעקלעכן „דת"
קעגן ייִד.

אין גאַנצן לאַנד צו דער זעלבער צייט געגעבן דעמזעלבן סיגנאַל,
צו פלעפן אונדזער פאָלק אומעטום מיט רוצחישן איבערפאַל,
פאַרחידושן די וועלט מיט אכזריותדיקן איבערמוט,
און איינצוטינקען אייערע הענט, מאַיעסטעט, אין אומשולדיק
בלוט!

הפסקה

יאָ, „אויסראָטן, מאָרדן, אומברענגען" — אין דעם האָט
אַ באַגריף ער —
פאַרשטייט אָבער דער „מיניסטער" דאָס לשון פון
רוּאיקע ציפער?

ער שילדערט די ביוודשעטן מיט קאָלירן ראָזע;
די פאַרביקע געפלען צערינען, פאַרוואָלקנט אונדז די פּראָזע:
פון אַלע הונדערט-און-זיבן-און-צוואַנציק מדינות פליסט אַריין
אין מלוכה-אוצר, גערעכנט אין זילבער-ווערט: פערצן טויזנט
פינף הונדערט זעכציק זילבער-טאַלאַנטן. די רייכסטע פון אייערע
סאַטראַפּיעס: מצרים און אירע גרעניץ-פעלקער ברענגען אַריין
נישט מער, ווי זיבן-הונדערט טאַלאַנטן אין זילבער; בבל, אשור
און אַלע אַנדערע לענדערלעך פון אַרום, ברענגען אַריין נישט
מער, ווי טויזנט טאַלאַנטן. דער גרעסטער, רייכסטער פּערל
אין פּרס-קרוין, די הודו-סאַטראַפּיע (אינדיע): דאָס גאָלד-
שטויב, וואָס זי שטעלט אייך צו, אַז מען זאָל רעכענען דאָס גאָלד-
ווערט פערצן מאָל מער, ווי זילבער, באַטרעפט עס פיר-טויזנט
זעקס הונדערט און אַכציק זילבער-טאַלאַנטן. מיין פאָלק, וואָס

איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן די אַלע פעלקער און מלוכות, טראָגט די גרעסטע שטייער־לאַסטן אין יעדער מלוכה באַזונדער. המן שאַצט די הכנסה פון דעם פאָלק אין צען טויזנט זילבער־טאַלאַנטן. מיין פאָלק, הייסט עס, טראָגט דעם גרעסטן עול פון ביודזשעט פון אַלע הונדערט־און־זיבן־און־צוואַנציק מלוכות; געגליכן צו אַ הון, וואָס לייגט גאָלדענע אייער. עצה'ט דער „מיניסטער": די הון שעכטן און די גאָלדענע אייער וועט ער אַליין לייגן. כ'גלויב קוים דאָס גאָלד זאָל זיך אַריינקייקלען אין אייער שאַצקאַמער, מאַיעסטעט!

**המן:**

צו אחשורושן, שטיל

די מלכה פאַרחידושט מיט איר הומאָר און וויסן.

**אחשורוש:**

נאָך שטילער, נישט צו שטערן אסתרן

אוודאי, נאָר צו באַגריסן.

**אסתר:**

אדוני מלך, די פּרס־ארמיי ווערט ס'רוב געגערט אַ דאַנק דעם אונטערנעמונגס־גייסט פון יידישע אינטענדאַנטן. אויסראָטנדיק מיין פאָלק, גראָבט דער „מיניסטער" אונטער דעם כוח פון פּרס־אַרמיי. די יונים, די מצרים, די סקיתה'ן און די באַבילאָנער וועלן זיך דערפון דערוויסן —
זייער געווער וועט, ווי פון זיך אַליין, אָנהויבן שיסן!

און וואָלט מען אונדז פאַרקויפט צו זיין קנעכט און דינסטן, וואָלט איך, אפשר, געשוויגן, געטראַכט: אַ ריוח
דעם מלך צום גינסטן!
דאָך „אויסראָטן, מאָרדן, אומברענגען" — מעג המן זיין
דערויף אַ בריה —
דאָס שטעלט אין סכנה די הויכע מאָראַל־און ווירטשאַפט
פון אונדזער אימפּעריע:



אסתר: דאָס איז ער, דער מיניסטער...

פון ג. דאָרע

דער פויער ברענגט נישט מער קיין שושן, ווייץ און אָפּיום
צו פאַרקויפן
ער קומט אין שטאָט אַריין צו שענדן, רויבן און זויפן...
דעם בעסטן בעל־מלאכה ציטערן די הענט;
מען האָט מיר מיינע צירונגען און קליידער ניט
פאַרפערטיקן געקענט;
אויף היינטיקן ניי־יאַר־באַל קען איך נישט דערשיינען
אין מיין גאַנצער מלכות־פּראַכט;
דאָס האָט דעם משנה־למלך׳ס „דת" געמאַכט!

**המן:**

מיט חוזק

שיין, קלוג, רעדט מיט טאַלאַנט,
קען האַלטן אַן עולם געשפּאַנט,
אין העכסטן ראַט...

**אחשורוש:**

און אפילו אין סענאַט...
און מיר פאַרגינסטו נישט אזא גענוס?

טוט אַ זעץ מיט אַ פויסט אין טיש

פאַרבאָטן צו ריידן אָן מיין רשות!

צו אסתרן

נו, רעד, טייערע, רעד:
גיס אויס דאָס אײדל האַרץ פאַר דיין מאַיעסטעט!

**אסתר:**

אדוני מלך! איך האָב געלייענט און געשטוינט:
די ליכטיקע האַנט, וואָס האָט מיין קאָפּ באַקרוינט,
זאָל זיין מיט מיין אומשולדיק בלוט באַשמוצט?
און וועמען וואָלט דאָס בלוט גענוצט?

המן שפּרינגט אויף, וויל עפּעס זאָגן, פאַרבייסט די ליפּן, זעצט זיך צוריק

און מיין פאָלק בעט ביי גאָט ער זאָל אייך שיצן —
דאָס איז בלי ספק, מיין האַר, אַז מיט זיינע דונערן און בליצן

האָט איר דאָס ספּרתה-לאַנד, און דאָס כוש-לאַנד איינגענומען;
פאַרשוועוערונג פון בגתן און תרש מיט יידישע אויגן אַנטדעקט;
אייער ברוסט וואָלט שוין לאַנג געווען געלעכערט — אָן זכר
אָפּגעמעקט!
דער דאָזיקער ייד האָט מיך, אַ יתומה, פאַר אַ טאָכטער
אַדאָפּטירט!
און אָפּגעהיט ווי אַ קדיש, מיט זיך אַרומגעפירט...

**אחשורוש:**

מרדכי?

**אסתר:**

פון אונדזער משפּחה אין חורבן דער איינציקער געבליבן.
מיין פאָטערס אַ ברודער. יחוס אין פאַרמעט פאַרשריבן.
האָט מרדכי נישט געוואָלט פאַר המנען זיך בוקן,
די נישטיקע גאווה אין פּרצוף קוקן.

מיט טרערן אין די אויגן

נאָך אַ פּאָר מינוט — און איך וועל מוזן רייסן קריעה —
עס שטייט שוין אויפן קאַמביזע-פּלאַץ אַ הויכע תליה...
אָט דער „מיניסטער" האָט פאַר מרדכין די תליה געבויט —
יאָ? מסכים, אייער מאַיעסטעט, אויף מרדכים חרפּה-טויט?

**אחשורוש**

זיך ווישנדיק טראָפּנס שוייס פון פּנים

אַ העלקייט, וואָס שטעלט די האָר פון קאָפּ קאַפּויער!
לאָזט איין רגע אָפּעטעמען, רופט מרדכין, דעם קרבן, פון טויער.

פאַרלאָזט דעם זאַל

**המן:**

איך בין, קעניגין, באמת, פאַרהילכט און געפּלעפט!
די שונאי-ישראל האָבן מיך פאַראַטן, גענאַרט!
פון טיפסטן האַרצן בין איך גערירט און באַצערט.
איך האָב נישט קיין האַנט אין דעם מיאוסן געשעפט.

געוואַלט אומברענגען זיי, דאָך כסדר געדאַכט,
ווי איך צו באַשיצן. ביי אַרמוזעס העכסטער מאַכט,
איך שווער, עס וועט אייך קיין האָר נישט ווערן געקרימט.
להיפּוך, איר זענט אין גאַנצן פאָלק זייער גערימט.

פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איך וויים וואו איין און וואו אוים.
לייכט צו שרייבן אַ דעקרעט... דאָך ווי פירט מען אים אוים?
ניין!... וויניק צו האָבן דעם מלך׳ס צוטרוי און גונסט.
מקיים זיין — דאָס איז די העכסטע קונסט!
פאַרלאַנגט, מלכה, וועמענס בלוט?

**אסתר:**

גיי, דו מורד, לאָז מיך צורו!
די יידן דערוואַרטן גאָרנישט פון אַזאַ רשע, ווי דו!

**המן:**

יאָ, איך בין מודה, אייער גאָט... ניין, ניין, מיך עקלט ער,
די גאַנצע נשמה אין מענטשן צעברעקלט ער —
געמאַכט פון מיר וואָס? מיין שטאָלץ צעבראָכן,
איך וואָלט יעצט פאַר אים ווי אַ וואָרעם אין שטויב געקראָכן —

פאַלט צו אסתרס טריט

אין נאָמען פון ישראלס גאולה, אין נאָמען פון די טריט, וואָס
איך קוש,
אין נאָמען פון דעם זקנס חכמה און פון דעם פאָלקס האַנאָרן,
דערלויבט מיר צו שטילן דעם מלך׳ס שרעקלעכן צאָרן,
זייט מציל המנען, וואָס ציטערט מיט יעדן חוש
פאַר אייערע הייליקע קני.

**אסתר:**

שטייט אויף! בחנם די מי.

פאָרהאַנג

## בילד אַכט און צוואַנציק

**אחשורוש:**

אין גאָרטן אַליין

אוף, אַזאַ שטיקנדיקע לופט. ס׳פינקלען קוים די שטערן.
אין פּאַלמען, אין ציפּרעסן קיין פּיפּס נישט צו הערן.
עס שווייגן אפילו, די אייביקע אָוונט-מילעכלעך, די גרילן.
אַ שטיקנדיקע שטילקייט! אַ ווינטל פון ים זאָל קילן,
געיאָמער פון פּאַליעס צעשוימט זאָל אַן פעלדזן זיך שלאָגן,
צי עכאָ פון קעמל-געוויין, שאַקאַלס הונגעריק-קלאָגן,
צי שטאָלענער גלאַנץ, ווי שווערדן געפּעכט, פון ים צעברויזטן
זאָל זיך רייסן צו דער מאַרמאָרנער טעראַסע;
די סטיכיע זאָל אַן אָטעם טאָן — צעשטורעמען אַ פּאַליעדיקע
מורדים-מאַסע...

אַ שטיקנדיקע שטילקייט! דער שלאָף קריכט אַראָפּ פון די
פעלדזן,
לעשט פלעמלעך אין פענצטער... דעקט איבער מיט לאַנגע
ברעמען די פּרס-מדינה,
שלעפט-איין חמסיניקע זאַמדן, שנייאיקע הייכן, טאָלן גרינע;
פאַרהילט הונדערט און זיבן-און-צוואַנציק לענדער אין דער
פאַן פון איין מלוכה —
בלויז מיר, דעם מלך זייערן, ברענגט ער נישט קיין מנוחה...

אַזאַ מין שטיקנדיקע פּרעמדקייט אין גאַנצן אַרום,
אַליין, איר וואונדערלעכער שמייכל פאַרבינדט מיטן יקום
און אירע טרערן און איר גערעכטער צאָרן...
אה, סאַראַ שטראָף! אַ משנה-למלך, אַן אינטריגאַנט;
נישט דערוואַקסן צו זיין מיין רעכטע האַנט,
ניין, נישט צום מיניסטאָרן-ראַנג געבאָרן.
שאַ... שטיל... אַ הילף-רוף אין מיטן דערינען...

לויפט צום זאָל

## בילד אַכט און צוואַנציק ב.

זאַל און דעקאָראַציע פון בילד זיבן און צוואַנציק

המן אין האַלב־משוגעת וואַרפט זיך צו דער נידעריקער סאָפע, כאַ־פענדיק אסתרן פאַרן האַנט, ציענדיק איר צו זיך. אסתר רופט צו הילף. עס לויפן־אַן: אחשורוש, די וואַכן, דער כאָר.

**אסתר:**

דער גרויסער „מיניסטער״!... קוקט אים אָן, דעם גיבור,
געוואָרפן זיך אויף מיר אין זיין תאווה־פיבער,
אָט, דאָ, אויף אונדזער סאָפע, מיך געוואָלט באַצווינגען,
דער המן, נידערטרעכטיקער...

**אחשורוש:**

געפּלעפט, אויפן שוועל

אַ מיניסטער איז פּלוצלינג אַראָפּ פון זינען!
וואָס? מנובל! אומפאַרשעמט!
דערוועגסט זיך אויף מלכה צו הויבן אומווירדיקע הענט?
איך לייען די אומריינסטע געדאַנקען אין דעם שרצים־אויג.
דער אומרו, די שרעק אין זיין יעדן ריר און בויג
דעם אמת, מלכה, פון אייערע רייד באַשטעטיקט.

איך בין מיט זיינע פאַרדאָרבענע דרכים שוין איבערגעזעטיקט.
תיכף אַרויסרייסן די פאַרשאָלטענע נשמה פון דעם פרא־אדם,
אויף תליה הענגען נישט מרדכין, גראָד אים!
מכפּר זיין מיט זיין טויט אויף אַלע אונדזערע חטאים —
ביי ערד און הימל... נישטאָ אין מיינע שטאָטן — יידן — גוים!
און לאָזן אַלע ערלעכע לייט פון המנען שפּעטן
און אַלע נקמה־דורשטיקע — מיט זיין טויט זיך זעטן.

די וואַכן דעקן איבער ס׳פּנים המנ׳ען און פירן אים אַרויס

פאָרהאַנג

## בילד נײַן און צוואַנציק

מרדכי מיט זיך. חרבונה

מרדכי׳ס צימער. איבער די שאָטנדיקע ווענט טאַנצט דאָ און דאָרט א שוואַכער אָפּשײַן פון אַ בוימאייל־לעמפּל. עס פליסט מיט גילדענער שײַן אויף אַן אָפענעם ספר, וואָס מרדכי האָט באַגינען פאַרגעסן צוריק צו פאַר־וויקלען. די טונקעלע, אונטיק־אַראָפּגעלאָזטע, שאָטן־שטאַרן וואַרפן אַן אַן אומעט. די בילדער פון מזרח־וואַנט — פאַרוואַקסן מיט שאָטן, מטושטש.

צווישן די צעוואָרפענע טעפּיכער און קישעלעך, אין פאַרשאָטנטן ווינקל, די קעפּיע און אַנדערע קליינקייטן, געבליבן פון אסתרן. באַזײַט מרדכי׳ס פּורפּור־מאַנטל, געבראַכט פון דער מלכות נסיעה. מרדכי שטייט מיטן פּנים צום מזרח, לייענט קריעת־שמע.

**מרדכי:**

יושב בסתר עליון...
דער, וואָס זיצט אין פאַרבאָרגעניש פון אל־העכסטן,
אין שאָטן פון אַלמעכטיקן טוט ער זיך טוליען.
ער זאָגט צו גאָט: ביסט מיין פּליטים־היים און מיין פעסטונג;
מיין גאָט, אויף וועלכן איך טו זיך פאַרלאָזן.
ער וועט דיך מציל זיין פון דער נעץ, וואָס איז פאַרשפּרייט,
ווי פאַר אַ פייגל־פאַנג, און פון דער פאַרוויסטנדיקער פעסט.
מיט זיינע פעדערן וועט ער דיך אָרומדעקן,
און אונטער זיינע פליגל וועסטו זיין באַשיצט.

אַן איר זיינען די שאָטנס פון די ווענט
פול מיט נאָגנדיקן אומעט, וואָס ליידיקט אוים דאָס האַרץ
און פייניקט די זעל. דו האָסט אָפּגענומען פון מיין שטוב
איר אָטעם, פון די אָרעמע ווענט — איר שמייכל,
געלאָזן זיי שטומע עכאָס פון בענקעניש
און זכרונות פון אַלטע פיינען.
פאַרחלש׳ט זיינען די פאַרטריקנטע ליישן פון די ספרים.
דאָס ליכט פון די אותיות פאַרלאָשן, זייערע געזאַנגען
פאַרשטומט.

זיי זיינען געגליכן צו די פיין-קניטשן אין חומר,
צו די דאגה-קאַרבן פון זקנה, וואָס שרימפּן איין מיין פּנים.
דו, אין די פאַרבאַרגענישן, איבער אַלעם דערהויבן,
נעם אונדז אַרונטער אונטער דיינע פליגל,
באַהעפט אונדז מיט דער אויסגעשטערנטקייט פון דיינע נעכט,
ברענג צוריק איר האַרציקייט אין מיין וואוינונג,
איר צעזוניקטן אויפשיין אין די באַגינענס...

מאַכט אַ פּאָר טריט, באַמערקט דאָס אָפענע ספר, וואָס שטראַלט מיט אַ גאָלד־ליכט שריפט.

אָ, ער, ממוכן! די פליגל פון נסתר אַריבער זיין שריפט,
די שיין פון פאַרגאַנגענעם נס אויף זיין געדאַנק.

לאָזט זיך אַראָפּ צום טיש, נעמט דעם ספר

סאַראַ וואונדערלעכע תפילה!
אנא, אדני, האל הגדול והנורא, שומר הברית והחסד
לאוהביו ולשומרי מצותיו: חטאנו ועוינו והרשענו ומרדנו...
איי, איי, די ווידערשפּעניקער, די זינדיקע מורדים,
ווארטן פון דיר נסים, גרויסער, פּאַרכטיקער,
אַלמעכטיקער פּאָטער!

האָט אַ רגע עלית־נשמה. ס'באַווייזט זיך לאה

**לאה:**

אָנקל מרדכי, פון אסתרן אַ גרוס.
מיטן מלך'ס רשות
געשיקט אייך שבתדיקע פיש.
כ'וועל אָפּרוימען פון טיש
שבת מאַכן.
מיר וועלן אַלע צוזאַמען פון המנען לאַכן.

ס'באַוויזן זיך המן, בגתן און תרש מיט בלאַנקע שווערדן

**המן:**

מרדכי, מורד פון מורדים פאָלק! קום, די תליה איז גרייט!
דער תליון וואַרט! די המונים זיינען להוט צום צווייטן טייל
פון ספּעקטאַקל...

**מרדכי:**

באַלד, באַלד! לאָז אָנציען דעם קיטל,
לאָז נעמען אויף זיך דעם הייליקן טלית,
כ׳וויל קומען פאַרן אַל-פּאַרכטיקן אין הייליקן לבוש.

**המן:**

דו, מורד פון מורדים פאַלק! געגוג מיט ציצית...
שנעל — דעם פּורפּור-מאַנטל!

מרדכי וויל זיך רירן פון אָרט און קען ניט. וויל שרייען און קען נישט. ס׳צעפּנט זיך די טיר, ס׳באַוויזן זיך די דריי אָפּיצירן — אויסגעדרייטע מיילער, שיקלדיקע אויגן... מרדכי טוט אַ געשריי מיט אַ פאַרשטומט קול. המן, בגתן און תרש, צעשראָקענע, וואַרפן אַוועק די שווערדן און אַנטלויפן... די אָפּיצירן נעמען אַראָפּ די מאַסקעס. זייערע פּנימער צעשיינען זיך מיטן ליכט פון ממוכנ׳ס פּנים. מרדכי דערוואַכט און הייבט ווידער אָן.

**מרדכי:**

כי מלאכיו יצוה לך...
זיינע מלאכים וועט ער וועגן דיר געביטן,
אויף אַלע דיינע וועגן זאָלן זיי דיך היטן!

אויפן שוועל באַוויזט זיך חרבונה

**חרבונה:**

שר מרדכי, דער מלך לאָזט אייך רופן.

**מרדכי:**

המן טוט נאָך אַלץ פון זיך דופן?

**חרבונה:**

כ׳וואָלט נישט וועלן קיין שלעכטע בשורות ברענגען.
דעם מלך׳ס באַפעל: אייך רופן, המנען הענגען.

חרבונה העלפט מרדכין זיך אָנטאָן.

פאָרהאַנג

## בילד דרייסיק

אחשורוש און אסתר אויפן טראָן. מרדכי פאַרנויגט זיך. אחשורוש דערלאַנגט מרדכי׳ן דעם סצעפּטער און זאָגט:

**אחשורוש:**

דו, שטערבלעכער, פון די הימלען געצערטלטער, מיין גרוס און מיין דאַנק.

אויף אַלע אייערע עגמת-נפשן טוט מיר זייער באַנג —
דיין מלך איז מער נישט אַנגעגליט פון רשעותדיקן רייצן,
ס׳וועט קיינער זיך מער נישט דערוועגן אים קעגן יידן אונטערצוהייצן.
די אויגן מיינע זיינען אָפּגעבלענדט. מורדים דעמאַסקירט.
דיר געהערן די מעדאַלן, וואָס האָבן זיין ברוסט באַצירט!
לאָז גלאַנצן נעבן מיר דיין ערלעכקייט, פליים און געדאַנק.
איך שענק דיר המנס אוצרות און דעם הויכן ראַנג,
וואָס ער האָט דערוואָרבן אויף אומרעכטן אופן...
און אַלע זיינע פּאַלאַצן, נחלאות, מעגסטו פאַרקויפן,
מיט דעם עשירות אויפריכטן דעם מקדש נישט-דערבויטן;
פון היינט אָן באַפריי איך אייך פון אַלע אַלטע נויטן —
איך רייס אַראָפּ פון אייך דעם אַלטן אָבל-יאָך,
איך רייס אַראָפּ פון אייך דעם אַלטן בבל-יאָך —
כ׳גיב-איבער דאָס בלוט פון אייערע שונאים אין אייער רשות.

איר קענט ווידער בויען דאָס יידישע לאַנד — און נישט על-פּי-מוז.
פאַרבלייבט אייך אין פּערסיענס פּאַראייניקטע שטאַטן אויף אייביקע יאָר,
דעמזועלבן פּערסישן כבוד, דעמזועלבן פּערסישן פליכט פון דור צו דור.
און נעמט נקמה — און זייט זיך משמח — נקמה איז נישט קיין חטא,
דאָך ציטערן מוזן אַלע פאַרן נאָמען פון גאָט, צו וועלכן אסתר בעט.

גיט-איבער בירושה אויף קינדס-קינדער צו פייערן מיט פּראַד
דעם טאָג פון טריאומף... שרייבט אַריין אין געשיכטע אַ ניי
בלאַט!
אין דער מגילה מיין נאָמען דערמאָנען, צו לייענען ריכטיק און
וואָר,
פאַראייניקט מיין נאָמען מיט פּורים און שמחה דעם דרייצנטן טאָג
פון חודש אָדר.

הפסקה. נעמט אַ בעכער און טרינקט. חרבונה באַווייזט זיך אויפן שוועל

**אחשורוש:**

וואָס וויל חרבונה?

**חרבונה:**

מאַיעסטעט, קראַפּירט — דער פאַררעטער,
געקניט פאַר די וואַכן, ביי זיי רחמנות בעט ער,
באַקשישן גיט ער, זיי זאָלן עוקר זיין דערלויבן —
אויף „מאַכערס" פרעגט ער... און ווער זאָל דאָס גלויבן?
אַ מיניסטער? אַ פאַלשער שלאַק, אַ געמיינער!
דאָס אויפגעבראַכט פאַלק צעברעקלט אים די ביינער,
געלינטשט אים כמעט אויף דער העלפט...

**אחשורוש:**

נו, מילא.

**חרבונה:**

די אויגן אַרויסגעשטאַרצט, אַ קרעכצנדיקע נבלה,
דאָס אויסצוהאַלטן מוז ער זיין שטאַרקער פון אייזן,
צי זאָל מען צו די פרס-פעלקער המן אויף דער תליה
באַווייזן?

**אחשורוש:**

איך האָב גאַרנישט געגן די געטערס ווילן,
בפני כל עם ועדה פאַררעטער אַנטהילן.

**מרדכי:**

אדוני-מלך, אַ דאַנק פאַר אייער גוטסקייט און ברכה,
דער הימל זאָל אייביק האַלטן איבער אייך זיין השגחה,

די יידן זענען נאָך אין סכנות-נפשות... מען מוז וואָס שנעלער פאַריכטן דעם טעות, יענעם שאַלקהאַפטיקן פעלער..

**אחשורוש:**

יאָ, איך פאַרשטיי, איך באַשטיי — געבן פאַרקערטן דעקרעט, אויסמיידן באַפעל פון שחיטה אָן חטא...

אייל די שרייבער שנעל צו שרייבן —
פרישן טינט-און-פעדער — טייל.
לויפער — לויפן. רייטער טרייבן
פערד און קעמל... מיין באַפעל —

לופט-פאַסט מיינע, טויבן-פליגל,
איילט, עס זאָל נישט זיין צו שפעט.
מיט מיין רינג, דעם מלכות-זיגל,
דו, באַקרעפטיק מיין דעקרעט.

אין פאַרוואָרפענסטע פּראָווינצן,
וואו נאָר מורדים-שנאה גליט,
זאָגט-אָן מושלים, זאָגט-אָן פּרינצן:
זעלבסט-שוץ איז דערלויבט דעם
ייד.

לאָזן יידן זיך פאַרזאַמלען,
אנשי-חייל — איין פאַראיין:
נישט צו פלאַפּלען, נישט צו שטאַמלען —
דרייסט פאַרטיידיקט זיך אַליין!

**אסתר:**

אָ, גאָט, דורך וועלכע דרכים, צום שטערבלעכן אומבאַקאַנט, פירט אוים די אייביקע חכמה, וואָס אָנגעצייכנט האָט דיין האַנט?



אייל די שרייבער — לעקלערק

## בילד איין און דרייסיק

ביי המנען אין דער היים

זרשעס גרויסע קיך. מלבושים, וועש און אַנדערע חפצים אַנגעוואָרפן ווי פאַר אַ נסיעה. זרש זיצט אַליין און נייט זעקעלעך. פון צייט צו צייט גייט זי צו צו אַ וואַנט, רוקט אַוועק אַ גרויסע, גלאַנציקע, קופּערנע פאַן און עפנט אַ געהיים טירל. נעמט אַרויס שטויסן גאָלד־מטבעות, צעליגט זיי אויף טישעלעך, ציילט, שיט אַריין אין די זעקעלעך און פאַרנייט. צען גאָלד־זעקע־לעך צו צאָלן די „מאַכערס״ פאַר אירע צען בנים.

**זרש:**

צען גאָלד־זעקלעך צו הונדערט גאָלד־מינאָרן.
מען מוז זיי ראַטעווען פון געפאַרן.
יידישע מאַכערס... אַ לייכט פאַרדינסטל... אַזוי פיל גאָלד...
און נישט אַנדערש... פאַרויס באַצאָלט.

ס׳הערט זיך אַ געררויש הינטער דער טיר. זי פאַרדעקט דאָס גאָלד. פאַרגעסט אָבער צו פאַרמאַכן די געהיימע קאַסע. זי עפנט פאַרזיכטיק די טיר. ס׳פאַלן אַריין, מיט גרויס געפילדער, המנס ניין בנים, איינער גרעסער פאַרן אַנדערן.

וואו איז ויזתא? אַ גאַנצן טאָג גאַרנישט געהאַט אין מויל.

**איש:**

אַ פּאָעט, אַ שלימזל — שטומפּיק און פויל.

**אספתא:**

דער טאַטע האָט מרדכין געפירט מיט „פּאַראַד״,
און ויזתא׳ן האָט געשמיסן אַ קאַט.

**זרש:**

וויי דער מאַמען, אַך און וויי!

**אריסאי:**

למאי קריכן צו אסתרס פאַליי?
אַ קאַמביזניק, אַ שונא־ישראל און חברט זיך מיט „זיי״ —

כ׳מיין: האסט פיינט יידן, לאָז זיי צורו —
באַזינג זיי נישט, באַזידל נישט און זיי נישט „פער דו״.

**דלפון:**

און באַקשיש? פולע טאַשן מיט ממתקים.

**אדאליא:**

פאַרן פאַרפירן מיידלעך קומט דאָך אַ פסק אים!

**פורתא:**

יעדן טאָג אַן אַנדער יפי־פיה...

**דלפון:**

אַ מאַניקירין, אויך מיר אַ מציאה!

**ארידתא:**

נו, מילא... און ווער האָט געזען מרדכי׳ס תליה?

**אריסאי:**

און ווער האָט געזען מרדכין אויפן פערד?

**פרשנדתא:**

אין דער יידישער האַנט דעם מלך׳ס שווערד!

**דלפון:**

דו שוויג שוין בעסער, פרומאַק, צבועק,
וואו זיינען די טויבן פון טאַטנס טויבנשלאַק?
פאַרקויפט צו מרדכין, אָדער — ממוכן?

**אדאליא:**

אַ קרבן צום גאָט פון די יעוונוכן.

**אספתא:**

און וואָס גייט עמיצן אָן יענעמס גליקן?
איך זאָל נישט שוינען טאַטע מאַמען,
וואָלט איך אייך, אַלע צוזאַמען,
אָט, דאָס גאַנצע בינטל,
ווי איין נישטיק הינטל,
אין מיינע אָרעמס דערשטיקן...

**פרשנדתא:**

און איך וואָלט אייך אַלע פאַרסמען.

**זרש:**

נו, קינדער, געטוג זיך צו קריגן,
מיר דוכט, די ווענט זיך וויגן,
דער באָדן אונטער מיינע פיס צאַפּלט,
ווי גאַנץ שושן וואָלט געמפּלט
מיט אַ שרעקלעך פּאַרזעעניש...
גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס
אַזאַ מין זעלנעריש גייעניש...

עס הערט זיך אַ ריטמיש טרעטן און אַ גראַגערן

**פּערס מיטן גראַגער:**

יידן, יידן הערט!

**זעלנער:**

שווערד קעגן שווערד,
שפּיז קעגן שפּיז,
פייל קעגן פייל!

**פּערס מיטן גראַגער:**

ישראלס חייל!

**איינער:**

המן וואו איז?

**המון:**

מרדכי אויפן פערד,
המן אין דר'ערד,
המן אין דר'ערד,
מרדכי אויפן פערד!

**זרש:**

מיט כעס

יידישע קנעכט!

**די קינדער:**

שרייען

מאַמע, מאַמע, די טיר ווער ברעכט?

עס עפנט זיך די טיר, ס'באַווייזט זיך אַן אָפיציר מיט זעלנער

**דער אָפּיציר:**

אין נאָמען פון יידישן חייל באפּעל איך:
אויפן אָרט בלייבן שטיין! די הענט אַרויף!

**זרש:**

קינדער, לויפט שנעל צום טאַטן, צו אסתרן, צו מלך׳ס הויף!
פרשנדתא לויפט צו דער טיר

**אָפּיציר:**

העי, פרשנדתא, נישט לויף,
צוריק, צוריק, צוריק —
צו מיר מיטן בליק!
זעלנער, פרשנדתאן קייטלעך אויף די הענט,
זוכט די אוצרות אין די ווענט!

די זעלנער קלאַפּן מיט די לאַנצן אין די ווענט. עס הילכט אָפּ אַ הוילקייט... אַ קלינגען... עס שיטן זיך גאָלדענע מטבעות. זיי צעקייקלען זיך אויפן דיל, בלינקענדיק. די בנים וואַרפן זיך קלייבן דאָס גאָלד.

הענט אַרויף! צו מיר מיטן בליק!

זעלנער, בינדט די בנימלעך מיט שטריק!
האַלט פאַרזיכטיק דער מאַמען,
קלייבט געלאַסן דאָס גאָלד צוזאַמען.
וועט זיך ווער ווערן, אין קייטן שמידט
צו צוויי-ווייז, צו צוויי-ווייז, טריט ביי טריט
די מורדים פירט צום פאָלקס-טריבונאַל.

**זרש:**

אַזאַ פינצטערניש, אָן איין שטראַל...

**אָפּיציר:**

אַזוי? זיך פאַרבענקט נאָך ליכט?
זעלנער, צינדט אָן די פאַקלען —
עס וואַרט דאָס פאָלקס-געריכט —
אַ בית-דין צדק מאַכט היינט סך-הכלען..

די זעלנער שלעפן די גאָלדזעק און קרענצן.

**איין זעלנער:**

שווער דער גאָלדזאַק, שווער.

**אַ צווייטער:**

יידיש בלוט און טרער.

**אַ דריטער:**

העי, בנים, שלעפּט —
כל זמן נאָך נישט געקעפּט.

**דער ערשטער:**

צו רויבן זיך נישט געפּוילט,
ווען פּחד האָט געגרוילט.

זרש שמייכלט איראָניש

**איין זעלנער:**

זי שמייכלט, המנס יפי־פיה!

**אָפּיציר:**

אַ שמייכל אָן אַ טעם.
די קאַסע אָפן — סתם?
מסתמא דעם אוצר געציילט.
און וואָס האָט צום חשבון פאַרפעלט?

**זעלנער:**

— די תליה!

פאָרהאַנג

## בילד צוויי און דרייסיק

אחשורוש־פּאַלאַץ

אחשורוש, זיין סוויטע, אסתר, לאה מיטן כאָר, זעלנער, חרבונה, מרדכי און פאַרשידענע אַנדערע הויכגעשטעלטע לייט ריידן אַלע צווישן זיך. די פרוי אין שוואַרצן, מיטן שלייער איבערן פּנים, שליכט זיך ביי די ווענט און בלייבט שטיין ביי דער פּערסישער אימפּעריע־מאַפּע. אסתר דערזעט זי, דערוויטערט זיך אומבאַמערקט פון דער סוויטע, קומט צו צו דער פרוי

**די פרוי:**

איך קום נאָך, מלכה, צו אייך פאַרשטעלט.
דער שלייער פאַרדעקט נאָך מיין געזיכט,
און אין מיר ציטערט נאָך די אַלטע קעלט:
זיין שטערן פינקלט נאָך אַן גלייכגעוויכט.

מיר האָבן אַריינגענומען אין אונדזער קאָן אים,
דעם גרויסן מושל, וואָס באַהערשט נישט זיך —
פאַרמאָגט אַן אימפּעריע — און נישט קיין איך!

ער קען, חלילה, אין רגעם פון שיכורן רעש,
מאַכן פון אונדז אַ הויכן באַרג מיט אַש
און נאָכדעם, גיי, צום ונתנה תוקף מאַן אים...

**אסתר:**

ממוכן, איך פאַרשטיי נישט אייערע טיפן!

**ממוכן:**

אפנים, מיין צונג נישט גענוג געשליפן.

הפסקה

הכלל, מלכה, מען מוז באַפעסטיקן מיט דעקרעט
דאָס גוטע וואָרט, וואָס דער מלך רעדט.

**אסתר:**

אַ חכם, ממוכן,
זיין חכמה ווייט צו זוכן,
און, ליידער, וואָס וואָר איז, דאָס וואָר איז —
אַ נזיר — אַ סרים!
אין הלכות נשים — וואָס ווייסטו?
אין הלכות ליבע — וואָס פאַרשטייסטו?
צווישן חכמים — דער גרעסטער;
און שטאַמלט פאַר דער קעניגין אסתר...

הייבט אויף די הענט צום הימל

איך פאַרלאַנג פון גאָט אַ העלד, אַ יורש,
פון יידיש בלוט און פון פערסישן — אַ כורש.

**ממוכן:**

איר פריידיקט, מלכה, פעלקער-כלאָים,
ווי די אומגעקומענע אין חושך פון מצרים,
ווי די פאַרשוואונדענע אין אַלטן כנען,
דעם מולך-אָפּגאָט אָנגעצונדן לכבוד מלך-מאָן...

**אסתר:**

איך פאַרלאַנג נישט פון מיין מאַן קיין אויסטערלישע באַפעלן,
איך פאַרלאַנג נישט אחשורוש זאָל מלוכה צעטיילן.
אַז מיין מזל וועט שיינען, כ׳וועל געבוירן אַ גיבור,
בירושה גייט צו אים די גאַנצע מדינה אַריבער.

**ממוכן:**

און איידער עס וועט אויפוואַקסן נאָך נישט געבוירענער גיבור,
קען אונדז אחשורוש אומברענגען אין איין צאָרן-פיבער!

פון דרויסן דערטראָגן זיך הילכיקע גרזאַנגען פון המונים

**איינער:**

זאָל לעבן כורש!

**אַ צווייטער:**

זאָל לעבן אחשורוש!
זאָל לעבן אסתר!



לעקלערק — 1712

המן אויף דער תליה

**אַ דריטער:**

זאָל לעבן מרדכי!

**המון:**

מרדכי אויפן פערד,
המן אין דער'ערד!

המן אין דר'ערד,
מרדכי אויפן פערד!

**איינער:**

המן אויף דער תליה
מיט זיין יפי-פיה.

**אַ צווייטער:**

פנים-אל-פנים
מיטן צענדליק ב-נים.

ממוכן:

עס הוליען המונים — אַ שמחה אויף אַ ווילע —
עס קאָרטשן די שטערנס פּמליא־של־מעלה...

אויף תליה הענגט המן. די המנדלעך אָרום.

אַ צווייטער המן שפּרייזט שוין ערגיץ שטום
צום מלך אויפן טראָן. נאָך כבוד, צי נאָך גאָלד?
לעת־עתה אַ פּאַסטוך, אַן אומשולדיקער יאָלד...

אסתר:

דאָס לאַנד איז פריי —
איך פאַרשטיי נישט למאַי
אין מיטן נצחון, דעם זיסן,
די שמחה זיך פאַרמיאוסן?

ממוכן:

די מלכה זאָל מער פון קיין צער נישט וויסן.

אסתר:

הלוואַי!

ממוכן:

הייבט אויף די הענט צו דער אימפּעריע־מאַפּע, פירט איבער איר מיטן פינגער

פון טאָוול איז נאָך נישט אָפּגעמעקט דער קרייד.
ס'איז ווייס אויף שוואַרץ געצייכנט די גרעניץ פון אייער טייל
אין מלכות. ווייט פון יידישן האַרץ. און דער מהלך ווייט.
געצייכנט, אָפּנים, מיט אַ ציטערדיקער האַנט,
נישט באַפּעל,
און מיט, איידל גערעדט, שלויקייטן... אַן יידישן לאַנד...
אין אסתרס האַלבער מדינה... דאָס הייליקע לאַנד נישטאָ!

הפסקה

הכלל, מלכה, מען מוז אויסנוצן די גינציקע שעה,
אַזיסטן, אין דער גרויסער שמחה — וואו זיינען מיר?
עס בלייבט פאַר יעדן המן־קאַמביז... אַן אָפענע טיר!

און מיר קענען זייערע נעצן
און מיר קענען זייער העצן —
יאָ, דאָס יאָדעניש, דאָס פרעסן...

ניין, מען טאָר דאָס נישט פאַרגעסן;
מיט אַ חופהלע פאַרדעקן,
מיט אַ שמחהלע פאַרמעקן,
נישט מיט קושן, נישט מיט גלעטן —
געשיכטע מאַכט זיך נישט אין ווייכע בעטן —
פאַרלאַנגט פון מלך פאַרזיכערונגס-דעקרעטן!

**אסתר:**

גיסט־אָן אַ ביסל וואַסער פון אַ קרוג, וואָס שטייט דערנעבן, אין אַ טעפּעלע אַריין, טרינקט, פאַרכליניעט זיך

גענוג, גענוג.
נישט געוואוסט, איר זייט אַזאַ שפּאַסער —
פאַרסמט מיר נישט דאָס ריינע וואַסער
אין דעם ערדענעם קרוג
מיט געשליפענע שטריכן —
אַך, ווער קען אָטעמען מיט פרעמדע איכן?

שטעלט אויס מלכותדיק די האַנט

קוש אַ לעצטן מאָל דיין קעניגינס האַנט
און גיי — בוי דאָס הייליקע לאַנד.

**ממוכן:**

אַ שאלה?
דאָס הייליקע לאַנד פון די דרי-מעלה!

**אַ בת־קול:**

דאָס הייליקע לאַנד פון חזיון און פאַרשטאַנד!

**אסתר:**

און, אפשר, ווארט...

פאַרריכט דעם דיאַדעם

די קרוין איז אַזוי האַרט...

**ממוכן:**

כ'האָב אויך אַמאָל געטראָגן אַ גאָלדענע היטל,
געשמט מיט אַ הויכן טיטל —
דאָס בלענדווערק פון גליק.

**אסתּר:**

איך פיל זיך היינט אַזוי לא־עליכם'דיק...
פאַרגעסן אייך צו פאַרחידושן:
דער מלך האָט חשק זיך צו יידישן!

**ממוכן:**

וואָס?
אַ גר? ער —
דער צורר?
נאָך נישט אָפּגעשאַפט המנס „דת"...

**אסתּר:**

נישקשה, היינט איז מרדכי באַלעבאָס!

**ממוכן:**

אייער פעטער, מיך האָט ער נישט אַזוי ליב,

הגם משני־למלך געוואָרן לויט מיין פּרינציפּ.

**אסתּר:**

און, אַז מען וויל, קען מען זאָגן, לפי ערך:
יוסף־הצדיק'ס דרך —
ער שרייבט געזעצן נייע פאַר אונדזער מדינה.

**ממוכן:**

נו, זייט מיר געזונט — „אסתּר די גרינע",
און ווינטשט אייער אָנקל אַ סייעתּאַ דשמיאָ!

אָפּ מיט שנעלע טריט, שרייענדיק

**פאַרלאָשן אַ נס... לאָז הוליען די המונים!**

אסתּר גייט מיט וואַקלדיקע טריט, אַ גרינלעך־בלייכע, צום טראָן. פון דרויסן טראָגן זיך קולות:

**זאָל לעבן מרדכי! באַלוין אים! קרוין אים!**

אַ גרויסער עולם רייסט זיך אַריין אין זאַל און שרייט

**המון:**

אחשורוש, באַלוין אים, —
פאַר משנה־למלך קרוין אים!

**אחשורוש:**

שמייכלענדיק, טוט אָן מרדכין אַ זילבערנע קרוין, נעמט אַ בעכער ווייַן אין האַנט, דערלאַנגט מרדכין אַ צווייטן בעכער, לייגט זיין רעכטע האַנט אויף מרדכי׳ס אַקסל

קום, מרדכי, טאַנצן —
זיין מיט פאָלק אינגאַנצן.
דיינע־מיינע ברידער־שוועסטער,
אַלע דינען גאָט פון אסתר.

אויף אונדז וואַרטן די מיליאָנען,
רעפּובליקן, קרוינען, טראָנען:
הונדערט זיבן און צוואַנציק לענדער
נישט קיין שפּיל פאַר באַקשיש־שפּענדער.

פאָלק אין צאָרן — נישט צו שפּאַסן —
גיב, ווי יוסף, ברויט די מאַסן.
ברויט און שלום... וועסט, מסתמא,
זיין אַ מנהיג מיט — נ־ש־מה!

ביי די זייטן פון די ווענט מאַרשירט אַריין, מיט האַרטע, ריטמישע זעלנער־טריט, אַ שטאַרקע וואַך

**אַפּיציר:**

שווערד קעגן שווערד,
שפּיז קעגן שפּיז,
פייל קעגן פייל,
ישראל׳ס חייל!

בעת די וואַך מאַרשירט און פאַרנעמט פאַרזיכטיק אינעווייניק דעם פּאַלאַץ, זינגען און טאַנצן די המונים: זעלנער, יידענעס, יידן און פאַרשידענע פּערסישע הויפלייט.

**המון:**

המן אויף דער תליה
מיט זיין יפי־פיה.

פנים-אל-פנים . . .
מיטן צענדליק ב־נים!

מרדכי פירט צו אחשורושן צו אסתר׳ן, גייט צו צו לאהן מיטן כאָר

**מרדכי:**

זינגט

**דיין גאָט איז אויף דיר מער נישט ברוגז, ציון,**
**דיין שטויב טרייסל אָפּ, די צייכנס פון נאַכט,**
**די קליידער פון קנעכטשאַפט אַראָפּוואַרף, באַפרייטע,**
**און ווידער דערשיין אין דיין מלכות-פּראַכט.**

**כאָר:**

זעלנער, המון און אַלע אין זאַל זינגען מיט

**„טרייסט, טרייסט מיין פאָלק — טוט־זאָגן אייער גאָט —**
**רעדט צום איידעלען האַרץ — ירושלים דער שטאָט:**
**ס׳איז איבערגעשוימט דער בעכער מיט טרער;**
**פאַרגעבן די זינד, איך דערמאָן זיי נישט מער.״**

ס׳באַוויזט זיך אַ מיליטערישער אָרקעסטער, וואָס פאַראייניקט זיך מיטן כאָר

**כאָר און אָרקעסטער:**

שושנת יעקב,
צהלה ושמחה.

**איינע פון כאָר:**

גוט פורים, מרדכי, אסתר —
קיין המן מער נישטאָ!

**אַ צווייטע:**

גוט פורים, יידן פון שושן —
קיין המן מער נישטאָ!

**כאָר, אָרקעסטער און עולם:**

פויקן, טרומייטערן, גראַגערן, טאַנצן און זינגען

שושנת יעקב,
צהלה ושמחה.

פאָרהאַנג

# עפּילאָג

## איין יאָר שפּעטער

דער ברייטער אחשורוש־פּלאַץ, אין שושן דער שטאָט. אַלע הייזער פון דעם פּלאַץ פריש־געקאַלכט. די שילדן פון די געשעפטן אָפּגעפרישטע, גלאַנצן. דער פּאַלאַץ גופא איבערגעבויט. די ציגל פון דער פּאַסאַדע בלוי עמאַלירט, גלאַנצן אין דער זון. אַ רייע מאַרמאָרנע טרעפּ, ריינע, שפּיגלדיקע. דער צענטראַלער קופּאָל פון פּאַלאַץ באַגילדט. די אַרומיקע טורעמס קאָלירט־עמאַלירט. די זיילן פון פּאַלאַץ — מאַרמאָר, די אָרנאַמענטן באַגילדט. אין ביידע זייטן פון אַריינגאַנג — צוויי עמאַלירטע ספינקס־לייבן, די פּנימער געווענדט צו די צעשפּרייטע פליגל. דערנעבן צוויי קליינע טורעמלעך פון דער דיסקרעטער וואַך. צו צוויי זעלנער אין יעדן: איין פּערסישער זעלנער און איין יידישער. אויפן אָרעם פון יידישן זעלנער אַ בלויער פּאַס מיט אַן אויפשריפט: „צבא הגנה לישראל״ (יידישע זעלבסטשוץ). אַנטקעגנאיבער דעם פּאַלאַץ אַ ברייטער שאָסיי מיט ווייסגעקאַלכטע פלאַקאַטן: „דרך לעבור גאולים״. (דער וועג פאַר די יידישע עולים). פּאַראַלעל צו דעם שאָסיי — אַ צווייטער מיט אַן אויפשריפט: „דער וועג פאַר דער אַרמיי קיין אייראָפּע״. אויף דעם וועג ציט זיך אַ לאַנגע רייע פון פּאַרשידנאַרטיקן פּערסישן חייל: רייטער אויף פערד, קעמלען, באַלאָדענע עלעפאַנטן, אייזלען, וועגענער מיט פּראָוויאַנט און אַמוניציע. פוס־גייער. מען פּאָרט און מען רייט און מען גייט אָן אויפהער.

**איין זעלנער:**

נאָך ווייט צום העלעספּאָנט?

**אַ צווייטער:**

אויף יענער זייט האָריזאָנט,<br>
אַריבער אַכט טיפע טייכן —<br>
דער ברעג פון לאַנד, דעם רייכן...

**אַ דריטער:**

יונים — עקשנים, סקיתה׳ן — בונטאַרן...<br>
אַ וועג פול מיט געפאַרן.

**אַן אַנדערער:**

זעלנער פּחדנים — ערגער ווי שונאים.

**דער ערשטער:**

ווי מילבן זיי צערייבן.

**דער צווייטער:**

פון זייער לאַנד פאַרטרייבן.

**אַן אַנדערער:**

זייערע ווייבער און סטאַדעס ברענגען אַהיים.

**אַן אַנדערער:**

מען זאָגט: אַן אָרעם פאָלק, די סקיתה'ן... הייזלעך פון ליים.

**דער ערשטער:**

יונישע טעמפלען — פול מיט גאָלד.

**אַן אַנדערער:**

אָט דאָס האָב איך האָלד.

**דער ערשטער:**

ואם תאמר מה נאכל?

**אַן אַנדערער:**

„לקחנען", אָבער מיט שכל.

**אַן אנדערער:**

וואָס טויג בחינם דעם קאָפּ זיך צו דאַרן?
מיר האָבן אַ מלך, גענעראַלן, גרויסע האַרן.

**אַן אנדערער:**

אַוודאי, „לקחנען" — אונטער מרדכי'ן — געפערלעך.

**אָפּיציר:**

באַפעל הייסט: קעמפן בראַוו און זיין ערלעך.

רעכטס ביים אַריינגאַנג אין פּאַלאַץ וואַרטן פאַרשידענע קאָלירט־געּ קליידעטע דעלעגאַציעס פון דער גרויסער מדינה מיט שלח־מנות פאַרן קייזער־ לעכן פּאָרפאָלק: אחשורושן און אסתר. האַראָלדן רופן אויס פון צייט צו צייט די נעמען פון די דעלעגאַציעס, וואָס ווערן תיכף פון קאַמערדינערס אַריינגע־ פירט אינווייניק, צום הויכן טראָן, אויף וועלכן עס זיצן מלכותדיק אחשורוש און אסתר, קייגנאיבער דעם אַריינגאַנג. מען זעט פון אויסן, ווי אחשורוש דער־ לאַנגט די דעלעגאַטן דעם סצעפּטער, אסתר שמייכלט, קאַמערדינער פאַרבעטן די געסט צו נידריקע טישלעך אין זאַל און מען איז זיי מכבד. בינו לבינו ריידן די דעלעגאַטן צווישן זיך.

**איינער:**

דער פּאַלאַץ זעט אויס ווי אַ מקום קדוש.

**אַ צווייטער:**

גאַנץ שושן זעט אויס ווי אַ הייליקע שטאָט.

**אַ דריטער:**

זינט אחשורוש דאַוונט צו אסתרס גאָט.

**אַ פערטער:**

זינט מרדכי'ס „שיכרות"-פאַרבאָט...

**אַ פינפטער:**

זינט זיין אַמנעסטיע פון שטייערן.

אַ טייל דעלעגאַטן הייבן אויף די הענט צום הימל, ווענדנדיק די פּנימער צו דער זון

**די, מיט געהויבענע הענט:**

געלויבט, ביסטו, אַרמוז, באַשעפער פון אַלמעכטיקע פייערן...

ס'באַווייזן זיך די העראָלדן, וואָס רופן ענדלעך די יידישע רעפּרעזענטאַנטן. הדרת־פּנימדיקע זקנים, געקליידט אין ווייסן, באַפינקלטע טורבאַנען. רעפּרעזענטירן די יידן פון אַלע געגנטן פון פּרס. ס'באַווייזט זיך מרדכי: אַ גרויסע זילבערנע קרוין אויפן קאָפּ, די באָרד געקרויזט און געבונדן לויטן פּערסישן שטייגער, אַ לאַנגער בלויער מאַנטל ביז די סאַנדאַלן, אַ פּורפּורנער טוניק. אַלע דעלעגאַטן שטרעקן אויס צו אים מיט אַמאָל די הענט, רופנדיק: — שלום! מרדכי פירט זיי אַריין אינווייניק צום טראָן. די דעלעגאַטן פאַרנויגן זיך, דעקן אָפּ די מתנות: ברויט מיט זאַלץ אויף אַ טאַץ פון לויטערן גאָלד, באַפּערלט אין די ראַנדן. אַ זילבערנער ארון־קודש. מרדכי זאָגט מיט דער דעלעגאַציע אַ ברכה. יעדער דעלעגאַט זאָגט נאָך מיט כוונה און לויטערער שטים. עס קלינגט ווי אַ כאָר:

**מרדכי און די דעלעגאַטן:**

געלויבט ביסטו, גאָט, אונדזער גאָט, האר פון דער וועלט, וואָס דו האָסט אָפּגעטיילט פון דיין כבוד, צום כבוד פון אַ בשר ודם. געלויבט ביסטו, גרויסער מלך און דיין מלכה, וואָס גאָט האָט אייך אויסדערוויילט פון אַל־מענטשלעכן דורות־שטראָם, צו רעגירן מיט קלוגשאַפט און יושר און גערעכטיקייט די גאַנצע וועלט. זאָל אייער רום גלאַנצן לדור־דורות.

**אַלע אין זאַל:**

אָמן, ואמן!

מען נעמט אַרויס פון ארון־קודש אַ ספר־תורה, מיט אַ גאָלדענעם, פינק־לענדיקן, קלינגענדיקן כתר. מען טראָגט עס אונטער דעם מלך. דער מלך באַ־רירט דעם גאָלד־געהאַפטענעם מגן־דוד מיט צוויי פינגער און קושט. כאַפּט בינו לבינו אַ קוק צו דער מלכה, אסתר שטראַלט־אויף מיט אַ וואונדערלעך לויטערן שיין.

**אחשורוש:**

די תורה שפּרייט אַרום איך, יידן, אַזאַ הימלישן שיין.
אַ דאַנק פאַר דער מתנה — אירע געזעצן וועלן זיין מיין,
אַז איך וועל, אם ירצה השם, איינשטילן דעם „בונט",
צוריקקומען בשלום מיט נצחון און געזונט!

איינער פון די זקנים טרעט פאָרויס, פאַרנויגט זיך טיף פאַרן מלך

**דער זקן:**

אדוני מלך,
פאַר דיין נצחון בעטן מיר טאָג ביי טאָג צו גאָט,
און הונדערט שיפן אויסגעשטאַט פאַר קעניגלעכן פלאָט,
און אין דיין חייל אַוועקגעשיקט אונדזער ייגענט: בחיר —
אַ, שיינען זאָל דיין מאַכטיקייט, די וועלט צו שלום דערפיר!

**אחשורוש:**

איר זייט יוצא אַבסאָלוט
די התחיבותן פון בלוט
און פון פליים און פון געדאַנק
און מתנות... פאַר אַלעם אַ דאַנק!

עס דערהערט זיך אַ מיליטערישער אָרקעסטער. אַ מחנה עולים קומט־אָן אויפן שאַסיי קעגנאיבער דעם פּאַלאַץ מיט צעפלאַטערטע פּערסישע און יידישע פאַנען. פאָרויס פיר רייטער, איינער אויף אַ ווייסן פערד, וואָס גלאַנצט אונטער דער זון, ווי אַ זילבער־וואָלקן. דער רייטער אין ווייסע באַגילדעטע מיליטערישע מלבושים. מען דערקענט ממוכנען, הינטער אים — זיינע דריי אַדיוטאַנטן. נאָך אים עלעפאַנטן, קעמלען, באַלאָדענע מיט פּראָוויאַנט. וועגענער מיט קרוגן וואַסער און לאָגלען וויין. קעמלען באַלאָדענע און באַזעצט מיט פרויען, זקנים, און קינדער, רייטער אויף פערד, אייזעלעך און פוס־גייער־פאָלק: מענער, פרויען און יוגנט. דער צוג באַלייט פון צבא הגנה לישראל, בלייבט שטיין. ממוכן שפּרינגט אַראָפּ פון פערד. איילט אַריין אין פּאַלאַץ. אָרקעסטער שפּילט שושנת יעקב. בינו לבינו ריידן די עולים צווישן זיך

**איינער:**

אַ ווייטער וועג?

**אַ צווייטער:**

נישט ווייטער פון דיין צוועק.

**אַ דריטער:**

נישט ווייטער פון דיין געדאַנק.

**אַ פערטער:**

נישט ווייטער פון דיין פאַרלאַנג —
צום הייליקן לאַנד...

**דער ערשטער:**

אַ וואונדערלעכער גאַנג,
ממש אַ חלום...

**דער צווייטער:**

צווישן מלחמה און שלום.

**אַן אַנדערער:**

דאַרף מען זינגען, דאַרף מען לויבן.

איניקע הייבן־אָן זינגען.

„טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאָגט־אָן אייער גאָט,
רעדט צום איידעלען הארץ — ירושלים, דער שטאָט"...

**אַ יינגל:**

טאַטע, טאַטע, איבער אונדז פלאַטערן טויבן.

**דער פאָטער:**

אַ גוטער סימן.

**איינער פון די זינגער:**

שטערט נישט דעם הימן.

**אַ מיידל:**

מוטער, די מלכה וועט נאָך לאַנג דאָ־הי פאַרבלייבן?

**די מאַמע:**

מיר וועלן איר גוטע בריוועלעך שרייבן.

**אַ צווייטע יידענע:**

מיר וועלן איר שלח־מנות שיקן: שיינע בלומען.

**דאָס מיידל:**

וועט זי צו אונדז קומען?

איבערן אריינגאַנג צום פּאַלאַץ לאָזט זיך אַראָפּ אַ גאָבעלין קאָלירט־אויסגעהאַפטן: **דער מלך און די מלכה אויפן טראָן.** אויפן באַלקאָן איבערן אריינגאַנג צעפּלאַטערט מען צווײ פאָנען: די פערסישע און די יידישע. ס'באַווייזט זיך אסתר אין אַ גרויסער, פינקלענדיקער קרוין, אין מלכות־קליידער. צו איר רעכטער האַנט תמר פירט אַ קינדער־וועגעלע, צו דער לינקער האַנט — לאה, הינטער אסתרן — אַ סילועט — אחשורוש. צו זיין רעכטער האַנט — מרדכי, צו זיין לינקער האַנט — ממוכן. אין פּערספּעקטיוו — קאָמערדינער און די דעלעגאַטן. אָרקעסטער שפּילט אויף „שושנת יעקב. אסתר באַווייזט איר קינד צום עולם.

**דער עולם יובלט:**

**אַ יורש!... ירום הודו!... אַ יורש!...**

**— אחשורוש! — אסתר! — מרדכי! — כורש!**

**אחשורוש:**

פון באַלקאָן צעטראָגט זיך זיין פעסטע שטים. די אַרמייען סאַלוטירן

**פּערסיאַנער! מיר מאַרשירן צו לענדער ווייטע,**
**נישט, חלילה, צו רויבן, מאָרדן און פעלקער צו פּאַרטיליקן:**
**מיר פאַרלאַנגען פון די פעלקער פון דער וועלט: שלום!**
**אַ סימן־מובהק פון גודוויל צו פאַרווירקלעכן דעם גאָלדענעם חלום,**
**זאָלן זיי — ערד און וואַסער פון זייער לאַנד — און, פאַרשטייט זיך, פיינע מתנות פאַר דער פּרס־קרוין, באַוויליקן.**
**מיר מאַרשירן די צעשטיקלטע וועלט אונטער דעם פרידלעכן הערב**
**פון הונדערט זיבן און צוואַנציק פעלקער צו פאַראייניקן.**
**די מורדים אין וועלט־שלום; פעלקער — ווידערשפעניקער־פאַרשייטע —**
**מיט כלי־זיין צו אונדזער טראָן־און־סצעפּטער — אונטערטעניקן!**

**די אַרמייען:**

**הו־ראַ!.. הו־ר־אַ־אַ!.. הו־ר־ר־אַ־אַ!..**

אייראָפּע־אַרמיי מאַרשירט אָפּ....

**די עולים:**

אָרקעסטער שפּילט אויף „שושנת יעקב". ממוכן דערנענטערט זיך מיט איילנדיקע טריט אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ. מען פירט צו זיין ווייסן פערד. ער שפּרינגט אַרויף, גיט אַ צייכן מיט דער האַנט צום מזרח. די עולים־מחנה רירט פון אָרט, טאַנצנדיק און זינגנדיק:

**„טרייסט, טרייסט מיין פאָלק — טוט־זאָגן אייער גאָט;**
**רעדט צום איידעלען הארץ — ירושלים דער שטאָט"....**

**פאָרהאַנג**